STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02795

TSVEY VELTN

Sz Horonczyk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02795-2

D:\YIDDISH\Titles\9780657027957T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional
symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our
colophon comes from a design by the noted artist
Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

שמעון האָראָנטשיק

צוויי וועלטן

ז ײ נ ד, ראָמאַן

דאָרט וווּ די זשיראָנד פאַלט אַרײַן אין ים

דערציילונג

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע

Printed in Poland
Sz. HORONCZYK — CWAJ WELTN
—Copyright by Spółdzielna Wydawnicza—
„Kultur-Liga", Warszawa 1935
Druk. „Pośpiech", Warszawa, Św. Jerska 32

Y 568, c.1

ז י נ ד

ראמאן

דאָס ערשטע קאַפּיטל

דאָס שטעטל איז די לעצטע אַנדערהאַלבן מלחמות-און אָקופּאַציע-יאָרן צוגעוווינט געוואָרן אַ סך חטאים צו פאַרשווייגן דעם יינגוואַרג, צו מאַכן זיך נישט זעען און נישט וויסן, ווייל — ווי דער רב האָט געזאָגט אַנומלטן אין שול אין דער דרשה: די לופט פון די שלאַכט-פעלדער ברענגט מיט דאָס הפקרות, די צייט איז אַזאַ... אָבער אַזעלכעס: אַן עלטערע פרוי, אַ פערציק יאָריקע אַ מאַמע פון דערוואַקסענע קינדער, זאָל צו טון האָבן מיט אַ זיבעצניאָריק יינגל — דאָס האָט שוין איבערגעפולט די מאָס!

ס'שטעטל האָט געקאָכט...

ואין בית מדרש, אין אַן אָנהויב ווינטער-טאָג, ביי קוים מיט אַ פראָסט-הייטל באַצויגענע שויבן. נאָכן דאַווענען, ארום איינגעהייצטן אויוון, פאַרן אַהיימגיין עסן דאָס נישט איבעריק באַטעמטע אָנבייסן: קאַרטן-ברויט מיט שיטערן קליין-באָרשטש— האָט עזריאל דער שמש, דער מיט דער ווייסער גענעראַלסקער באָרד, מיט רויטע בעקעלעך, ווי אַ פאַר-מלחמהדיק כלה-מיידל, נאָר מיט אַ רייסעדיק קול פון אַן אַלטן כוסה-בחור — דערמאָנט די עלטערע באַלעבאַטים, אַז לויט זיין זכרון — וואָס גענאַרט איב קיינמאָל נישט — האָט זי, די בעל דברטע — די אַלמנה לאה — געזויגן הערשלען, נאָכדעם ווי די מוטער איז אָפּגעשטאָרבן אין קימפּעט נאָכן האָבן אים; — יאָ, זי, לאה פעלצנער האָט אים געזויגן, איך געדענק עס גענוי...

און אָט דאָס, אַז זי האָט איצט ווייבערישע עסקים מיט דעם זעלבן, וואָס זי האָט אַלס קינד געזויגן מיט איר מילך — האָט דאָ ארויסגערופן אַ שטורעם. און בער — דער הויכער און

דיקער, מיט דער גראָבער קאַרטאָפּל־נאָז און ווילד פאַרוואַקסענער באָרד גאָר נישט לויט זיינע נאָכנישט דרייסיק יאָר — בער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ וואָסערע צוויי דריי יאָר צוריק, ווען זיין פאָטער — שמואל אריהס — האָט זיך געשדכנט צו דער דאָזיקער רייכער אלמנה לאה פעלצנער, האָט זי אים אָפּגעזאָגט מיט אַזאַ זייטיק דיפּלאָמאַטיש זאָגל:

— ווי פעלט אייך איין, ר' שמואל, ווי קאָן דאָס גאָר זיין, איך — מיט אייך?... און איך האָב גערעכנט, אַז איר מיינט מיט אייער עלטסטן זון בער...

ער, בער, האָט זיך עפּעס געפילט, ווי די רייכע און שיינע אלמנה וואָלט מיט אַט דעם, וואָס מ'דערציילט דאָ — אים באַעוולט און באַליידיקט; אפשר האָט דערין אויך געשטעקט אַ קאָפּ פאַרדרוס, ווייל זיין יינג, נאָר נישט שיין ווייבל זעט אויס קעגן דער היפּשלעך עלטערער, נאָר געשטאַלטיקער און שיינער לאה פעלצנער, ווי אַ פלעדערמויז קעגן אַ פּאַווע. בער האָט זיך אָנגעצינדן מיט כעס, און שלעפנדיק אַראָפּ דעם קאַליריקן שפּענצער־אַרבל איבער דער אָפּגעדעקטער גראָבער און רויטער האַנט מיט ווייסע פּרענגעס פון די אָפּגעוויקלטע רצועה־פּאָסן, האָט ער מיט די מגושמדיקע ליפּן אַ וואָרף געטון אין רעדל אריין:

— אַ טמאה איז זי, אַ געמיינע טמאה.

דער קרענקלעכער, גרין און געלער, גראָ־בערדלדיקער רב, אין אויסגעריבענעם צוויקל־קאָליריקן סאַמעטענעם כאַלאַט, פאַרבונדן ביים בויך מיט אַ פּאַסיקל — האָט מיט זיין ווייך שלום־מאַכנדיק קול געשריגן פון זיין שטענדער, אויבן אָן:

— יינגערמאַן, נו, נו! זיי נישט מוציא שם־רע אויף אַ יידישער טאָכטער. כ'דערלויב נישט, מ'ווייסט נאָך גאָר נישט...

איז געוואָרן אַ גערודער און געטומל אין דער קופּע אריין...

— וואָס הייסט מ'ווייסט נישט... ע, רבי, מ'ווייסט שוין גאָר!... די מאַרק־פּאָרער האָבן זיי געטראָפן צוזאַמען ביינאַכט...

— ווי לאַנג מ'ווייסט נישט קלאָר, ווי לאַנג עדות קומען נישט, מאָר מען נישט, כ'על נישט צולאָזן! — האָט דער אויס־

געווייסטער רב אויסגעשריגן. און ריכטנדיק זיך מסתמא, אז מ׳וועט אים אפּעגן רעדן, האָבן אים שוין די ביינדלדיקע הענט אָנגעהויבן צו ציטערן, אַז ער איז נישט ביכולת געווען זיך דאָס צעעפנטע סאַמעטענע פּאַסיקל צו פאַרבינדן אַרום בויך.

איצט ערשט, נאָכן רבס זאָג, האָט זיך דאָס רעדל שמועסערס רעכט צעזאָדן, צעשמועסט מיט די הענט און מיילער, קעפּ מיט בערד האָבן זיך געבויגן איינס צום אַנדערן, זיך אָנגענומען ביי די שפּיצן און אין מיטן, זיך געשאָקלט אין דער ברייט און אין דער לענג... יעדער האָט געוווסט עפּעס... דאָס רעדל איז שוין געשטאַנען אַרום רבס שטענדער, און דער לאַנגער מרדכי — מאָגער, הויך און איינגעבויגן, ווי צום איבערברעכן זיך, שוואַרץ ווי אַ טאָטער און דאָס פּנים באַדעקט מיט רויטלעך ברודיקע פרישטשעס — דער הויכער מרדכי, וואָס זיין פאַרשטאָרבן ווייב איז געווען לאה פעלצנערס אַ קרובה, און ער האָט שטאַרק געלעבצט נאָך לאהס פאַרמעגן און פּונקט אַזוי שטאַרק נאָך לאהן אַליין אויך — ער האָט איצט שוין צום צווייטן מאָל אָנגעזען, אַז ער בלייבט אויף טרוקן און אַז בחינם האָט ער זיך געקוועלט אָן אַ באַלעבאָסטע אין שטוב גאַנצע צוויי יאָר — האָט ער זיך אָנגערופן מיט זיין כאָרכלענדיק קול און מיט ידער העזה פון אַ למדן, וואָס ווערט נישט נתפּעל אַפילו פאַרן רב:

— איה, רבי, זוכט אויף איר נאָר נישט קיין זכות, די גאַנצע אַרבע מיתות בית־דין פאַרדינט זי זיך... זי איז נאָך ערגער פון אַ פּראָסט פּשוטער זונה...

נאָך מרדכיס דאָזיקן זאָג האָט זיך דער עולם דערשפּירט פעסטער. ס׳איז געוואָרן אַ גערעד, אַן איבערשריי איינער דעם אַנדערן... מ׳האָט געשמועסט, געוואָרפן רייד — וואָס מ׳וואָלט איר, דער דאָזיקער, געדאַרפט טון, ווייל זי פאַרזינדיקט די שטאָט, נאָר מ׳קאָן גאָרנישט טון, ווייל די דייטשן, די זעלנער און זשאַנדאַרן, וועלן נישט לאָזן.

— געוואָלט געשריגן — האָט זיך לייזער פּלוי, אין וואַטירטן קורטקעלע פון געשטרייפטן הויזנצייג, צעשריגן — ציפּ־

דיק זיך דאָס מאָגערע גראָע בערדל פון בײדע באַקן: — עמלק רשע, ימח שמו וזכרו! מער העט־סטו נישט פון זײ, װי געזעץ און געזעץ, אַלץ הײסט בײ זײ געזעץ!... ברענגען אַביסל לעבנסמיטל פאַר די הונגעריקע מײַלעכלעך פאַרװערט ס׳געזעץ, נאָר פאַר־זינדיקן אַ שטאָט — אױף דערױף איז ס׳געזעץ חולה!...

און הערש קצב, װאָס איז צײַטנװײַז משוגע, איז געװאָרן רױט און גענומען סאָפּען, װײַל שטרײַבער — דער װאַכמײַסטער האָט אים אַנומלטן צוגענומען אַ װאַזשנע יאַלעװקע...

— די דײַטשן!... — האָט הערש קצב שױן געברומט, רוצחיש אַ שאַר געבנדיק זיך דאָס שפּיציקע פּוטער־היטל ביזן שפּיץ הױלן קאָפּ אַרױף און געקוקט אַרום זיך, װי אַ צעװילדעװעטער אָקס — די דײַטשן!... לע־כער און בראָנדיקע געשװירן!... — אַזש דער רב, הערנדיק, אַז מ׳רעדט דאָ אױפן מלכות און מ׳זידלט און מ׳שעלט — און װענט האָבן אױערן און ער, אַלס „קולטוס פאַר־שטײער", איז דערפאַר פאַראַנטװאָרטלעך — האָט ער גיך־גיך, װי בײ אַ שרפה, אַ כאַפּ געטון זײַן טלית־זאַק, און אַנטלאָפן פון בית־מדרש אַרױס — נאָר נישט צו הערן און גאָר נישט צו װיסן.

דאָס צװײטע קאַפּיטל

דאָס נאָכנישט אכצניאָריקע ברײטבײניקע בחורל הערשל, מיטן רונדיקן פולן פּנים, מיט דעם װײַכן בלאָנדן פוך אױף דער אױבערשטער ליפּ, מיט די אַביסל בולטע נאָזפליגלען און גראָע אָפענע אױגן — הערשל האָט װײַטער געאַרבעט בײ זרחן אױפן ברעטער סקלאַד. דער סקלאַד איז שױן אײגנטלעך גאָר קײן סקלאַד נישט געװען. די דײַטשן האָבן שױן געהאַט פון דאָרט באַלד אַלץ צוגענומען: די בעלקעס האָבן װי גענומען אױף שװעלן צו דער נײַער קלײנבאַן; די ברעטער — אױסצולײגן אַ שאָסײ־װעג קײן איזשביץ, און דאָס איבעריקע געהילץ אַלס ברענמאַטעריאַל צו הײצן זײערע װױנונגען און די װױנונגען פון זײערע געליבטע.

זרח בליצן, דעם באַלעבאָס פון האָלץ־סקלאַד — מיט דעם פײַנעם קרומלעך אַרױפגעזעצט קאַראַקול־היטעלע, קורץ פּעלצל און הױכע שטיװל מיט... אױף גלאַנץ געפּוצטע שטיװעלעך — זרחן

איז שוין איצט קיין שום וווילערישע חכמהלעך און קיין שום שיקסע־עסקים נישט אין זין געלעגן. זרח בליץ איז געווארן פון טאג צו טאג ערנסטער און שווייגנדיקער. די קוויטן, וואס די דייטשן האבן אים ארויסגעגעבן אויף דעם צוגענומענעם געהילץ, האט ער געטריי באהאלטן אין א שטארק ליוונטן זעקל. דאס זעקל איז מיט יעדן טאג אלץ שווערער און פולער געווארן, אבער קיין געלט פאר דער סחורה האט ער אלץ נישט געזען. הערשל איז נאך דערווייל געווען אין סקלאד, ווייל אזוי ווי דער באלעבאס האט גאנצע טעג געהאט צו לויפן און צו פארן וועגן געלט פאר די באקומענע צעטלען, און זרח איז אן אלמן — מיט עטלעכע וואכן צוריק איז אים דאס ווייב געשטארבן פון א קרעבס — האט דאך עמיץ געמוזט אין דער היים זיין - איז עס געווען הערשל.

נאך דעם לוין האט הערשל שוין לאנג נישט אין די אויגן געזען. זרח בליץ האט קעגן זיין „מענטש” געהאנדלט פונקט אזוי, ווי די דייטשן קעגן אים: זיי האבן — צוגעזאגט, האט ער זיין „מענטש” — אויך צוגעזאגט; זיי האבן נישט געצאלט, האט ער — אויך נישט געצאלט.

ער, דער זיבעצניאריקער הערשל, האט מן־הסתם נישט געוווסט נאך וועגן דעם, וואס מ'רעדט שוין אין שטאט... ער האט ווייטער יעדע פרייע שעה פארברענגט מיט דעם קוים אביסל עלטערן פון אים חבר פון די קינדער יארן — מיט מלכן, גאר געקומען צו אים אהיים. לאחס (מלכס מוטער) פארשטארבענער מאן איז געווען א ברודער פון וואלף פעלצנער — הערשלס זיידע. אזויערנאך זענען זיי געווען קרובים.

וואלף פעלצנער דער פוטער־אייער סוחר (די גאנצע פארצווייגטע משפחה האט זיך געהאלטן ביי דעם דאזיקן מסחר) איז געווען אלט, שווער, ברוגז אויף דער גאנצער וועלט, און געלעבט אפגעזונדערט פון מענטשן. פון דעם וואס מ'שמועסט אין שטאט וועגן זיין איניקל און זיין שוועגערין — האט ער דאס מינדסטע נישט געוווסט, און קיינער האט נישט געוואגט אים דאס צו דער־

ציילן, און אויף זיין אייניקלס גיין צו מלכן אהיים האט ער גאר נישט געזאגט און גארנישט געהאט צו זאגן. די אייניציקע נישט געראטענע און נישט קלוגע, מיט משונהדיקע קאפריזן אנגעפיקע־ וועטע טאכטער, וואס איז אים געבליבן פון אלע עלף קינדער, און האט אים געפירט די באלעבאטישקייט — האט אויסגע־ מיטן מענטשן, נישט ארויסגעגאנגען פאר א טיר. זי איז געווען נישט ביים קלארן שכל, האט גאר שטענדיק אונטערגעברומט ביי דער קיך אין די טעפ אריין, איר אייביקן משונהדיקן פזמון מיט א מין טאן, ווי רעגן־טראפנס פון א געלעכערטער רינע:

— „פעשע חיהס האט שוין חתונה געהאט... ליאליע זאל זיך גטן... טרייגע דער טוקערקעס האט נישט קיין שבת־קליידל... טשיפע דריפע די גענז גייען באר׳וועס"...

צי דער אלטער וואלף האט דאס אייניקל אזוי שטארק גערן געהאט, איז אויך נישט זיכער. אויף דעם פאטער הערשלס, וואס האט איצט געוווינט מיט א ווייב ערגעץ אין א ווייטער שטאט, האט ער געהאט, ווער ווייסט פאר וואס, אן איינגעגעסענעם האס, איינגעגעסן ווי זשאווער אויף אלט אייזן. זיין נאמען האט מען דעם אלטן נישט געטארט דערמאנען. זיי זענען איצט געווען אינגאנצן פרעמד. נאך פרעמדער, ווי פרעמדע.

קיין גאר אנזעעוודיק נייעס איז אייגנטלעך נישט פארגע־ קומען. זי, לאה די געשטאלטיקע און שיינע, מיט א פנים היפשלעך יינגער און פרישער ווי לויט איר עלטער, מיט די רונדיקע שווארן־ צע גלאנציקע אויגן און שיינע הענט — זי איז, שמועסט מען, א קאלטע און נישט גוטע, אפילו צו די אייגענע קינדער. אבער צו הערשלען האט זי זיך דווקא יא גוט באצויגן, אזוי גוט, אז פון איר איז דאס געווען א זעלטנהייט. אירע קינדער האט זי געגעבן צו עסן די מאלצייטן, ווי א מוז זאך און ווייטער גארנישט; הערשלען פלעגט זי אלעמאל אונטערשטופן עפעס, ס׳האריץ צו דערבאפן. צו די קינדער פלעגט זי קיינמאל קיין ווייך ווארט נישט רעדן, און א פשיטא שוין — עפעס צערטלעכעס; הערשלען פלעגט זי ווארעם אנקוקן, און דערנאך, נאך זיין אויפנאשן עפעס פון

איר האַנט, פלעגט זי איבן אַ גלעט טון און ווידער אַ גלעט טון...
אייביקוויין אזוי, ביז זי האָט אים שוין, ווען קיינער איז נישט געווען, גאָר לאַנג און ווייך געגלעט איבער די בלאָנדע געדרייטע האָר ביז אַראָפּ צום האַלז, און דערביי פלעגט זי אַזוי באַזונדער, מיט אַ קוים געעפנט מויל, פון וואַנען די שפּיצן ציין האָבן זיך אַרויסגעזען — שמייכלען. און די אויגן אירע האָבן אים אָנגעקוקט מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך, איבער וועלכע ס'איז געווען פאַרצויגן ווי אַ שלייער.

דערמיט האָט עס זיך אָנגעהויבן מיט אַ יאָר צוריק, באַלד ווי די דייטשן זענען אהער געקומען. דערנאָך איז עס אַזוי געגאַנגען ווייטער, אַביסל מער, און נאָך אַביסל מער. אָבער גאַנץ ווייט איז עס נישט דערגאַנגען. ערשט אַט־אַט, די לעצטע חדשים, האָט צווישן דעם זיבעצניאָריקן בחורל און דער פערציק יאָריקער פרוי אָנגעהויבן צו דערגיין צו שוין כמעט אינטימע „ער־זי" באַציונגען, אָבער געקומען איז דאָס גאָר פון זיין — הערשלס זייט. ער, דאָס בחורל נאָך מיט אַ פוך אויף דער אויבערשטער ליפּ, האָט דער ערשטער זייערע נאָך כלומרשט פון אַן עלטערער קרובה צו אַ יינג בחורל מאַמישע באַציונגען צוגעגעבן דעם רייץ און כאַראַקטער פון פלאַטערדיקע גלוסטונג און היים־פיבערדיקער פינגער־און ליפּן־באַרירונגען.

ער, דאָס יינגע קליינשטעטלדיקע בחורל, האָט זיך איינגאַנצן קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן, פון וואַנעט דאָס האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן; ווי אַזוי עס איז געקומען, אַז די פאַמיליאַרע צערטלערייען פון זיין וויטלעכער, כמעט דריטהאַלבן מאָל עלטערער קרובה — זענען ביי אים איבערגעגאַנגען אין שפּילערייען פון אַן „ער" מיט אַ „זי", און — געשטיגן אַלץ העכער...

ער האָט דערפון נישט געטראַכט. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר אים געעפנט. ער האָט רק געלעבט אין אַ כסדרדיקן פיבער. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויפן אָוונט — אַהין צו גיין צו איר; זיך באַמיט אויסצופּלערן די ביטרעסטע שפּיצלעך, אַבי מיט איר אַליין צו בלייבן אויף שטוב.

איבעריקנס, צו דעם נולעגט זי אים אויך צוהעלפן: זי האט שטענדיק געפונען א געלעגנהייט איר זון אוועקצושיקן, און אזוי אויספאסן הערשל זאל נישט מיטגיין, נאר דא בלייבן, מיט איר.

זי פונדעסטוועגן האט זיך נאך יעדן מאל פארברענגען מיט אים — מאמענטאל צוריק געפאסט, אנגענומען איר געוויינלעכע האלטונג. ער אבער איז יעדעס מאל נאך אזא שפילן געווען צעפלאמט און צעברענט, אזוי אז זי פלעגט אים ווינקען מיט צוזאמענגעצויגענע ליפן, שמיצערן צו אים, ווי צו א קינד: בחורל מיינער, מאנסביל יונגער, ששש... אויב אבער דאס אלץ האט נישט געהאלפן אים ארויסצושלאגן פון דער צעקאכטער צעחושטקייט, האט זי געזוכט אים פטור צו ווערן פון שטוב ארויס:

— גיי אהיים, גיי איצט אהיים — האט זי געמאכט מיט די ליפן און אים די האנט געגלעט. —

אבער אויך אין דער היים איז ער נאך געווען צערודערט. גאנצע נעכט האט ער געשוועבט אין פיבער־בילדער, אין די היץ־בילדער, וואס זי האט פאר אים אנטפלעקט, און זיין צעפלאקערטער מוח האט זיי איצט ווייטער געשפונען, און פון טאג צו טאג איז ער געווארן אלץ מער נישט דער זעלבער...

* * *

יעדע לאנגאניקע געוווינהייט האט אמאל געהאט איר אנהויב — אין דעם בחורל הערשל, אין אים אינעווייניק, איז געלעגן דער אנהויב פון אט דער געשיכטע ווי א פארקניפט שטריקל אין א טיפן ברונעם; געלעגן סתם אזוי, ווייל עס איז אהין אריינגעפאלן, כאטש ארויסגעשלעפט פון דארט האט מען עס קיינמאל נישט. — הערשל האט גאר נישט געזוכט אנצוטאפן ביי זיך אין מוח דעם אנהויב. ער איז אים נישט נייטיק געווען. הערשל האט געלעבט איז א זיס פייניקנדיקן פיבער־צושטאנד, און צו גריבלען זיך איז ער איבערהויפט נאך צו יונג געווען.

אנגעהויבן האט זיך דאס, אייגנטלעך, פון יענעם טאג, מיט עטלעכע חדשים צוריק — סוף זומער־צייט — זרח בליץ האט געשיקט זיין „מענטש" הערשל מיט עפעס א שליחות צום זשאנ־

דאָך. דער זשאַנדאַר ווינקט אַביסל אויסער דער שטאָט, בײַ אײַנער אַ יונגער קריסטין, וואָס דער מאַן איר, דער פּאַרמעגלעכער לאַנדווירט, איז אויף דער מלחמה אין דער רוסישער אַרמיי. עס איז געווען שפּעט נאָכמיטאָג; ווען הערשל איז אַהין אַרײַנגעקו־מען, האָט ער דערבליקט די יונגע פול־גופיקע קריסטין שטיין ביז אין דער העלפט נאַקעט, נאָכן אָפּוואַשן זיך, אירע טונקל בלאָנ־דע האָר, גלאַנציקע און פייכטע, זענען געווען צונויפגעגלייגט אין צעפּ אַרום קאָפּ, און דער זשאַנדאַר שטרייכער, מיט די דיקע שוואַרצע וואָנסעס און ציגיינער־פּנים, האָט מיט זײַנע הענט און בוראַק־רויט פּנים זאַפּטיק זיך אײַנגעגראָבן אין איר היפּשלעך אָפּגעדעקטן בוזעם...

דערבליקנדיק דעם אַרײַנגעקומענעם בחור, האָבן זיי זיך גאָר נישט זשענירט. זיי האָבן אים אָנגעקוקט און געלאַכט — אָפּנים פון קעגנזייטיקער פרייידיקער הנאה — נאָר שטרייכער, אין גרינעם אַמט־רעקל, האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן פון אַ גלייבווערטל און זיך אָנגערופן צום אַביסל צעטומלטן יינגל, נאָכמאַכנדיק דאָס לשון פון די שטעטלטיקע יידן:

— נו, וואָס ווינטשט דער ליבער הערר פאָן דעם אַלער בעסטן השרין וואַכמייסטער אונד אַלער גרעסטן פּאַניע קאָמענ־דאַנט?

אויב דער צעבאַלעוועטער דייטש האָט מיט זיין אָנרופן זיך געמיינט אָפּצולאַכן פון דעם אַרײַנגעקומענעם, האָט ער קנאַפּ געטראָפן אין ציל — דער בחור האָט כמעט נישט געהערט, וואָס ער האָט צו אים גערעדט. הערשל האָט גאָר נישט געהערט. ער האָט בלויז געגלאָצט אויף דער האַלב נאַקעטער פרוי. ער איז געווען בלאַס, און האָט געסאָפּעט. ס׳האַרץ האָט אים סכנותדיק געקלאַפּט.

דעריאָך, אַרויסגייענדיק, האָט ער גאָר נישט געדענקט, וואָס דער זשאַנדאַר האָט צו אים גערעדט וועגן דעם, צו וואָס מ׳האָט אים אַהער געשיקט. אַ באַזונדער מין וואָרימען ציטער האָט ער

אין זיך געפֿילט, וואָס אַזעלכעס האָט ער נאָך ביז היינט קיינמאָל נישט געפֿילט.

אַט דער צופֿעליקער מאָמענט האָט מיט איינמאָל דאָס קליינ-שטעטלדיקע בחורל אַרויסגעבראַכט פֿון דער יונגלישקייט און אין אים ראַפּטום אויפֿגעוועקט דעם מאַנסביל. ער האָט איצט, צוריקגייענדיק, שוין גאָר אַנדערש אָנגעקוקט די אים אַקעגנקומענדיקע פֿרויען: שוין מיט אַ גאָר אַנדערן בליק. אין אים אינעווייניק האָט עס געברויזט, ווי די כוואַליעס אין אַ טייך בעת אַ שטורעם. און עטלעכע אָוונטן שפּעטער, ווען ער איז צופֿעליק געווען אַליין מיט זיין ווייבלעכער קרובה אין צימער — מלך איז יענעם טאָג שפּעט געקומען צופֿאָרן פֿון דאָרף פֿון אויפֿקויפֿן פֿוטער און אייער — און לאַז פֿעלצנער האָט ווי עפּעס — נאָכגעבן אים עפּעס צום נאַשן, מיט איר אויסגעוואַרעמטער האַנט אַ גלעט געטון אים איבערן פֿולן פּנים — פֿון שטערן־ווינקל ביז אַראָפּ צו דער גאָמבע, פֿאַרנדיק דאָרט לייכט מיט די אַביסל צעשפּרייטע לענגלעכע פֿינגער — האָט דער בחור פּלוצלונג מאָדנע עפּעס אַ קוק געגעבן אויף איר: איר פֿיגור און שיין ווייבלעך פּנים מוזן אים האָבן מיט עפּעס דערמאָנט די מיטן זשאַנדאַר — ער איז פּלוצלונג געוואָרן רויט, ווי מ׳וואָלט אַ פּאָר ליטער בלוט אים אין קאָפּ אַריינגעגאָסן; די אויגן זענען אים געוואָרן ווי צוויי שויבן, ווען אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ אַ נאָענטע שׂרפֿה; הענט און פֿיס זענען אים געוואָרן פּלאָנטערדיק. ער האָט אויף איר דאָס ערשטע מאָל אַ נאַצוווּנגערישן קוק געטון. דאָס זיבעצניאָריקע יינגל האָט אויף איר, דער עטלעכע און פֿערציקיאָריקער פֿרוי, אַ קוק געטון, ווי אויף אַ זאַך, וואָס איז באַשאַפֿן פֿאַר אים צו באַהערשן:

— הוך, הוך, כּי־כּי־כּי!... — האָט ער אומזיניק געצירומט, שטופּנדיק זיך מיט זיין קערפּער אַלץ פֿעסטער צו איר. די נאָז האָט זיך אים אויסגעשפּיצט, און די נאָז־פֿליגלען האָבן אים געפּלאָנטערט... ער איז אין דער מינוט געווען געגליכן צו אַ יונג בוואַטסקע זשרעבעצל, ווען עס טוט זיך אַ לאָז מיט דער עיִשט

דערוואַכטער פייערדיקער שענלעכער צערטלעכע אויף איר, זיין אייגענער מוטער — און זי, די מוטער, ניט זיך אים אָפּ מיט דער זעלבער ליידנשאַפֿט. ווי אַמאָל, שוין לאַנג צוריק, יענעם, וואָס האָט אויף דעם זעלבן אופֿן זי באַציוגן, באַשאַפֿן זי אַז דער, וואָס טיילט מיט איר איצט דאָס זעלבע... — —

דאָ איז אַביסל אַנדערש געווען: די פֿרוי האָט זיך די ערשטע רגע אַביסל דערשראָקן, געבליבן שטיין פֿאַרבליפֿט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט דורך אַן אומפֿאַרזיכטיק אוועקגעוואָרפֿן שוועבעלע אָנגעמאַכט אַ שׂרפֿה און איצט שטייט ער אין אַנגעזיכט פֿון דעם פֿייער, וואָס ער האָט אַליין באַשאַפֿן. אָבער — נישט לאַנג. דער פֿיבער און גלוסט פֿון דעם אָקאָרשט דערוואַכטן יינגל האָט זיך אין אַ רגע אויך צו איר איבערגעטראָגן. זי איז שוין געשטאַנען פֿאַר אים אַ געבויגענע, אַ באַצוואונגענע. אויך אין איר האָט זיך שוין געגונדן דער שוין אַזוי לאַנג נישט געפֿילטער פֿלאַקער. דער אַמאָליקער מיידלשער ברענענדיקער באַגער, וואָס ביי איר שטענדיק שווינדזיכטיקן מאַן איז ער קיינמאָל נישט געוואָרן געשטילט און געבליבן אין איר דערשטיקט, ווי אַ פֿייער אויף אַ האַרבסטיקן פֿעלד,וואָס פֿאַסטוכעס האָבן עס פֿאַרדעקט מיט מיסט — — — — אַן אוממעכטיקע האָט זי איר גוף איבערגעגעבן דעם מיט צוויי צענטליק יאָר פֿון איר ייִנגערן מאַנספֿאַרשוין, וועמען זי האָט, אַלס קליין קינד, מיט איר מילך געזויגן.

עס בחור איז וואָס אַ רגע דרייסטער געוואָרן. זי האָט מיט די לעצטע ווי פֿאַראַליזירטע כּוחות אַרויסגעפֿרייט:

— אוי... מ׳גייט... אַוועק!... — אַזוי האָט זי אים קוים אויף אַ רגע פֿון זיך אַוועקגעקריגן און איז גיך אַריין אין אַ צווייט חדר.

יענעם אָוונט האָט דאָס זיך מער נישט איבערגעחזרט, אָבער פֿון דעמאָלט אָן האָט עס זיך שוין היפּשע עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. און ביידע האָבן קיין רו נישט, און ביידע פֿלאַקערן, און ביידע זוכן יעדע געלעגנהייט צו בלייבן אַליין — זאַלבעצווייט...

דאס דריטע קאפיטל

ווייט און ברייט איבער פעלדער און לאנקעס איז געלעגן אויסגעשפרייט א ווייכער שניי. נאך דער ביינאכטיקער זאוויערוכע איז איצט געווען אזוי שטיל, אז עס האט זיך געדאכט, אז דער ביינאכטיקער בייז ברומענדיקער צעהוליעטער שניי־שטורעם — א פארמאטערטער און מידער — ליגט איצט אונטער דעם איינגעליגטן שניי, ווי אונטער א ווייסער פוך־קאלדרע און שלאפט זיין טויט־מידן שלאף.

ארומט דא און דארט, פון ווייטע און נענטערע אין האריזאנט־דריגנדיקע דערפלעך, פון די כאטע־קוימענדלעך, האבן זיך געצויגן רויכלעך צום נידעריק־נזריבן, מיט גרא־ווייסע כמארעלעך באלאדענעם הימל. דארט האבן איצט די פויערטעס געקאכט מיטאג. און אויך, אט די רויכלעך פון איבער די אין שווערע שניי־היטלעך אנגעטוענע כאטע־דעכלעך — האבן געהאלפן די ווייכע שטילקייט צו פארטיפן. בלויז נאר דער ערטערווייז טאל־און בערגלדיקער שניי, צעווייעט און געקארבט און געוויקלט, געשליפן פון די בייזע ווינט־פינגער — האט דערמאנט אן דער ביינאכטיקער זאוויערוכע.

ווייטלעך, אויף דעם איצט — צוליבן טיפן שניי — מיט דעם ארומיקן שטח אויסגעגלייכטן וועג — איז אויף די שמאלע ערשט געלייגטע רעלסן הודזשענדיק, פרייבנדיק און בלאזנדיק מיט רויך און פארע דורכגעלאפן א לאקאמאטיוו. ס׳האט פון דארט ארויסגעקוקט דער קאפ פון איינגעריסטן דייטשן מאשיניסט; א קאפ אין א מיליטער־היטל און א פייקע אין מויל. די לאקאמאטיוו־רעדער האבן פלייסיק און אייליק אוועקגעשארט דעם אנגעלייגטן שניי, איבערלאזנדיק הינטער זיך ריינע רעלסן — שווארצע אייזנס קוים מיט א פייכטקייט און פעטקייט באצויגן. און אין א וואסער מינוט איז שוין דאס לאקאמאטיוו געווען פארשווינדן, געבנדיק צו וויסן דער ארומיקער שטילקייט דורך א שארפן פייף, אז עס איז שוין אין זיין מקום מנוחה — אנגעקו־

מען אויפן ניי געבויטן וואקזאל־עבל, וואס זעט זיך ארויס פון צווישן די רעבלעך און הייזלעך, דארט אין דרום־מזרח זייט.

אין שטעטל איז שוין דער שניי נישט געלעגן אזוי אומבאַ־רירט. הויז־באלעבאטים, יידן און גוים, איינגעהילטע אין בורקעס און רויע פעלצן און איינגעקארטשעטע, האבן, לויט דעם דייטשן זשאנדאַרם כאפעל, מיט גרויסע בעזעמס פארקערט דעם שניי פון ארום זייערע הייזער, און דערביי אין דער שטיל, געשאלטן דעם דייטש מיט טויטע קללות, וואס ער האט זיך אויף זייערע יאר אנגעזעצט...

ביי די קראמען האט זיך שוין אויך עפעס געטון: משה רייז האט ערשט קוים באוויזן די קראם־טירן צו עפענען, און שוין צוט זיך דארט א גאנצע רייע — מאנסליט און ווייבער, יונג און אלט, דערוואַקסענע און קינדער, מיט צוקער־קארטן אין די הענט — פלאטער־נדיק פון קעלט...

משה רייז, מ׳מ א צעלייגטער ברוינער באָרד און נישט גיחא־דיק פנים — וויל נאך בשום אופן נישט ארייַנלאזן אין געוועלב. ער שרייט, אז ער האט נאכנישט געדאווענט... דער עולם אין דער רייע איז אויך בייז און אומגעדולדיק און — נישט צום צוקער־געוועלבניק לאזן זיי אויס זייער כעס, נאר צו זיך אליין, שטופן זיך איינס פ׳אנדערע: יעדער וויל שטיין נענטער. פון רייד קומט עס צו מעשים: צוויי ווייבער רייסן זיך שוין ביי די שלאפהויבן:

— רע, חנקהלע־שליאך... — און דו! איידל צוצל... האסט צעקוועטשעט א קינד!...

אביסל וויטער ווארפט מען זיך אויף חטאים און זינד פון דער עלטער באבען, פון דער „פאוסטאניע", און פון נאך פריער...

די הילות, קללות און זידלערייען שאלן שוין ארום, איבערן מארק און געסלעך... קומט אנצולויפן א באמיצלטער דייטשער זעלנער מיט א ביקס. ניט ער נאר איין געשריי:

— וואס ס׳ראס, דאגנער וועטער!... — און אין וויניקער ווי אין א רגע צייט ווערט די צעוישעטע, פארביטערטע רייע

אויסגעשטילט און רויק, אזוי שטילינקע, ווי דער געפאלענער שניי אויפן פעלד.

* * *

ליגט אין מיטן שטעטל א פיר־עקיקער מארק. פון זיין יעדן ווינקל צעלויפן זיך צו צוויי גאסן, ווי די צוויי צעשפרייטע מיטלסטע פינגער פון דער האנט. אין דער הויפטגאס געפינט זיך דער רייכער אלמנה פעלצנערס פינסט געמויערט שטאקיס הויז, מיט דעם פוטער־אייער האנדל. פאר די שטענדיק — א חוץ מארק־טאג — אינעווייניק פארמאכטע שויבן־טירן, פון דרויסן, הענגען צוויי שילדן — פון דער זייט און פון דער זייט — אויף איין שילד שטייט א פיין אויפגעמאליעוועטער פויער אין א גרינעם סוקמאן; אויפן קאפ — א מין רויטער קאלפאק, ענלעך צו א רבנישן שטריימל; א פנים — מיט רויטע בעקעלעך און רויטע ליפן, ווי א ליאלקע, און צוויי פיינע ארויפגעדרייטע פריצישע וואנסעלעך... דאס פויערל האלט אין יעדער האנט א קארב, איין קארב פול מיט אייער, און דער צווייטער מיט פוטער. די פוטער זעט אויס ווייס־בלויִדיק, ווי שטיקער וואלקנס אין א טריבן טאג, און די אייער — ווי ווייסע אפגעשיילטע קארטאפלעס...

אבער דאס פויערטעלע אויף דעם צווייטן שילד האט זיך אויך נישט צו שעמען: זי האט אזעלכע אויסגעמאליעוועטע איבערגעלייגטע פיסלעך, ווי צום טאנץ; אנגעטון אין שווארצע העט־הויכע שיך, נאר מיט געלע שיך־בענדלעך; טראגט א רויט קליידל מיט א שווארצן פארטוך, וואס זעט אויס, ווי סתם א שווארצער פלעק; א שווארץ אנגעצויגן סטאניקל מיט געלע פינטעלעך, וואס דארפן פארשטעלן — פליטערלעך אויף שווארצן סאמעט. דערפאר אבער די ארבל — זיינען ווייסע, העמד־ארבל, שמאל צום סוף — מ׳דארף זיך משער זיין — מאנקעטן.

האלט זי אויך צוויי קערב אין די צוויי הענט. דא אבער איז די פוטער געל, ווי וואקס, אדער ווי ליים. אויך די אייער זיינען געל, ווי ציטרינען, און רונדיק, ווי וועלשענע ניס. פונקט אזוי איז אויך אויף דעם פויערטעלעס פנים דאמינירנד דער געלער

טאַליר: אומעטום, ווו אויף דעם ערשטן שילד, ביים פויער אויפן פנים, איז רויט, איז דא ביי איך — געל.

* * *

מיכאל, דער יונגער פויער, האט אויפן הויף געגרייט דעם וואגן. ארויפגעלייגט עטלעכע ליידיקע קאסטנס צו אייער און א טון צו פוטער. דער וואגן, א יוסטער, מיט שטארקע ווענט פון רויע ברעטער, איז געשטאנען אין מיטן גרוימען הויף. דער טאג, וואס האט זיך אנגעהויבן לינד, מיט א ריח פון פריש אנגעפאלענעם שניי, האט איצט, צו האלבן טאג צו, גענומען מיט א פרעסטל. מיכאל, מוז זיין, האט געשפירט דאס פרעסטל: ער האט כסדר געווישט זיך די גראבע וואנסעס, געריבן זיך די הענט, געקוקט צום אביסל אויסגעקלערטן הימל מעשה וועטער־מבין און עפעס געמורמלט צו זיך אין די וואנסעס אריין. לסוף האט ער זיך שטארק און הילכיק ידי נאז אויסגעשנייצט, אפגעווישט זיך די געבליבענע פייכטקייט מיטן ארבל, און געלאזט זיך צו דער פערד־שטאל.

באלד האט זיך פון שטאל געהערט א געקלונג פון האלזקייטן. אין דער געעפנטער שטאל־טיר, פון וואנעט ס'איז געגאנגען א ווארימע פארע, האבן זיך געוויזן צוויי פערדישע קעפ, איינס פאר און איינס אביסל הינטער. די פערד, שוין אנגעטוענע אין געשפאן, זענען געגאנגען געלאסן, צושאקלענדיק אביסל מיט די לאנגע קעפ. צוויי גלייכע, ברוינע, האבן זיי אויסגעזען, ווי א צווילינג, וואס איינס פון זיי — דאס פארויסדיקע — איז א מינוט פריער געבוירן געווארן, און דערפאר האט עס דעם כבוד צו גיין אין שפאן פון דער רעכטער זייט. און אפנים, אז דער דאזיקער כבוד איז דעם פערד אנגעשטאנען, ווייל גייענדיק אזוי צום וואגן, האט עס ווי פון דאנקבארקייט נאכאנאנד געלעקט מיכאלן אויפן רוקן דאס אויסגעריבענע פעלצל.

ארום איז געלעגן דער הויף, א פארשיטער מיט שניי, דאס גערטל, דער שפייכלער. און שטיל איז געווען, ווי אלץ וואלט געווען אויסגעשטארבן. נאר דארטן, אין צווייטן הויף — ביי

װישניעװסקין — האָט עמיץ געדרייט װאַסער פֿון דעם ברונעם. דער סלופּ האָט געקרעכצט; אַ הינטל האָט דאָרט געבילט, און דאָ — שפּאַנענדיק די פֿערד, האָט מיכאל געשריגן אויף װײ:

— טפּורר! סטאָי! טי, נגיאַדי... גו!..

מיכאל האָט געעפֿנט דאָס טויער, די פֿערד האָבן אַ צי געטון, דער װאָגן האָט װי אָן חשק זיך אַ ריר געטון. דער יונגער פּויער איז געזעסן אויפֿן װאָגן, מיט די לייצעס אין האַנט, איינגעזעצט אין געבעט שטרוי, אָנגעטון אין שװערע הענטשקעס, גרויס װי די טאָרבעס. דער װאָגן, געשפּאַנט אין די צװיי ברוינע פֿערד און אָנגעשטעלט מיט קאַסטנס און אָפֿענע טונעס, איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון הויף, פֿאַרפֿאָרן פֿאַר די אָפֿענע געװעלב־טירן, און זיך אָפּגעשטעלט װאַרטן אויף דער באַלעבאָסטעס זון — אויף מלכן, ער זאָל אַרויסקומען זיך אויפֿזעצן פֿאָרן אין דאָרף, אויפֿקויפֿן ביי די פּויערן פּוטער און אייער.

— מלך — שוין נאָכן אָנבייסן — אָנגעטון אין אויבער־מלבוש, איז געשטאַנען ביים טיש און געציילט געלט, קליינגעלט און גרעסערס, דייטשישעס און רוסישעס.

פֿון קיך האָט זיך געהערט, װי די האַלב־שטומע שװעסטער, מירע, קריגט זיך מיט דער דינסט־שיקסע. יענע רעדט טאַקע קלאָר, מירע אָבער, מיט איר װילד קול, שרייט זי איבער און מאַכט פֿול ס'גאַנצע הויז מיט געטומל. בעתן געלט ציילן, װען מלך איז געװען פֿאַרטון דעריז, האָט זיך אים דאָס לענגלעכע פּנים אַביסל אָנגעבלאָזן, צוגעבנדיק אים אַ מרוקעװאַטע מינע; די היפּשלעך לאַנגע נאָז איז אים נאָך לענגער געװאָרן און פֿאַרשפּיצט, פּונקט װי זי, די נאָז, װאָלט אויך צוגעהאָלפֿן ציילן די געלט־פּאַפּירלעך.

דאָס פּנים מלכס האָט אייגנטלעך געהאַט אין זיך גאַנץ װייניק פֿון דער מוטערס פּנים, דאָך, עפּעס ענלעכס האָט עס פֿאַרט פֿאַרמאָגט, איבערהויפּט װען ער איז געװען ערנסט, אָדער בייז... דעמאָלט האָט אויף זיין פּנים געשװעבט דער מוטערס אָנבליק.

װען מלך איז שוין געװען אָנגעטון אין דער בורקע, אַרומ־געגאַרטלט מיטן פּאַסיק מיט אַ גרויסער מעשענער שנאָל, װי

צו אַ פּערדהעשבאַ — אין די מוטער אַריינגעקומען, זי איז געווען אָנגעטון אין אַ בלאָ פלאַנעלענעם מאָרגנראָק.

— רוסיש געלט נעמסטו אויך? צו וואָס? — פרעגט זי מיט אַ גיכן בליק.

— יאָ — ענטפערט דער זון, אַביסל אַראָפּלאָזנדיק די אונטערשטע ליפּ, ווי זיין שטייגער — די רייכע פויערן ווילן נישט נעמען ס'דייטשע געלט. די אָרימערע נעמען עס יאָ — האָב איך אויך מיט זיי צרות...

ער האָט זיך דערווייל שוין גוט אָרומגעצויגן מיטן פּאַסיק, אָנגעטון די הענטשקעס, נאָר די מוטער האַלט אים נאָך אויף מיט אַ פרעגע:

— די דערלויבעניש פון וואַכמייסטער האָסטו מיטגענומען?

— דעם „פּאַר־שיין"? יאָ, כ'האָב עס שוין באַהאַלטן — גיט ער זיך אַ קלאַפּ אויף דער בוזים־קעשענע. — נאָר כ'שלאָג מיך נאָך מיט דער דעה — זאָגט ער, און קוקט אָן די מוטער מיט אַ פרעגע. נאָר ווי ער קוקט אַזוי אויף איר, אַרויסצוזאָגן וואָס ער מיינט — דערבליקט ער זי מיט אַמאָל אַנדערש, ווי ביז היינט: אין דעם נייעם יונגטלעכן מאָרגנקלייד, געפּוצט מיט קרעמע פּליסן; מיט די גוט צוזאַמענגענומענע ברוינע האָר (לעצטנס האָט זי אַראָפּגעוואָרפן דאָס שייטל) און פיין שמעקעדיקן פּנים — קומט זי אים אויס אויף אַ רגע נישט ווי זיין אייגענע מוטער, וועלכע ער קען שוין אַזוי לאַנג, נאָר ווי אַ פרעמדע שיינע פרוי... אַ לענגערע ווייל גלאָצט ער איר אין פּנים פאַרוואונדערט, ווי ער וואָלט זי איצט דאָס ערשטע מאָל געזען; ווי ער וואָלט זי ביז אַהער נאָך קיינמאָל נישט געזען אין איר אמתן אויסזען... און אַ שמייכל נעמט אים שפּילן אויפן פּנים — אַ צופרידענער און פאַרוואונדערטער שמייכל.

זי אָבער דערמאָנט אים:

— נו מונטערט זי — וואָס ווילסטו פרעגן?

דערכאַפּט ער זיך. זיין פּנים נעמט צוריק אָן די געוויינלעכע מינע.

— ווי מיינט די מאמע, זאָל איך אין איין וועגס אריינפאָרן קיין קאַזובעק? דאָרט קאָן איך אַ סך קויפן.

— פאַרוואָס דען נישט? — פרעגט זי, און לעגט זיך אָן מיט דער פאַרמאַכטער האַנט אָן עק טיש.

— ס'איז דאָך אַן אַנדערער קרייז — מאַכט ער קלאָר, און רייבט זיך די באַקן, ווו ער איז ראַזירט.

— יאָ, מ'טאָר נישט דאָרט... — שטייט זי אַ ווייל פאַר־טראַכט.

אָן אַנדער מאָל — אַמאָליקע צייטן — וואָלט זי גאָר נישט געקלערט און וואָלט נישט געהייסן פאָרן, ווו מ'טאָר נישט, איינ־צושטעלן פערד און וואָגן און אפשר די אייגענע ביינער אויך — זי וואָלט באַלד געזאָגט: ניין, פאָר נישט אהין... לעצטנס אָבער, וויל זי, ער — איר זון — זאָל זיך וואָס לענגער זוימען אין וועג, קומען אהיים וואָס שפּעטער אין אָוונט — נעמט זי איילִיק אים צורעדן:

— כ'וויים, פּרוביר... נאָר זע, כ'בעט דיך, דער זשאַנדאַר דאָרט זאָל דיך נישט כאַפּן.

אַזוי אָבער ווי זי דערשפּירט איר נישט ריינע כונה — ווערט זי שטאַרק רויט, אַ היץ שלאָגט איר אין פּנים אַריין, און ווייל זי וויל נישט, דער זון זאָל באַמערקן איר פלוצלונגדיקע רויט־קייט, נוצט זי אויס די געלעגנהייט, וואָס זי הערט פון דער קיך אַן אַמפּעריי צווישן מירען און דער דינסט־שיקסע, נעמט זי איילִיק אהין אריינלויפן, כלומרשט שלום מאַכן. אין מיטן גיין רעדט זי צום זון אונבאַשטימט:

— איבעריקנס, וואָס ווייס איך, טו ווי דו פאַרשטייסט. — דער זון ווידער, זעענדיק, אַז די מוטער פאַרלאָזט זיך אויף אים, רעדט ער שוין גאָר נישט, נאָר לויטן פעסטן גאַנג, מיט וועלכן ער לאָזט זיך צו דער גאַס־טיר, איז צו דערקענען, אַז ער וועט אהין יאָ פאָרן, און וועט שוין מן הסתם הײַנט שפּעט אַהיימקו־מען.

דאָס דערכאַפּט איר גיכער בליק. זי באַנעמט עס, איז דערפון צופרידן — צופרידן מיט אַ שאָטן פון בושה.

דאָס פערטע קאַפּיטל

— אַז זי וואָלט נישט געווען אַ קאַליקע, וואָלט זי מיט איר שיינקייט די וועלט אַפּגענומען — רעדן די שטעטלדיקע ווייבער וועגן דער נאָך נישט זעכצן יאָר אַלטער מירע — לאה פעלצנערס טאָכטער.

— נאָר — גיבן זיי צו — שלעכט איז דאָס מיידל, וויי! ס׳גאַנצע רשעות וווינט אין איר.

אַז מירע איז שיין — וועגן דעם קאָן קיין ספק נישט זיין. דער זשאַנדאַר שטריינער, מיט די גראָבע שוואַרצע וואָנסעס און הייסע אויגן, ווערט ווי צוגעוואַקסן צום אָרט, ווען ער דערבליקט מירען. מ׳זאָגט, אַז ער גייט אַ סך מאָל עקסטרע דורך יענער גאַס, אום זי אָנצוקוקן. ער ווערט אַ פאַרכאַפּטער פון איר קאָפּ — אָנגעשיט מיט גאָלד־בלאָנדע געדרייטע לאָקן, אָנגעוואָרפן איינער אויף דעם אַנדערן, איינער אין דעם אַנדערן און איינער איבער דעם אַנדערן. פּונקט ווי דער קאָפּ וואָלט געווען באַהאָנגען ביז די אויגן מיט העלגלעך צייטיקע ווייַנטרויבן. און דאָס פּנים אירס, דאָס ווייט־ראָזע מיט די חן־גריבלעך; אויגן — דער מוטערס: רונדיקע, שוואַרצע און גלאַנציקע; אָבער דאָס קליינע מויל מיט די פולע רויטע ליפּן, דאָס איז שוין איר אייגנס, ווייל דאָס פאַר־מאָגט די מוטער אויך נישט; און דער וווּקס אירער, ווי פון אַ רייף אַנטוויקלט מיידל, און גיין גייט זי נישט, נאָר לויפט, מיט די הויכע פולע פיס.

— דאָס שענסטע יורן־מערכעז — זאָגט וועגן איר דער דייטש שטרייכער. ער ווייסט, אָבער נישט, אַז זי איז אַ קאַליקע — דרייפּערטל שטום און העלפט שוואַך. דעריבער טאַקע, ווען ער רעדט צו איר אין פאַרכיילויפן עפּעס שמייכלדיקס — ענטפערט זי נישט, קוקט זיך אַפילו נישט אום, נאָר לויפט ווייטער איבער דער ברייטער גאַס פון נעוועלבל צו זיך אַהיים; לויפט אין קורצן

אביסל אויסגעוואקסענעם קליידל, פון וואנעט איר אנטוויקלטער קערפער שטופט זיך ארויס, ווי פון א תפיסה, און ביים ביוסט איז עס אזוי אנגעצויגן, ווי צום פלאצן.

שלעכט איז דאס מיידל טאקע, שלעכט און איינגעשפארט. ווענן איר שלעכטקייט זאגן מענטשן, אז דאס איז א משפחה-פעלער. די גאנצע משפחה פעלצנער זענען שלעכטע מענטשן, און זי, לאה — די מוטער — האט פון איר היים אויך מיטגעברענגט אביסל אייגן שלעכטס. ווידער דאס מיידל איז א קאליקע, און קאליקעס זענען בטבע נישט קיין גוטע.

ווענן דעם, וואס דאס מיידל איז א קאליקע, ווייסן מענטשן צו דערציילן, אז די משפחה פעלצנער איז פאר עפעס געשטראפט פון הימל: אין דער ראזיקער משפחה איז דא היפשלעך קאליקעס און יינגע שטארבערס... נאר שמואל אריהס — וואס האט זיך אמאל אליין געשדכנט צו לאהן — זאגט, אז דאס וואס לאה האט דריי שטומע קינדער איז דערין שולדיק נישט קיין אנדערער — ווי נאר זי, די מוטער, און — איר פארשטארבענער מאן... ער ברענגט דערצו א ראיה פון עפעס א ספר, אז דארט שטייט געשריבן שווארץ אויף ווייס, אז אויב א פארפאלק לעבט זיין מאן־ווייב לעבן נישט ווי ס׳דארף צו זיין און נישט ווי דער שטייגער — געבוירן זיי נישט נארמאלע קינדער.

ער ווייס עפעס ווענן דעם צו דערציילן דער מיטליאריקער, ברייט ביייניקער און ברייט פלייציקער שמואל אריהס, אבער נישט יעדן דערציילט ער דאס.

אין קיך די דינסט־שיקסע סטאשע, מיט די ווייסע אויגן און לאבעדיקע ציין, וואס רעדט יידיש, ווי א געבוירן יידיש קינד — רעדט אריין אין מיר־ען:

— גיין, מירע, צו דער מאמען, זי זאל דיר קויפן א חתן.

— א אושע? — זאגט מירע נאך און קוקט זי אן, ווייל זי ווייסט נישט וואס דאס איז.

— א יינג — מאכט איר די סטאשע קלאר, און אום זי זאל עס בעסער פארשטיין, שטעלט זיך די סטאשע אין דער

פּזע פון מאַנספאַרשוין און מאַכט זיך דרייען די וואַנסעס...

— אָ! אַ פּאַע — מאַכט מירע גליקלעך, און פּאַטשט זיך אין די הענט פון פרייד.

— יאָ, אַ פויער — שאָקלט איר די סטאַשע צו און לאַכט אויך, ווייל אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו „ער" הייסט ביי מירען „פויער", אפילו אַ האָן באַצייכנט זי מיט דעמדאָזיקן נאָמען.

אַ ווייל שפּעטער גייט מירע אַריין צו דער מוטער אין צימער און לייגט איר פאָר:

— מאַמע, קויף מי' אושע אַ פּאָע!...

די מוטער איז פונקט פאַרנומען מיטן לייענען אַן ערשט דערהאַלטענעם נישט פריילעכן בריוו פון איינער אַ גרויסער שטאָט, וווּ די דייטשן זענען ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אַריין. שרייבט איר פון דאָרט אַ ווייטער קרוב, אַז די שול פאַר טויב־שטומע האָט זיך שוין לאַנג צוריק פאַרמאַכט. אירע צוויי יינגלעך האַלטן זיך אויף ביי אַט דעם קרוב שוין אַ פאַר וואָכן. קיין עושר איז ער נישט, בעט ער, זי זאָל אים תיכף שיקן כדי וכך, און אַ „פּאַר־שיין" און געלט אויף הוצאות פאַר די קינדער אַהיימצופאָרן.

לאָהן איז נישט באַקוועם איר הויז־גענינט זאָל איצט פאַרגרעסערט ווערן, אין די שטובן זאָלן זיך אַרומדרייען נאָך צוויי פאָר אויגן... מירעס אַריינקומען איצט האָט איר פונקט צוגעטראָפן אויף דער לינקער זייט...

— אַרויס גיי! — ווייזט זי איר מיט אַ בייזער מינע צו דער טיר.

יענע אָבער האָט איצט די נאַרישע שעה, שטייט זי און חזרט איבער לאַכנדיק:

— מיע' וויל אַ אושע...

גיט עס לאָהן אַ ריס פון אָרט, מיט רציחהשע קיילעכדיקע אויגן און אַ דערהויבענער פויסט לאָזט זי זיך צום האַלב נאַרישן מיידל. יענע באַווייזט אָבער איר אַרויסצושטעקן אַ שפּיץ רויטע צונג, און אַנטלויפט מיט אַ טומלדיק געלעכטער.

די ערשטע רגע ווערט די מוטער צערייצט פון כעס און מאכט א פארזוך נאכצולויפן. זי באזינט זיך אבער באלד, זעצט זיך צוריק אויף איר ארט אין ווייכן שטול ביים טיש, און פון כעס, פון אומצופרידנקייט, וואס אלץ גייט איר נישט אזוי ווי זי וויל, און פון דעם רייץ פון דעם יונגן בחור, וואס זיין געשטאלט באגלייט זי אומעטום, אפילו אין שלאף — ווערט זי אזוי מאט און שוואך, אז זי בליבט זיצן א בלאסע, דעם קאפ צווישן די אויפגעשטעלטע הענט, און זי איז צופרידן, וואס ארום איר זעט זיך נישט קיינער און ס'איז שטיל, שטיל...

איינמאל אין אוונט, ווען זיי זענען צוזאמען געווען אין טונקעלן אפגעשלאסענעם מיטל-חדר. הערשל איז דעמאלט געווען צו איר באזונדערס הייס און גיריק. אין מיטן צערטלען האט ער איר פארטרויעט, אז ער קאן אויך אן אמת נישט לעבן אן איר, אז ער בענקט נאך איר בייטאג און ביינאכט, און אז ער האט באשלאסן מיט איר צו שטעלן א חופה — ווערן מאן און ווייב פאר גאט און פאר לייט.

איר איז געפעלן זיין רעדן. א נייע אומבאקאנט און גליקלעך געפיל האט אין איר אויפגעוואכט: „ער מיינט עס ערנסט”... אבער גלייכצייטיק איז דאס איר אויסגעקומען קאמיש: זי — מיט אט דעם שנעק, זאלן ווערן מאן און ווייב. און ס'האט זיך איר פארוואלט שמייכלען, נאר געשמייכלט האט זי נישט.

דער דאזיקער אוונט איז ביי זיי געווען באזונדערס הייס. אויך זי איז אנגעשטעקט געווארן מיט זיין היציקייט — אבער אפגעבן זיך אים אינגאנצן האט זי אויך היינט נישט געוואלט. אט צו דעם האט איר אויסגעפעלט מוט. און דערצו האט זי אויך מורא געהאט, אז ווען ער, דער אכצניאריקער מאנסביל, וועט זי, די פערציקיאריקע פרוי, שוין האבן איינמאל געהאט — וועט זי אים דערנאך אינגאנצן אנווערן... ער איז אוועקגעגאנגען, ווי געוויינלעך, א צעקאכטער און נאך אומצייליקע מאל איבערחזרן איר ווען

שטעלן אַ חופה. זי, לאה, ווי גלוסטיק איר זענען נישט הערשלס באַזוכן, וואַרט זי אָבער ס'רוב מאָל באַלד דערנאָך אַביסל שוואַך, און זי קוקט אויס מיט שרעק, ער זאָל אַוועקגיין אומבאַמערקט; ס'זאָל אים עמעץ נישט טרעפן דאָ מיט איר אַליין אין אַזאַ צע־קאָכטן צושטאַנד; דאָס וואָס איז אַקאָרשט צווישן זיי דאָ פּאָר־געקומען זאָל זיך אויסוועפּן אין דער טונקעלער נאַכט, איבער־לאַזנדיק אַ גלאַטיק ריינע קאַנטע נאָך אויף מאָרגן און איבער־מאָרגן, און זי זאָל ווייטער זיין אין מענטשנס אויגן די רואיקע באַלעבאָסטע אין שטוב... איז געווען קוים אפשר צען מינוט נאָך הערשלס פאַרשווונדן, איז אַריינגעקומען אין שטוב לייבוש פּעלצ־נער, לאה'ס שוואָגער, דער ברודער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן — ער האָט מיט זיין פּאַכפּעוואַטע געלאָסן קול געזאָגט „גוטן אָוונט”, אויפגעשטעלט אין א ווינקל לעבן פענסטער דעם שטעקן מיטן רונדיק בראָדיק־ביינערנעם קעפּל, אַרויסגענומען פון אַ הינ־טערשטער קעשענע אַ רויט געבלימטע פאַטשיילע, גענומען זיך ווישן דאָס קורצע, אין מיטן איינגעפּלאַטשטע, כמעט קינדעריש געזל אָפּגעטון דאָס, האָט ער זיך זאַכט אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול ביים עק טיש, און מיושבדיק און ליימיש, ווי זיין שטייגער, געזעסן אַ לענגערע ווייל און געשוויגן.

לייביש — אין שטעטל רופט מען אים „נאָסיק” (צוליב זיין אויסטערליש נעזל) — האַנדלט אויך מיט פוטער און אייער. אָבער ער האַנדלט זייער קליין. זיינע איינקויפונגען פאַרקויפט ער דאָ אריין. אַ חוץ דעם, איז ער להיפוך צו דער גאַנצער משפחה פּעלצנער, אַ זייער געלאַסענער און שטילער מענטש. ער איז אָבער אויך אַ שטאַרק פרומער און אָפּגעהיטענער ייד. דאָ, צו דער שוועגערין, קומט ער אַריין בלויז געשעפטלעך: צו נעמען געלט אויפן טאָוואַר, אָדער אָפּצורעכענען זיך. אַזוי גלאַט קומט ער נישט. זיין איצטיק אַריינקומען האָט נישט געקאָנט זיין געשעפטלעך, ווייל עס איז ערשט געווען אַ טאָג צוויי נאָכן טאָרג, און צום פרישן מאַרק־טאָג איז נאָך געווען אַביסל צו ווייט — דאָס אַלץ

האָט לאַנג באַרעכנט אין קאָפּ, דערזעענדיק אים. זי איז אַביסל אומרואיק געוואָרן, אָבער זי דאָט פּרייגטלעכער ווי תמיד אים געבעטן זיצן, און מיט א טיף צעשטורעמט געמיט געוואַרט אויף זיין אָנהויבן רעדן.

— ס'קויפט זיך עפּעס? — פרעגט ער מיט א טאָן האַלב טריב, האַלב אַפּאַטיש.

— ווייניק־וואָס — זאָגט זי און גייט איבער אין א צוריק פרעג — און אין יענער גאַס, ביים שוואָגער?...

— אין מיין גאַס — זאָגט ער, ווי מיט א קרעכצ און פּאָרט זיך מיט די צעשפּרייטע פינגער אין שוואַרץ־גראָען בערדל — נאָך א לויט פוטער די וואָך נישט געקויפט. אז די פויערן קומען גאָר נישט דאָרט אַרום, האָבן מורא פאַרבייצוגיין די „אָרטס־וואָך".

איצט שווייגן זיי ווידער א לענגערע וויַל.

— מלך איז געפאָרן? — פרעגט ער.

— געפאָרן — ענטפערט זי.

לייביש גיט זיך א קוק אַרום. בשעת דער בליק זיינער נעמט אַרום די האַלב פאַרשאָטנטע שטוב, וואָס איז באַלויכטן פון א פּאַסיקן לאָמפּ, וואָס שטייט אין מיטן טיש אַרומגעהאָנגען מיט א רויטלעך פּאַפּירן שירעמל — גיט ער אין איינוועגס א פאַר־בייגייענדיקן בליק אויפן זייגער. דער זייגער איז אַן אַלטפרענקי־שער, א לענגלעכער, מיט א שויב און אומרו, אונטן מיט א רונ־דיק ווייס בלעטל, ווי אַן איינגעפּלאַטשט פּנים, דערויף געפינען זיך מאָנאָגראַמיש צוו י אותיות פון גאָטישן אַלף־בית. דער זייגער ווייזט איצט האַלב אכט. דער טיק־טאַק זיינער, איז א לאַנגזאַמער, א שטילער, און נערוון־בארואיקנדיקער.

— ער קומט שפּעט, מלך?

— מאָנכעס מאָל קומט ער שפּעט — ענטפערט זי קורץ, און קוקט אים ווייטער דערוואַרטענדיק אָן.

— ער פאָרט דען אויסערן קרייז?

— כ'ווייס נישט — גיט זי א מאך מיט די אקסלען און שוידערט אביסל אונטער אין העל וואלגעם סוועטער.

ער שווייגט א וויל און הויבט לסוף ווידער אן:

— די שוועגערין דארף עס נישט דערלויבן — זאגט ער מיט א טאן, ווי ער וואלט זיך באמיט ארויסצוקומען פון גלייכגעוויכט — אז מ'וועט אים כאפן נעמט מען אים צו די פערד און וואגן און אים אליין — וועט מען אויך נישט קיין קיכלעך באקן; ער שטעלט א סך איין, דער יונג. ער טאר דאס נישט טון...

און נאך איידער לאה האט צייט עפעס צו רעדן, גיט לייביש מיט די שיפלעכע אויגן נישט ניחאדיק א קוק אויף איר ריין און שיין געשטאלט, באלד ווידער איבער דער שטוב, ווי אום זיך פעסט צו איבערצייגן, צי קיינער, א חוץ זיי, איז דא מער נישטא, און ער גיט פאנפעדיק א קרעכצל, לענט אן דאס פנים מיט דער באָרד אן דער פויסט, און זאגט שטיל, מיט אראפגעלאזטע אויגן:

— כ'בין, איינגטלעך, ארויינגעקומען איצט וועגן אן אנדערן ענין. דער שוועגערין דארף עס נישט פארדריסן...

— כ'ווייס, מענטשן רעדן, אז צו טון איז נישטא, אז פרנסה איז נישט צו שאפן, רעדט מען זיך כאטש צו זאט, רכילות, לשון־הרע, נאר כ'מיין... די שוועגערין ווייסט מן הסתם...

ער איז אויף א רגע שטיל געווארן, ווי זוכענדיק ביי זיך אין קאפ, ווי אזוי, אויף וואסער אופן איר דאס צו זאגן.

זי האט שטיל, אבער טיף אפגעצויגן דעם אטעם. אינעווייניק אין זיך האט זי א טראכט געטון: „ענדלעך"! — די ברוסט, האט זי געפילט, ווארפט זיך איר, דער אטעם לויפט גיך און אפ־געהאקט. אבער אויפן פנים האט זי אנגענומען א נאך מער רואיק און גלייכגילטיק אויסזען, בלויז נאר די אביסל פלאטערדיקע נאזלעכער האבן זי עטוואס פארראטן.

— כ'ווייס נישט, וואס דער שוואגער מיינט — און שוין האט איר באנג געטון, צי וואס זי האט דאס גערעדט: „איך מוז

זיין וואָס גערולדיקער און וואָס ווייניקער רעדן" — האָט זי אין זיך אָפּגעמאַכט.

דער מיטליאָריקער ייד האָט זי אַ ווייל אָנגעקוקט, ווי אויס־פאַרשעמדיק, און טרויעריק און פאַראיבלדיק און אַ האָרעליע פאַרדעכטיק צוזאַמען, באַלד האָט ער פאַר עצבות די אויגן אַראָפּ־געלאָזט, מיט אַ פרעג:

— ער קומט אהער אָפּט אַריין?

און אַז זי האָט נישט געענטפערט, האָט ער איבערגעחזרט:

— כ'מיין הערשל, מיין איך... ער קומט אָפּט דאָ אַריין?

זי איז געזעסן רואיק און שטייף, אַזש אַ קעלט האָט זי גע־פילט אין זיך ווייען, און לפנים גלייכגילטיק געענטפערט:

— ער קומט.

— אַזוי, ער קומט — האָט געקלונגען אַ קוים טריומפירנד געטקעלע אין זיין קול — ער אַרבעט דאָך אָבער ביי זרחן אַ גאַנצן טאָג, ווען קומט ער — אין אָוונט?

— ווי אַמאָל — האָט זי ווי אָן איר ווילן געענטפערט שטי־לער, ווי געוויינטלעך, און מיט אַ קאָפּ דיסקרעטן טאָן.

— וואָס, צו מלכן קומט ער?... — און אַליין זיך אָפּגע־ענטפערט — מלך, הער איך דאָך אָבער, קומט אַהיים שפּעט ביי־נאַכט?...

זי אָבער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם פאַרשעריש̈ן טאָן פון דעם דאָזיקן פון איר מיט פרנסה אָפּהענגיקן קרוב; איר וואָלט שוין ליבער געווען צו שפּילן מיט אים אין אָפענע קאָרטן.
— אין אירע אויערן האָבן נאָך געקלונגען דעם בחורלס פלאָמיקע בקשות, אָפּט פאַרהלשטע, הייסע, און אָפּט פאָדערנדיקע, זי זאָל אים באַגליקן און מיט אים חתונה האָבן; און כאָטש בשעת מעשה האָט זי דאָס אָנגענומען פאַר סתם פּלוידערייען, איצט אָבער האָט זי זיך אין דעם אָנגעכאַפּט, ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אָן אַ פעסט בוימל ביים ברעג, וואָס דאָס וועט אים נישט לאָזן אונטערגיין — זי האָט שטאָלץ און גרינשעציק אַ קוק געטון

אויף דעם ייד ביים טיש און דער אלטער קאפאטע און מיטן האלב פארהונגערטן פנים, און צוריק פעסט א פרעג געטון:

— וואס פארשט מיך דער שוואגער אזוי?

אבער אט דער זאג אירער האט אויך אים ארויסגעהאלפן פון דער פארלעגנהייט. ער איז דרייסטער געווארן מיט די רייד:

— ב'וויים, מ'רעדט, מ'שמועסט. נאך אנומלטן האב איך געהערט, נאר ב'וויים...

זי האט פארשטאנען, וואס ער מיינט: — מיט א צוויי, דריי וואכן צוריק, אין א לינדן אוונט (מלך איז דעמאלט נישט געווען געפארן), איז זי מיט הערשלען געגאנגען שפאצירן אויף די „בלאנקעס”. ער האט זי געפירט געארעמט, גאר נישט מעשה יינגל און עלטערע קרובה — און ווייט ארויף נאכן שטעטל, אויפן וועג, האבן זיי באגעגנט מארק־פורן, שטעטלדיקע יידן זענען אהיימגעפארן פון א יאריד.

איצט האט זי דאס אין זין געהאט, אבער זי איז אלץ נאך נישט דרייסט געווען די קארטן צו עפענען. זי האט געווארט, ער זאל דאס טון דער ערשטער:

— וואס רעדט מען, וואס שמועסט מען? אפשר וואלט דער שוואגער אביסל קלארער גערעדט!

ער האט זי נאכאמאל אנגעקוקט, און זיך אנגערופן מיט א יידישלעך ביטערע שמייכעלע.

— די שוועגערין האט עס מן הסתם אויך שוין געהערט, אז אלע רעדן...

— ניין, איך האב גאר נישט געהערט — האט זי כמעט אויסגעשריגן — נו, קורץ, וואס? גערעדט, אדער געשוויגן. איך בין נישט קיין נביאטע, כ'וויל הערן קלארע דבורים.

— מ'האט געזען די שוועגערין גיין מיט הערשלען.

— יא, נו, וואס איז

— די שוועגערין האט...

— נו, על כן?

— מ'טאָר נישט.

— וואָס טאָר מען נישט?

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַן אָפן מויל.

איצט האָט זי שוין מיט גוואַלט געצויגן פון אים ווערטער:

— מ'טאָר נישט גיין? ווו שטייט דאָס?

— ניין — נעמט ער שטאַמלען — גיין טאָר מען אפילו אויך נישט... דאָ איז אָבער נאָך האַרבער... די מאַרק־פּאַרערס האָבן געזען — און שוין כאַפּעַנדיק אין איין אָטעם — לייזער פעלצנפליקער איז נישט קיין ליגנער, אַן עלטערער ייד — ס'איז אַ חרפּה און אַ בושה... די גאַנצע משפּחה שעמט זיך...

און מיט אַמאָל. פון איר זייט הויך:

— אַזוי, עץ שעמטס ענק?!

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון אויף דעם הויכן און שאַרפן רעד. זי לאה, איז איצט געשטאַנען פאַר אים אין איר גאַנצער גרויס און הויך. די אויגן האָבן איר בייז געפינקלט, דער בוזעם זיך גע־הויבן אויף און אָפּ. איצט האָט זי אויסגעזען, ווי די אָנגרייפע־רין, און ער — דער שטילער ייד ביים טיש — ווי דער אָנגע־גריפענער. ער האָט דעם קאָפּ איינגעקאָרטשעט צווישן די אַקס־לען, אום נישט צו הערן אירע בייזע און לעסטערנדיקע רייד:

— ...און דעמאָלט, מיר צוזאָגן גאָלדענע גליקן און פאַר־שלייערן מיט אַ האַלב טויטן מאַן, אַ סובאָטניק אַן לונגען, האָט עץ ענק נישט געשעמט?... דאָס מעג מען יאָ??... דאָס דערלויבט יאָ די תורה? לאָזן פירן אַ געזונטע מויד מיט אַ הוס־טער, מיט אַ שפּייער, מיט אַ שאַרבן, און געבוירן פון אים קינ־דער קאַליקעס..

— אָבער... — האָט ער געפּונען פאַר נויטיק צו פּרובירן אַריינרעדן.

— שווייגן! — האָט זי אַ טופּ געטון מיטן פוס.

איצט האָט שוין בלויז זי גערעדט, און ער האָט געשוויגן. זי האָט גערעדט לאַנג און, הייס, גערעדט אַ סך לעסטערנדיקע,

און לויט דעם ייד׳ס השגה, געמיינע רייד, און גערעדט האט זי זיי מיט א ברען און מיט כעס... לייביש האט איצט פאר זיך דער־זען אן אנדערע, גאר אן אנדערע לאה. זי האט געפלאמט און הויך געאטעמט. די אויגן האבן איר געבליצט... א רגע איז אים אדורך אין קאפ: „אן אמתע יצר־הרע"... ער האט דעם קאפ אוועקגע־בויגן, אבער אין אים האט נאך גענוקט די אויפגאבע פון זיין שליחות, צו פארמיידן די בושות פאר גאט און לייט. ער האט אפגעוואָרט א גינסטיקע רגע און אריינגעוואָרפן:

— מ׳זאגט... געזויגן...

איצט האט ער זיך שוין גאר נישט צוגעהערט צו אירע רייד. ער האט שוין פארשטאנען, אז דער חשד האט א גרונט. ער האט איצט נאר באדויערט, וואס פון אט דער איז אפהענגיק זיין פרנסה, דאס שטיקל ברויט פאר זיין ווייב און קינד...

זי האט שוין איצט געשוויגן, אפנים שוין געהאט אלץ אפ־גערעדט. ער אבער, אזוי זיצנדיק מיט א געזונקענעם קאפ, — האט פלוצלינג פאר זיינע אויגן א בליץ אויפגעטון די הארבקייט פון דער עבירה, די הארבקייט און די מיאוסקייט: „זי — איבער די פערציק יאר, און ער — א יינגל פון אכצן יאר. ס׳איז דאך טויזנט מאל געמיינער, ווי זנות... ער האט זיך א כאפ געטון, ווי דאס גיהינום וואלט געברענט אונטער אים.

ער איז געווען אליין אין שטוב. זי איז געווען ארויסגעגאנ־גען. ער איז פון דארט ארויסגעלאפן, ווי פון א מקום טומאה, זיך געהיט נישט קיין אטעם צו טון דא.

פון גרויס צערודערטקייט האט ער אפילו פארגעסן צו נעמען זיין שטעקן, און ער איז מער נישט צוריקגעקומען.

* * *

נאך לייבעשעס ארויסגיין האט זיך לאה א וויילע צורעכט גע־מאכט ביים שפיגל, אנגעטון דעם פעלצמאנטל ארומגעווארפן א געשטיקטן שווארץ־זיידענעם שאל ארום קאפ, ארויסגעגאנגען פון שטוב, און אין דער נאכט־שטילקייט זיך געלאזט גיין מיט

דער ריכטונג פון זרח־בליצ׳ס דירה, ווו הערשל געפינט זיך איצט...

אבער נאך פון מיטן וועג האט זי זיך צוריקגעקערט אהיים, שוין א רואיקערע און בארואיקטע פון גיין דורך די שטילע נאכטיקע אפגערוימטע גאסן און ווינטערדיק אויסגעשטערנטן הימל.

דאס פינפטע קאפיטל

אין א זונטאג פארמיטאג, ווען אין שטעטל שמעקט נאך מיט אן אויקעצ שבת: די געוועלבער זענען פארמאכט; די פערד פון די דארפס־פארער רוען אין די שטאלן, און הארט ארום דער קירך ווארטן יידן אף באקאנטע „גאספאדאזשעס", וואס וועלן זיך באלד באווייזן פון דרינען מיט די געבעט־ביכלעך אין די קעשענעס — אין אט אזא האלב־בלאטיקן־האלב־שנייאיקן זונטאג פארמיטאג האט דער לאנגער מרדכי דערזען דורכן פענסטער אין דרויסן פארבייגיין מלכן, לאהס עלטסטן זון. מרדכי האט ארויסגעקלאפט אין דער שויב, אים אריינגערופן, מלך איז אריינגעקומען, געזאגט „גוט מארגן, פעטער מרדכי", דער פעטער האט אים צוגערוקט א שטול, און גענומען מיט אים שמועסן פון זיין מוטער: וועגן דעם „וואס אלע, די גאנצע שטאט ווייסט שוין פון לאנג", נאר ער, מלך, וואס דארף, וואס מוז דאס וויסן, ווייסט ער אבער אפנים נאך גאר נישט.

איך קאן דיך גאר נישט פאר אזא שוטה, מלך — האט מרדכי א כארכל געטון, אויסגעשפיגן א טונקל געדיכט שטיק לייבעץ און זיך אפגעווישט דאס שווארצע מויל מיטן ארבל פון כאלאט — און פונדעסטוועגן, זעסטו נישט ווייטער פון דיין נאז...

דער יונג איז געזעסן צעטומלט, מיט אן אפן מויל און גלאצנדיקע אויגן, אן זיין וויסן און ווילן שטיל צוגעקרעכצט. דערנאך איז אים דער קאפ אראפגעזונקען. אז ער האט אים צוריק אביסל דערהויבן, איז זיין פנים געווארן אט רויט און אט בלאס. לסוף, ווען מרדכי האט שוין געהאלטן אין דער סאמע געדיכט־

קיים פונם שמועס, איז מלך געבליבן זיצן אין אזא דערשלאגענער אומבאהאלפנקייט, ווי ער וואלט נישט פארשטאנען קלאר, אין וואס דא האנדלט זיך, ווי ער וואלט נישט ביכולת געווען דאס צו פארנעמען גאר.

מרדכי האט א רער געטון מיט זיין כריפעדיק קול:

— צו וואס דען, מיינסטו, שיקט זי דיך יעדן טאג אין דארף אריין, ביזקל דער האלבער נאכט אריין? זאגסט דאך אליין, אז די שטראפן, און „לא־יחרץ"־געלטער שלינגען איין ס'פארדינסט.

דער יינג האט זיך איצט שוין נישט געווי צוגעהערט צו דעם, וואס דער וויטלעכער פעטער האט גערעדט. פאר אים איז געגוג געווען די ערשטע ווערטער, עס זאל זיך אין אים אנהויבן עפעס צו טון... די ערשטע מינוט האט ער זיך געשעמט, אזוי שטארק געשעמט, אז ווען א גרוב וואלט זיך אונטער אים געעפנט, וואלט ער איינגעשפרונגען, אבי נישט צו דארפן דא זיצן און הערן דאס וועגן זיין מוטער. שפעטער אבער האט זיך די בושה אביסל אפגערוקט, און אויף איר ארט האט זיך אין אים גענומען עפעס רירן. איצט האבן זיך אין אים שוין שטארק געבלעזלט פיצעלעך געדאנקען, מחשבות און דערמאנונג וועגן דער שייכות פון זיין מוטער צו הערשלען... עפעס אזעלכע נישט דייטלעכע רגעס און בליקן האבן אין אים אויפגעטויכט, וואס דעמאלט, בשעת מעשה, זענען זיי אים אומבאמערקט אדורך. איצט ערשט האבן זיי זיך אין אים אויסגעברייטערט, אלס שפורן, וואס זייער שליאר פירט צו דעם, וואס ער הערט דא...

דער לאנגער מרדכי אבער מוז אפנים האבן געמיינט, אז דער יינג זיצט אזוי פארחושט, ווייל דאס אלץ קריכט אים נישט אין קאפ. „ער גלויבט מיר אודאי גארנישט"... האט ער אים געוואלט מיט עפעס א שארף ווארט ארויסברענגען פון דעם שטומען שווייגעניש, און ער האט מיט הויך אויפגעצויגענע ברעמען זיך א רוף אן געגעבן:

— און נישט נאָר איצט, זי איז שוין אַן אַלטע בורדעלניטשקע, דיין מאַמעלע, איך ווייס...

אָבער נאָך איידער מרדכי האָט געענדיקט וואָס ער האָט אָנגעהויבן, האָט דער יינג דערהויבן אַ רויט צעצונדן פּנים מיט ווילדע אויגן, אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין טיש, אַ מרוטש געטון, ווי אַ פאַרוואונדעטער ביק, און אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

אַרויסקומענדיק פון לאַנגען מרדכי, איז דער יינג אָפּגעלאָפן אַ שטיקל וועגס צו זיין היים צו, דערנאָך זיך פון מיטן וועג אויסגעדרייט אין אַ צווייט געסל, אַריינגעלאָפן אין שטוב צו דער מומע ריווע, זיך האַסטיק, ווי ביי אַן אומגליק, אַ זעץ געטון שווייגנדיק אויף אַ שטול נעבן טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער פויסט אַראָפּ, און זיך הויך צעכליפּעט.

די מומע ריווע איז אַן אלמנה. איר מאַן פּנחס איז געווען אַ ברודער פון לאהס מאַן און פון אַלטן וואָלף פעלצנער. ער איז געהרגעט געוואָרן דורך קאָזאַק פאַר צוויי יאָר אלול־צייט, ווען רוסישע פּאַטרולן האָבן זיך געיאָגט מיט דייטשן אויף די אַרומשטעטלדיקע פעלדער, און זייערע מפּלות האָבן די קאָזאַקישע פּאַטרולן אויסגעלאָזט צו די שטעטלדיקע יידנס קעפּ. פּנחס פעלצנער איז דאַן גראָד צוריקגעגאַנגען פון דאָרף מיט אַ פּאָר געקויפטע פעלעכלעך אונטערן אָרעם.

אַליין איז ריוועלע אַ קליין יידענעלע, אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטן שייטל מיט אַ גזשיוועקעלע, און פאַרמאָגט אַ רער־מיילעכל אויף דינע בלאָע ליפּעלעך, און שוואַרצע לויפעדיקע אייגעלעך, שפּיציקע, ווי די שפּיליקעלעך.

די מומע ריווע האָט איר איינגנם צוויי אונטערגעוואַקסענע מיידלעך. איינע שווער און דיק און אומבאַוועגלעך, ווי אַ קלאָץ, וואָס אַז זי גייט, מיינט מען, אַז זי פאַלט איבער די אייגענע פיס; די צווייטע — קליין און מאָגער, ווי די מוטער, נאָר מיט אַ רויט נעזל, וואָס איז שטענדיק אַרום די נאָזלעכער פייכטלעך, און זי האָט די טבע נאָכאַנאַנד אונטערצושניפּן מיט דער נאָז:

הויפ, הויפ. די מוטער קאָן דאָס נישט הערן, און אַז זי טוט דאָס צווישן מענטשן, רעדט זי איר דאָס אויס:

— האָסטו געהערט אַביסל אַ מויד! גאָר זי שניפּט און רופּט די ראָז!

די צוויי מיידלעך האָט די מוטער אָנגעמאָסטן איינע פאַר הערשלען און די צווייטע פאַר מלכן. דערפאַר אַז ריווע איז דערגאַנגען די מעשה פון לאהן מיט הערשלען, האָט זי דאָס אָנגענומען אַלס עולה; אַז לאה באַעולהט זי. ריווע האָט דערויף געקוקט מיט אַ פּראַקטישן קוק, ווי אַז מ'קויפט איר אויס אויפן מאַרק אַן אויסגעהאַנדלטן האָן. און אַחוץ וואָס ריווע האָט גלאַט ליב אין אַלעם זיך אַריינצומישן, האָט עס זי אין דעם פאַל נאָך פאַרדראָסן אויך.

דער יינג איז געזעסן ביים טיש, דעם קאָפּ אויף דער פויסט, און געוויינט. די צוויי מיידן ריוועס זענען געשטאַנען פון דער ווייטנס, מיט צעשראָקענע מינעס. ניכע — די יינגערע — האָט געהאַלטן די רויט אָפּגעפרוירענע הענט באַהאַלטן אונטערן ברוידיקן פאַרטוך און צוגעשניפּט מיטן רויטן פייכטן נעזל, גיך-גיך געשניפּט „הופּ, הופּ", ווי זי וואָלט געדאַרפט אויף דער גיך עפּעס צו פאַרענדיקן דאָרט אין דער צעלייטיקטער נאָז. און קיילע — די עלטערע — איז געשטאַנען, ווי איר שטייגער, שווער און יוסט, און די טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן.

די מוטער האָט זיך אָנגערופן צו די דערשטוינטע מיידלעך מיט אַזאַ באַזונדער מין טאָן, וואָס מען באַנוצט אים ביי אומגליקפאַלן:

— יאָ, קינדערלעך מיינע, יאָ, טעכטערלעך! ער האָט אויף וואָס צו וויינען, אוי, האָט ער געבעך!

איצט איז זי שוין געשטאַנען נעבן וויינענדיקן יינג, אים גלייך געפאָרן מיט דער האַנט איבער דער פּלייצע און זיך געבעטן:

— נו, גענוג, מלכל, פע! נישט שיין אַזוי לאַנג צו וויינען,

רויס דיך איין. זאָלן די שונאים, וואָס ווילן אונז שלעכטס טון, זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט — און, איבערגייענדיק אויף אַ שעלטנדיקן הויכן טאָן, פאַרענדיקט זי:

— און זיי זאָלן קלאָגן און קלאָגן, און נישט אויפהערן צו קלאָגן.

זי האָט געוווּסט, ווי אַזוי צו רעדן, ריווע. זי האָט געוווּסט, ווי צו באַרויקן און ווען מ'דאַרף אַ פּיין שאַרף שפּילקעלע אַריינ־צולאָזן; אַ שפּילקעלע פון יענע דינע שפּילקעלעך, וואָס בשעת מעשה שטעכן זיי גאָר נישט אַזוי, ווי ערשט דערנאָך אַביסל, ביי אַ געלעגנהייט, ווען עס צעבליט זיך.

דער יינג האָט זיך ענדלעך געוויסט, געבליבן זיצן מיט פאַר־מרוקעוועטע רויטע פאַרשעמטע אויגן. ריווע האָט אים שוין אַזוי גיך נישט אַרויסגעלאָזט פון איר שטוב. ער האָט געוואָלט אַהיים־גיין, און זי האָט נישט געלאָזט:

— אָבער גיטס נאָר אַ קוק! צו וועמען דאַרט איילסטו דיך אַזוי? — אַ מאַמע האָסטו? ווי און ווינד, אַ מאַמע האָט ער?...

און גלייך דערויף מיט אַ מיטלייד:

— מלכל, ווייסט שוין כאָטשעס, פאַר וועמענס וועגן דו ברעכסט דיר די ביינער, און פאַר וועמען דו ראַקלסט, און וואָס אין דער היים טוט זיך דערווייל?!...

צום מיטאָג, וואָס מלך האָט דאָ געמוזט מיטהאַלטן, האָט די מומע ריווע געשיקט קיילען צום חזן נאָך אַ קוואַטירעלע בראָנפן. דער חזן אַרבעט דעם בראָנפן אַליין אויס ערגעץ הינטער דער שטאָט, און ער ווייסט, דער חזן, אַז ווען אַ באַלעבאַסטע שיקט נאָך אַ קוואַטירל, דאַרף מען איר שיקן פון דעם סאַמע גוטן, נישט פון דעם, וואָס מיטן רויען ריחל — אַ ייד איז נישט קיין פּויער...

דעם בראָנפן האָט ריווע אויסגעמישט מיט אַביסל פּסחדיקן ווישניאַק פון בייכיקן בוטל, וואָס שטייט נאָך פון פאַראַיאָרן זו־מער אויף דער מלבושים־שאַנק און איז שוין באַדעקט מיט אַ שיכט שטויב, ווי מיט אַ האָריקער הויט.

מלכן האָט דער בראַנפן אביסל אויפגעהייטערט, און אין די אויגן האָבן אים אויפגעלויכטן פלעמלעך.

גאָכן עסן האָט די מומע ריווע ארויסגעשיקט די קינדער פון שטוב, און אליין זיך אוועקגעזעצט קעגנאיבער מלכן, אביסל זיך צערעדט וועגן דעם, וואָס אים שמערצט...

זייטיק אזוי האָט זי דערמאָנט, אַז דאָס פאַרמעגן האָט זיין פאָטער אַנגעשאַפט, די מוטער — גאָרנישט! פון דער מוטער האָט ער אפילו רעכט קיין נדן נישט געקראָגן, זיך פאַרקוקט אויף איר שיין פנימל, איצט — קייעט ער די ערד. זי אָבער לאָזט זיך ווילגיין. דעם עלטסטן זון לאָזט זי ארבעטן, ווי א פאַראָבעק, באַהאַנדלט די קינדער, ווי ממזרים, מ׳ווייסט, מ׳ווייסט, א וועלט שלאָפט נישט!... און נאָר פון ווילטאָג — הויבט ריוועלע ווידער אָן — נאָר פון שווילטאָג, האָט זי זיך איינגעשאַפט א יינג, וואָס פעלט איר דען מער ווי א מאַנסביל! — — — וועט פאַרטאָב־ליעווען דאָס שווער אָנגעפּראַצעוועטע האָב און גוטס... קראַנקער־היים, נעבעך, האָט ער געאַרבעט, פאַלעק עליו השלום... געלייגט א גראָשן צו א גראָשן, משטיינס געזאָגט, ווי אַלצדינג וועט איצט אויסגיין...

— ...און די שטאָט לאַכט. מילא, אַז דער נאָר וואָלט נישט מיין געווען, וואָלט איך אויך געלאַכט. ווי איז מיר! ס׳איז דען נישט צו לאַכן אין די פויסטן? און די חרפה און בושה... וואָס דאַרפסטו מער: איך, דיין זינדיקע מומע ריווע — שעם זיך פאַר א טיר ארויסצווייזן, מ׳טייטלט מיר נאָך: לאָהס שוועגערין, לאָהס שוועגערין... אזא שאַנד, אזא שאַנד...

אום מלך זאָל בלייבן ביי דער הייטערקייט, האָט ער געמוזט אויסטרינקען דאָס לעצטע ביסל צוגעפּראַוועטן בראַנפן פון דער קאַראַפינקע. אַז ער איז פון דאָרט אוועקגעגאַנגען, האָבן אים די אויגן געפינקלט ווי פון א נעפּל ארויס. ער איז געגאַנגען אביסל ווי אויף שטאָלצן. ער האָט מרוקוואָטע געשמייכלט, ווי גייענדיק אויספירן א העלדישן געוועט.

ס׳איז שוין געווען טונקל. די מוטער איז געזעסן אין מיטל

חדר, געמאכט זיך דעם טואַלעט בײַם שפּיגל, צו גײן זיך זען מיט הערשלען — האָט זי מיטאַמאָל דערהערט אַ טומל פֿון קיך, און אַז זי איז אַהין אַרײַנגעגאַנגען, האָט זי געזען: די דינסט און מירע זענען געווען אַרויסגעלאָפֿן. קוויטשענדיק אײנע איבער דער אַנדערער, און אַרײַנגעקוקט דורך דער אָפֿענער טיר. דרינען איז מלך געשטאַנען אַ רויטער, אַ דערשוויצטער, און עפּעס, ווי בײַ אַ געדונגענער אַרבעט געהאַלטן אין האַקן און בראַקן טעלער: אַ כאַפּ אַ טעלער — אַ טראַסק אָן דער ערד, אַז שאַרבנס פֿליען; אַט אַ גלאָז — אַ זעץ אָן דער ערד, און ווײַטער, און ווײַטער, און שיסלען, טעפּ, פֿלעשער און פֿלעשעלעך...

— אַלץ איז דאָ מײַן! — רעוועט ער, ווי אָן זינען — כ'על נישט צולאָזן... ניין!.. — שווײַט ער שוין מיט אויפגעזאָרגענעם גרימצאָרן — וואָס איז דאָס עפּעס... מ'טאָר נישט, מ'טאָר נישט! אַ מאַמע!.. אַ מאַמע!... —

און ס'שפּריצן שאַרבענעס, ס'פֿליען שפּליטערס, ווי בײַ אַ פּאָגראָם... און מירע מיט דער סטאַשע לויפֿן שוין אין גאַס אַרויס מיט קולות און קוויטשיקע געוואַלדן, מײנענדיק, אַז דער ייִנג איז משוגע געוואָרן...

די מוטער, נישט קלערנדיק אַ סך, איז צוגעלאָפֿן, און אײנס צוויי, דעם ייִנג אַראָפּגעלאָזט אַ הילכיקן פּאַטש, אײנעם און נאָך אײנעם. דער ייִנג האָט אויף דער מוטער אַ קוק געטון, ווי אויסניכטערנדיק זיך. נאָך אַ רגע איז ער איר נאָכגעלאָפֿן און אויך אין שטוב גענומען האַקן און ברעכן, אַלץ וואָס אים איז נאָר אין די הענט געקומען, געהאַקט אָן דער ערד און געבראָקט, קומענדיק וואָס אַ רגע מער אין דער רציחה, פֿון זײַן אײגן בריקען.

ס'איז געוואָרן אויף ס'ניי געוואַלדן און געשרײען. אין גאַס, הינטער די פֿענסטער, האָבן זיך געזאַמלט קופּקעס מענטשן, ווי בײַם אָפּוואַרטן אַ לויה, און די אינדרויסן — ייִדן און גוים, מענער, ווײַבער און קינדער — האָבן, אויף אַ קול, דעם ייִנג געערבט געגעבן.

* * *

אין די שטובן האָבן זיך אַרומגעדרייט די צוויי צוריקגע־קומענע ייִנגלעך: וואָווע — אינגאַנצן שטום, און גדליה — קאַ־קעצט קוים אַרויס אַ וואָרט, פאַרהאַקנדיק זיך און סאַפּנדיק דערביי שווער. — זיי האָבן נאָך געטראָגן די אוניפאָרם פון דער שול פאַר יטויב־שטומע — געפּאַסטע שילער־רעקלעך מיט אויפ־געשטעלטע גרין־באַקאַנטיקטע קעלנערלעך און גרין־באַלאַמפּאַסטע היטלעך. וואָווע איז אַרומגעגאַנגען בייז, רק געברומט: באַב־כאַ, באַב־כאַ... דער קלענערער, גדליה, איז אַרומגעקראָכן אויף די דינע, ווי שטעקעלעך, שוואַכע פיס, קוים געשטאַלפּערט אויף זיי, אָנהאַלטנדיק זיך אָן דער וואַנט, און אויסגעמיטן זיך צו באַ־געגענען מיט אַ מענטש, ווייל פון אַ ליאַדע ריר־אָן איז ער אומ־געפאַלן.

טראַכט לאה וואָוען אַריינצוגעבן אויף דער לער צו אַ שניי־דער. „פאַר וואָס נישט? — ס׳גייט אים שוין דאָס פופצנטע יאָר, אין געזונט אויף אַלע גלידער, און איז שטאַרק". איז אָבער איצט מלחמה־צייט! בעלי־מלאכות אַרבעטן נישט, שניידערס און שוס־טערס האַנדלען גאָר מיט זייף און וואַש־סאָדע... דער ייִנג, וואָווע, איז כסדר אויפגערעגט און בייז. עס פאַרדריסט אים נאָך אַליין, פאַר וואָס מ׳האָט אים געלאָזט דאָרט אין יענער שטאָט הונגערן, נישט באַלד אַהיימגענומען. עפּעס רעדט ער צו איר, צו דער מו־טער, אויף שטום־לשון, מאַכט האַסטיק מיט די הענט, ווייזט עפּעס און פאַרקרימט זיך. די מוטער, נאָך אַ פּאָר יאָר נישט האָבן אים דאָ, פאַרשטייט זי נישט וואָס ער מיינט — צעברומט ער זיך באַב־כאַ, באַ־אַ־אַכאַ, קוקט זיך אַרום וועגן אַ שטיקל פּאַפּיר, אויפצושרייבן וואָס ער מיינט. זי אָבער ווערט מיט אַמאָל דורכ־גענומען פון צער און כעס, צער — וואָס אָט די קאַליקעס זע־נען אַ שטערונג אין איר לעבן, און כעס — צו וואָס זי האָט זיי פּונקט איצט אַהיימגעקראָגן. אָן אומגעדולד בושעוועט אין איר... דרייט זי זיך אַוועק פון ברומענדיקן שטומען, און גייט אַרויס פון שטוב אויפן הויף.

אין דרויסן איז גראָער סוף ווינטער טאָג. דער שניי איז

שוואַרצלעך ,פון די קוימענס פּאַלט דער רויך אַראָפּ צו דער ערד. אויפן הויף דרייען זיך אַרום זעטלעכע הינער, נישטערן מיט די שנאָבלען אין דער צעווירענער שניי־בלאָטע און וואַרעמען זיך דאָס דערהויבענע פּיסל אונטער די בויך־פעדערן; פון שטאַל הערט זיך דאָס הירזשן פון די פערד. מלך פאָרט מער נישט אין דאָרף. פון דעמאָלט אָן, נאָך דער ערשטער מחלוקת, ווען ער האָט אַלץ צעהאַקט — פאָרט ער מער נישט, קומט אַהיים בלויז נאָר ווען ער רעכנט דאָ צו טרעפן הערשלען, אום אַרויסצורופן אַ געשלעג

זי טוט אַ זיפץ, און גלייכצייטיק ווערט אויף אין איר אַ האַס צו אירע שונאים, און אויך צו איר 'עלטסטן זון.

דריבן, ביי ווישינעווסקין אין אַפענעם שכנותדיקן הויף — שלאָגט גרעגאָרעק דער סטאָליער זיין הינטל מיט אַ רימען. גרע־גאָרעק מיטן גראָען קאָפּ, ווי מיט שניי באַשיט, טראָגט שווערע ברילן, מיט דרעטלעך איבער די אויערן, דער בלויער אַרבעטס־פאַרטוך זיינער איז מיט אַ הערצל אַרויף, און דאָרט ליגט עפּעס, פון וואָס עס זעט אויס, ווי אַ ווייבערישער בוזעם. דאָס הינטל ליגט אויסגעבויגן אין דער בלאָטע, קוקט הינטיש נאָך יעדן קלאַפּ פון רימען, און וואָיעט יאָמערלעך... גענוג אָנגעשמיסן דעם הונט, לאָזט ער אים אָפּ, לייגט זיך אַרום דעם רימען אַרום די הויזן און נעמט זיך שנייצן די נאָז. אָפּצווווישן די נאָז נעמט ער אַרויס די שמאַטע פון הינטער דעם פאַרטוך־הערצל, דערזעט ערשט לאה, אַז דאָס וואָס ליגט דאָרט און מאַכט זיין בוזעם ענלעך צו אַ ווייַ־בערישן איז די שמאַטעדיקע נאָז־פאַטשיילע.

פון דער קיך פאַרנעמט לאה אַ הויך לאַכן. די סטאַשע און מירע סודלען זיך עפּעס און כיכען. ווען לאה עפנט די טיר, צו־ריס אַריינצוגיין אין שטוב, גיט זיך אַ מאַך אַוועק און גלייך צוריק אַ וואַרף־צו אַן עק פאַרהענגל פון דער באַגלאָזטער קיך־טיר כירע קומט פון קיך אַרויסצילויפן אין אַ ברודיק קורץ קלײדל און צעשויבערטע לאָקן. זי לופט צו דרייסט גלייך צו דער מוטער:
— גיין, עשע ניין דאַ אַן שע, עשע מאַא אושע!.. — שרייט

זי איר אין פנים מיט א געלעכטער, שיסט מיט צעלויכטענע אויגן און אנטלויפט צוריק.

מיט אימפעט גייט לאה אריין אין קיך. מירע באהאלט זיך, לויפט אריין אין דערנעבנדיק צימערל. די שיקסע דרייט אוועק ס'פנים. לאה רעדט שארף און קלאר:

— סטאשא — ווענדט זי זיך צו דער פול־לייביקער דינסט — פון דער אנדערער וואך אן האסטו ביי מיר מער נישט קיין שטעל, וועסט דא מער נישט זיין.

די שיקסע נעמט וויינען און ליארעמען, זיך די יארן און דאס לעבן אפשווערן, אויף יידיש און פויליש, אז זי ווייסט פון גארנישט, אז נישט זי האט דאס מירען אויסגעלערנט, נאר די שווארצע ריווע, ווען מירע איז דארט געוועזן. זי ערותט זיך מיט מירען אליין. יענע פארשטייט נישט, אין וואס דא גייט, פלוי־דערט זי עפעס און לאכט

דערנאך קומט דער סטאשעס מוטער, די אלטע, אויף איין אויג בלינדע קאזשינסקע, וואס וווינט אין זעלבן הויז אין א בוידעם־שטיבל און איז דא אנגעשטעלט, אלס סטרוזשקע. די קאזשינסקע פאלט לאהן צו די פיס, בעט און חלשט, די טאכטער זאל ווייטער בלייבן. לאה איז נישט קיין ווייכע. דא אבער אי־בערלייגט זי זיך, אז די קאזשינסקע איז צופיל שוין אויסגעבונדן אין אירע שטוב־זאכן, און אז איצט איז איר גלייכער די דאזיקע פיפיקע באבע צו האבן פאר א פריינט, איידער פאר א שונא. זי נעמט ענדלעך צוריק איר אפזאג. די קאזשינסקע גיט איר פון דאנקבארקייט א קוש אין האנט, ווינטשט איר אן און אן. לאה בארויקט זיך. זי פילט, אז זי האט איצט די קאזשינסקען און מסתמא אויך איר טאכטער אינגאנצן אויף איר זייט. דאס גיט איר א שטיקל באפרידיקונג.

דאס זעקסטע קאפיטל.

לאהס באגעגענישן מיט הערשלען קומען איצט פאר אין די פארנאכט־שעהן, הינטער דער שטאט, אויף זייטיקע דארפס־

וועגן, אויף פארשנייטע פעלדער און פלעצער. אין דער היים איז איצט אומטעגלעך. פונדעסטוועגן קומט נאך הערשל טיילמאל אהין. זי הייסט אים אריינקומען, מלך זאל נישט מיינען, אז ער האט אים פאריאגט פון שטוב. איינמאל איז שוין אפילו שיער אויסגעבראכן אין שטוב א געשלעג צווישן מלכן און הערשלען. לאהען איז געלונגען עס איינצושטילן פון אנהויב באלד, מיט שארפע הערשערישע ווערטער פאר ביידע און מיטן שטרענגן טופע מיטן פוס אן דער ערד. זי האט זיי איינגעשטילט, אזוי ווי מ׳פארלעשט איינער אליין א שרפה ביים ערשטן כאפ אויף — און נישט דערלאזט צו עפעס מער. דאך איז הערשל אויך דעמאלט ארויסגעגאנגען פון שטוב נישט באלד, ווען מלך האט געוואלט — נאר ערשט שפעטער, היפשלעך שפעטער, ווען לאה האט עס אים געהייסן דורך א ווונק.

דער געדאנק וועגן חתונה האבן מיט הערשלען האט זיך שווער, אבער פעסט איינגעבירגערט אין לאהן. איצט רוט ער אין איר זיכער, ווי א פעלז. „אזוי וועט זיין, און נישט אנדערש" — טיף און עקשנותדיק, ווי א נזשוואק, זיצט אט דער געדאנק אין איר מוח. אבער — נישט אזוי גיך און נישט אזוי לייכט האט זיך אט דער באשלוס איינגעווארצלט אין איר. א סך טרערן, קאמף און פארצווייפלונג; א סך שלאפלאזע נעכט און צאפלדיקע שעהן האט זי דורכגעלעבט, ביז זי האט זיך דערויף אנטשלאסן; אבער — האט זי זיך איינמאל דערויף אנטשלאסן, וועט זי עס אויספירן. יא, זיכער אויספירן.

„און געברענגט דערצו האבן זיי, נאר זיי — טראכט זי וועגן דער משפחה.

אזוי מיינט זי לאה. זי ביי זיך איז זיכער, אז די משפחה מיט זייער אריינמישן זיך, מיט זייער שטערן און אויפרעגן קעגן איר די קינדער — האבן געברענגט דערצו, אז אויך אין איר זאל זיך איינפרעגן אן עקשנות און זי זאל זיך באשליסן אויף אזעלכעס, וואס אפילו איצט, ווען זי ווייסט שוין זיכער, אז זי וועט עס און מוז עס אויספירן — ווערט איר טיילמאל הייס

און אַ שוויים באַשלאָגט זי — פֿאַרשטעלנדיק זיך, וואָס ס'וועט זיך נאָך טועז, ביז זי וועט שטיין אונטער דער חופּה מיט דעם אַכצניאָריקן בחורל, איר יונגס חבר און איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַנס ברידער־אייניקל.

וואָס האָט דען גאָר געקאָנט פֿאַרשטיין אַט דאָס בחורל הערשל? ער? — ער האָט געלעכצט און זיך געצויגן צו אַט דער פֿרוי; עפּעס ווי אַ מין בישוף איז זי געווען פֿאַר אים. ער האָט נישט געקאָנט טראַכטן פֿון איר, נישט צו שפּירן אַ היץ, וואָס שטראָמט אים אַרורך; נישט נאָר זי אַליין, נאָר אַפֿילו אירס אַן אויסגעטון שיכל, אירס אַ קלייד, וואָס איז געהאָנגען אויפֿן הענגער, האָבן אַ ווילן שוידער אין אים אַרויסגערופֿן. אַלץ וואָס האָט אים נאָר אין איר דערמאָנט, האָט אַ הייסן סקרוך, ווי אַן עלעקטרישן שטראָם, דורך זיין חוט־השדרה אַדורכגעפֿירט.

אָבער צי האָט ער דען ביי זיינע קוים אַכצן יאָר געקאָנט באַנעמען גאָר, וויפֿיל אַט די פֿרוי ליידט? די קעגנזעצלעכע געפֿילן, וואָס עס רופֿט אין איר אַרויס דער געדאַנק מיט אים זיך צו פֿאַרבינדן?

יאָ, שטאַרק, אייזן שטאַרק איז זי שוין געווען אין זיין מאַכט, אַז אַט דער תּחילת ווילדער חתונה געדאַנק האָט אין איר גובר געווען אַלע שטרויכלונגען, אַזוי די מוטער־ליבע (זי האָט זי דאָך פֿונדעסטוועגן פֿאַרמאָגט אין אַ געוויסער מאָס), ווי אויך די בושה פֿאַר לייטן, און נאָך — — — און לסוף איז אַט דער באַשלוס אַליין געבליבן קעניגן אויפֿן טראָן, געבליבן איר איינציקער באַפֿעלער.

צי האָט ער דען געקאָנט וויסן, הערשל, פֿאַרשטיין גאָר, אַז אַפֿילו דעמאָלט, ווען דער באַשלוס איז שוין געלעגן אין איר אַ פֿאַרטיקער, געפֿעסטיקטער און צעמענטירטער — אַפֿילו דע־מאָלט האָט זי אים נאָך אַ צייט לאַנג נישט געקאָנט פֿאַר די ליפּן ברענגען, און זי האָט אים, הערשלען, אַלץ מרחה געווען פֿון צו געבן אַ קלאָרן ענטפֿער, מרחה געווען מיט אַ גלעט, מיט אַ שמייכל, ווייל זי איז אַלץ נישט בכוח געווען דעם באַשלוס פֿאַרן.

מויל צו ברענגען — ביז ערשט רעמאָלט, יענעם אומס...

דאָס איז געווען מיט א צוויי דריי וואָכן צוריק. אין א פאַרנאַכט האָבן זיי זיך געטראָפן אויפן אָפּגעשטימטן אָרט. דער פאַרנאַכט איז געווען א גראָער, ערב־שנייאיקער. א ווינט האָט געבלאָזן. זיי זענען געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ פאַרביי דער אַלטער ציגעלניע, ווייל זי האָט זיי אביסל פאַרשטעלט פון שניידיקן ווינט.

רעכטס אויף א בערגל איז געשטאַנען א ווינט־מיל. די שמויגעס, ווי גרויסע אויסרוף־צייכנס, האָבן געסטאַרטשעט צוויי אַרויף צום גראָען פאַרנאַכטיקן הימל, און צוויי אַראָפּ צו דער ערד צו, ווי זיי וואָלטן אי דעם הימל, אי דער ערד שטרענג דערמאָנט וועגן די דייטשנס רויבערישן באַלעבאַטעווען דאָ אין אָקופּאַציע־געביט... ווייטער אַרויף, אין א פענסטערל פון א הייזל, האָט מען אָנגעצונדן א לאָמפּ. לאה איז געווען אָנגעטון אין פעלצמאַנטל, דעם קאָפּ אין א זיידענעם שוואַרצן שאַל, איר פּנים איז געווען בלאַסלעך, און די טונקעלע אויגן האָבן אַרויסגעפינקלט. הערשל איז געווען אָנגעטון, ווי געוויינלעך פון דער אַרבעט אַוועק — אין קורטקעלע מיט א געפוטערטן אונטערשלאַק. אין אויבערשטן טעשל האָט ער נאָך געהאַט שטעקן דעם צוזאַמענגעלייגטן געלן צאָלשטאָק, צום מעסטן ברעטער; אויפן קאָפּ — א שפּיציק באַראַנקאָווע היטל, און אויף די פיס — געפּאַסטע שטיוול.

הערשל האָט זי, ווי יעדעס מאָל, געקושט און געהאַלזט, און ווי דער שטייגער זיינער איז — יעדעס מאָל מער און מער.

האָט ער ווידער גענומען איבערחזרן, אַז זיי זאָלן חתונה האָבן. זי האָט אים גאָר נישט געענטפערט, געשוויגן פאַרטראַכט. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, אַז ער קאָן נישט לעבן אָן איר, און אַז ער וועט זי נישט קריגן, בלייבט אים מער נישט איבער, ווי... — און ער האָט אויף איר געקוקט מיט פאַרטרערטע אויגן.

זי האָט גאָר נישט גערעדט, נאָר יעדעסמאָל, ווען זיין קול

איז איבערגעגאנגען אין טרערן, האט זי טרויעריג, וויימוטיג גע־שמייכלט, אים געגלעט די באַק, און פון מאָל צו מאָל אַ קוש געטון, אין שטערן און אין די באַקן.

הערשל איז פּלוצלונג זייער אויפגערעגט געוואָרן. ער האָט זיך איילינק גענומען אויפקנעפּלען די קורטקע, אַזש אַ קנאָפּ איז אָפּגעשפּרונגען. דערנאָך דאָס וועסטל און וואָס אַמאָל איילינקער. איצט האָט ער אויפגעריסן זיך דאָס וועסטל, נאָר ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים סאַמע נאַקעטן האַרץ, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ ברום, ציז אַ קרעכץ, זיך האַסטיק אויסגעדרייט און גענומען מיט אַ בהלה, ווי צו עפּעס אַ בייזן באַשלוס, לויפן צוריק צו דער שטאָט, אָדער צום וואַלד, וואָס ליגט אין דער זעלבער ריכטונג, אַהער אַביסל.

נאָר ווען הערשל איז שוין געווען אַביסל אָפּגעלאָפן און זיך נישט אומגעקוקט אויף איר רופן און נאָכלויפן אים — איז מיט אַמאָל פון אַ צווייטער ריכטונג, פון דאָרט וווּ עס געפינט זיך דאָס הייזל מיטן באַלויכטענעם פענסטער — אָנגעקומען צו לויפן אַ הונט, אַ גרויסער וואָלף־הונט. ער האָט זיך געלאָזט גלייך אויף איר מיט אַ הינטיש־פיר־פיסיקן אימפּעט און אָפענעם פיסק מיט ציין...

זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטאַרטע פון שרעק, און מוז זיין, אַז פון איר האַלז האָט זיך אָן איר וויסן אַרויסגעריסן אַ געשריי — הערשל האָט זיך פּלוצלונג אַ דריי צוריק געטון און זיך אַ לאָז געטון קעגן הונט אין אַזאַ ריכטונג, אַז זי איז גע־בליבן געשיצט דורך אים.

ערשט אַז זי האָט דערזען, ווי הערשל לאָזט זיך אויפן הונט מיט די בלויזע הענט, האָט זי געמאַכט אַ געוואַלט. פון הייזל דאָרט האָט זיך באַוויזן אַ דייטשער זעלנער, רופנדיק דעם הונט. הערשל אָבער איז שוין געלעגן אויף דער ערד מיט צעריסענע מלבושים. פון דער קני, הינטער דער אָפּגעריסענער הויז, איז אים גערונען בלוט, און פון דער האַנט איז אים אויך געפלאָסן בלוט.

פון היטן זיך האָט איצט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. אָרום איז נישט געווען קיין מענטשנס ווינונג, א חוץ דאָס הייזל, גאה איז אהין אריינגעגאַנגען. דאָרט האָבן געוווינט עטלעכע זעלנער, צוגעטיילטע צו דער שטאָטישער קאָמענדאַנטור. זי האָט צוויסן געטון, וואָס עס איז געשען, און געבעטן הילף. זי האָט זיך אויך געמוזט לעגיטימירן, זאָגן, ווער זי איז, און ווער דער פארוווּנדעטער איז. דעמאָלט ערשט זענען צוויי זעלנער ארויסגעגאַנגען מיט א לאַמטער, אריינגעברענגט דעם פארהלשטן, מ׳האָט אים דאָ פארבאַנדאַזשירט און ווי עס איז געברענגט צו זיך. לאה איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, ווי איינער וואָס איז שוין אַלע שטראָפן און צרות אויף זיך מקבל באהבה... די דייטשע זעלנער זענען געווען גענוג קאָרעקט, קיין שום ווערטלעך און וויצן אויף דעם פאָרלס חשבון זיך נישט אויסגעברענגט.

דערנאָך, ווען הערשל, א פארבאַנדאַזשירטער און בלאַסער, איז אהיימגעגאַנגען, נישט געוואָלט זיך אָנשפּאַרן אָן איר, נאָר נאָך זי געפירט אין אָרעם — ווען ער איז מיד געוואָרן, און זיי האָבן זיך צוגעזעצט אָפּרוען אויף א שטאָם פון א בוים, וואָס איז געלעגן ביים וועג, לעבן ראָוו, אָרום איז געווען שטיל, טונקל, און א שנייעלע א דריבנע אין דינם האָט געשיט — האָט לאה נאָך א ווייל זיצן לעבן אים און שווייגן פלוצלונג א פארוואָרף געגעבן ביידע אָרעמס אָרום זיין האַלז, און אים אריינגעשעפּטשעט אין אויער די לאַנג פארהאַפטע ווערטער:

— פארפאַלן — איך וועל זיין דיין ווייב.

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט זי זיך פלוצלונג צעוויינט, פארהאַלטנ־דיק זיך די אויגן מיטן ווייסן טאַשנטיכל.

פון יענעם אָוונט אָן רעדן זיי דערפון ביי יעדער באַגעג־ניש, וואָס קומט פאָר כסדר דריי מאָל אין וואָך. לאה האָט א גרויסע השפעה אויף הערשלען. זי ווייסט ווי אַזוי אים אָפּצו־האַלטן פון א סך לייכטזיניקייטן, אַזוי קעגן זיך, ווי אויך בנוגע צו אַנדערע. זי, לאה, די צמאָל נישט נוטע און נישט הייסע מאַמע

און שלעכט מענטש, איז מיטאמאל געווארן אנדערש — א ניי־האריץ האט זי אין זיך ארויינגעקראגן, מיט ווייכקייט און גוטסקייט ווירקט זי אויף הערשלען, און נאך מער מיט איר חן און שיינקייט. —

זיכער. זי ווערט מיט יעדן טאג יינגער און שענער. זי קאן זיך פארמעסטן מיט צוואנציקיעריקע מיידלעך. הערשל פארגלייכט זי טיילמאל אין געדאנק מיט די מיידלעך, וואס ער קען — גייט זי שטענדיק ארויס די זיגערין...

מלך — רעדט זי אים וועגן איר זון — מלך איז גאר נישט שולדיק. ער איז — דו קאנסט אים דאך — ער איז נישט קיין שלעכטער און נישט קיין שלעגער. נאר זיי העצן אים אויף. ווען ער קומט נאר פון ריוועז, מאכט ער אין דער היים א מחלוקת. נאר דו, כ'בעט דיך, ענטפער אים נישט, טו דאס פאר מיר, און ענטפער אים נישט. ער וועט אנדערש ווערן, און איך וויל נישט, דו זאלסט זיך מיט אים שלאגן....

וועגן לייבעש „נאסעק" זאגט זי:

— ער איז מיר אויך א סך שולדיק. נישט אזויפיל מיט רשעות, ווי מיט זיין נארישער פרומקייט... קיין שלעכטער איז ער נישט, נאר א גוואלדיקער פרומאק. איך וואלט אים געקאנט אפטון: נישט קויפן פון אים די פוטער און אייער און נישט געבן קיין געלט אויפן טארג, אבער ס'האריץ לאזט מיך נישט, צו לאזן הונגערן א מענטש מיט ווייב און קינדער.

און מיט אזוי פיל איבערגעלייגטקייט און מענטשלעכקייט האט לאה קיינמאל נישט גערעדט. זי האט גאר א שם פאר א שלעכטע און בייזע. נישט אנדערש — די ליבשאפט, וואס פלאטערט איצט אין איר האריץ, האט עס ווייך און מיטפילנד געמאכט.

און הערשל — צי דורך לאהס רייד, צי פון זיך אליין — אויך ער, דער שטענדיקער לייכטזיניקער און אמביציעזער בחור, אויך ער איז אנדערש געווארן.

ס׳איז געווען א מעשה: אנומלטן, אין א חנא־טאג נאכמי־טאג, די געוועלבער זענען געווען פארמאכט, און אין מארק, ביים לינדן וועטער, זענען געשטאנען קופקעלעך יידן, געשמועסט, און נאכגעקוקט דעם שפאנענדיקן זשאנדאר, צו וועמען א שטייגער ער קלייבט זיך דאס אויף א „וויזיט" — איז פון געסל, ווו ריווע וווינט, אנגעקומען מלך, א רויטער, מיט צעכעסטע אויגן. צום ערשט איז ער דורכגעגאנגען דעם מארק, נישט אפשטעלנדיק זיך. דערנאך האט ער זיך צוריק געדרייט און צוגעגאנגען צו הערשלען, וואס איז געשטאנען מיט זיין באלעבאס זרח בליץ און מיט נאך א ברעטער־סוחר. דערבליקנדיק צוגיין מלכן, איז הערשל אוועקגעגאנגען פון זרחן, און גענומען גיין אין אן אנדער ריכטונג — אהין ווו זיין ברעטער־סקלאד געפינט זיך. מלך ווידער, ווי ער וואלט מורא געהאט, ע׳ס זאל און אים נישט אפקילן — איז אים ראפטום און מיט גרויסע שפרייזן נאכגעלאפן, און ארויספאדערנדיק גענומען רעדן צו אים מיט א צו הויך קול, געשריגן אים אין פנים אריין, האלטנדיק דערביי איין האנט אין דער הויזן־קעשענע, און די צווייטע — פארמאכט אין א פויסט — אים פאר די אויגן:

— צי אפ, ווארן כ׳מאך א תל פון דיר, אנטלויף, זאג איך דיר! — האט ער אים די פויכט אלץ נענטער אין פנים געשטופט, און גערעדט מיטן לשון פון ריוועם שטוב: — זעסט, כ׳האק דיר די ציין אין האלז אריין!

הערשל האט שוין חשק געהאט אויך עפעס צו טון. ער איז רויט געווארן, און די הענט האבן אים שוין גענומען „בייסן", ווי פאר א געשלעג. אבער ער האט זיך א קוק ארום געגעבן — פון אלע זייטן מארק זענען פניכער און פנימלעך, אויגן און אויגן געווען אנגעשטעלט מיט נייגיריקייט אויף זיי... דעמאלט האט הערשל מיט כוח זיך באהערשט, און מיט פארפרעסטע ציין א מורמל געטון:

— מלך, גיי אהיים דיך אויסשלאפן, דערנאך וועט מען רעדן, אז דו וועסט זיין ווי אלע מענטשן. —

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט הערשל, צום פּאַרדרוס פון אַלע אַהער־גלאָצנדיקע אויגן — גענומען רויק גיין זיין וועג, און מלך האָט אָפּגעטרעטן.

אַהיימקומענדיק אָבער, האָט, מוז זיין, אין מלכן נאָך אַמאָל אויפגעוואַכט דער כעס, וועלכן ער האָט געבראַנגט פון ריוועס שטוב. אינדערהיים האָט מלך מיטאַמאָל גענומען האַקן און בראַקן אַלץ, וואָס ס'איז אים נאָר געקומען אין האַנט. די סטאַשע האָט אים געוואָלט איינהאַלטן, האָט זי באַקומען אַזאַ פּלעם מיט אַ טעלער אין קאָפּ, אַז זי איז אַנטלאָפן מיט אַ געשריי. מירע האָט אויף איר קוקנדיק, אויך גענומען שרייען. דער קרענקלעכער גדליה האָט אָנגעהויבן חלשן, ווי זיין שטייגער, אַז ער דערשרעקט זיך... לאה אָבער האָט דעם יינג דאָסמאָל באַרויקט אויף אַן אַנדער אופן. זי האָט כסדר געהאַלטן אין איין צוטראָגן געפעס, גלאָז־וואַרג און אַנדערע טייערע זאַכן, וואָס געפינען זיך אין איר רייכער שטוב... זי האָט עס אים כסדר צוגעטראָגן, זאָגנדיק מיט אַ רויקן שמייכל:

— נאַ, מיין זון, ברעך, האַק! דו האַקסט נישט קיינעמס, נאָר דיין אייגנס. נו, שטיי נישט, מלך האַק, בראַק...

דעמאָלט איז דער יינג געבליבן שטיין, ווי אַ גולם, אַ רגע זי אָנגעקוקט מיט אַן אָפן מויל, און פּלוצלונג זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד, שלאָגנדיק זיך דעם אייגענעם קאָפּ אָן דער ערד, מיט אַ הייס פאַרצערטן מרומש:

— מאַמע, וויי איז מיר, מאַמע!... מאַמע!...

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

אָנבייסן־צייט, אַרום נייַן־האַלב־צען אונדערפרי, האָט מען אין געסל געזען דעם אַלטן וואָלף פעלצנער שלעפּן פון יענער זייט בערגל, לעבן דער אַלטער מיל, צוויי קאַנען וואַסער אויף „שאַנ־דעס". געשלעפּט האָט ער זיי פון ברונעם דאָרט. די גאַנצע שטאָט נעמט פון דאָרט וואַסער צום טרינקען און צו דער קיך.

די צווײ הילצערנע קאַנען זענען שוין זײער אַלטע, מיט געלע רײפן, און מיט מעשענע טשוועקעלעך אויסגעקלאַפּט די אותיות פון זײן נאָמען. אויף אײן קאַן אַ „וו" און אויף דער צווײטער אַ „פּ". די „שאַנדעס" האָבן פון אַלטקײט און פון אַ סך נוצן שוין אָנגעוואָרן זײער אײגנטלעכן האָלץ־קאָליר, זענען איצט אויס שוואַרץ און גלאַנציק, ווי זײ וואָלטן געווען פון אַזאַ מעטאַל. די קײטן, אויף וועלעכע די האָקנס האַלטן זיך, זענען שוין אויף היפּשע עטלעכע ערטער צעריסן און צוזאַמענגעפּעסטיקט מיט דראָט. און ער אַלײן איז הויך און דיק, מיט שטײפע, געשוואָלענע, קוים באַוועגלעכע פיס, מיט אַ רויט־בלאָ פּנים, מיט אַ װײסער שיטע־רער באָרד און אַרויסגעזעצטע אומבאַשטימט־קאָלירקע פּײכטע, האַלב־בלינדע רויטע אויגן; ווי ער קריכט אַזוי מיט די צווײ קאַ־נען וואַסער אויף די אים צו דער ערד ציענדיקע „שאַנדעס" — דאַכט זיך אויס, ווי אַ שטיק פּאַרצײטישקײט וואָלט פון קבר אויפגעשטאַנען און זיך אין גאַס באַוויזן, איצט אין דער צײט פון וועלט־מלחמה, נויט און דײטשער אָקופּאַציע.

אַ פּרעמד שטעטלדיקן שוואַרצבאַוואַקסענעם ייִנגערמאַן, וואָס איז אַהער געקומען, אַוועקקויפן בשתיקה אַ פּאָר זעקלעך מעל און זײ בײנאַכט אַרויסשמוגלען — האָט ס'רחמנות אָנגענומען, צוזע־ענדיק, ווי אַזאַ אַלטער ייִד שלעפּט וואַסער אויף „שאַנדעס"; ער מוז האָבן געמײנט, אַז דער אַלטער טוט דאָס פון נויט — האָט ער זיך אים אין וועג געשטעלט און פאַרגעלייגט:

— זײדעשי, לאָזט, זײט מוחל. איך וועל אײך דאָס וואַסער צוטראָגן. —

אָבער דער בײזער וואָרטשע, וואָס ער האָט פון אַלטן באַ־קומען אַלס דאַנק, האָט אים אויסגעניכטערט, ער האָט אַ טראַכט געטון „מסתמא אַ משוגענער עפּעס" — און װײטער געאײלט צו זײנע מסחר־געטועכצן, באַגלײט פון יחוזק־שמײכלען פון די אַרו־מיקע, וואָס האָבן שוין געקענט דעם אַלטן פעלצנער און אים אויסגעמיטן.

— יאָ, דאָס וועט זיין געווען אַרום האַלב צען, ווען דער אַלטער פּעלצנער אין דער וואַטירטער קורטקע, און אַרומגענאָרטלט מיט שפּעס, און אין אַלטן פוטערנעם היטל, האָט זיך געוויזן אין גאַס שלעפּנדיק וואַסער פון ברונעם, ווי זיין שטייגער איז יעדן צווייטן אָדער דריטן טאָג. — שפּעטער אַביסל איז רייזע, דעם אַלטנס האַלב אידיאָטישע טאָכטער, געקומען צו זרח בליץ אין שטוב, אַהיימגערופן הערשלען:

— ער זאָל שוין קומען — האָט זי גערעדט מיט איר טאָן, ווי זי וואָלט זיך געקריגט, און מיטן עק וואָלענעם טוך זיך דאָס פּנים פאַרהאַלטן ביז אין דער העלפט (זי האָט זומער און ווינטער מורא געהאַט פאַר א צוג) — הערט'ס, ר'זאָל שוין קומען. די מימע ריווע איז אויך דאָרט.

— גוט־גוט, גיי און מאַך א ברית — האָט זיך זרח פונדעסטוועגן נאָך געוויצלט. ער האָט זי צוגערופן און איר אָנגעזאָגט מיט א גאָר ערנסטער און פאַרסודעטער מינע

— רייזע, נאָר לויף, כ'בעט דיך, גיך — דער שוואַרצער זשאַנדאַר קען דיך נאָך כאַפּן, וועט ער דיך לייגן־פירן מיט א ים־סאָטער.

ווען הערשל איז אַהיימגעקומען, איז שוין ריווע נישט געווען. דער זיידע איז געשטאַנען נאָך אָנגעטון, ווי ביים וואַסער טראָגן. ער איז געשטאַנען מיט א זייט אָנגעלענט אָן שיעפּלעכן הויכן טיש ביי דער וואַנט. ער האָט מיט זיך פאַרשטעלט דעם טיש־שופלאָד, וואָס פון דאָרט צאָלט ער אויס די פויערן מאַרק־טאָג פאַר פוטער און אייער (פאַר דער מלחמה האָט ער נאָך פון אָט דעם שופלאָד צוגעגעבן — אויף להכעיס זיין קאָנקורענט — לאַהם מאָן — יעדער פויערטע א פּאָר צוקערלעך אין א פּאַפּירל), געשטאַנען אָנגעלענט מיטן רעכטן האַלבן שווערן גוף און געסאָפּעט.

צו וואָס דאַרף מיך דער זיידע האָבן? — האָט הערשל אין זיך שטיל געפרעגט רייזען; אפּנים, ער האָט זיך געפילט אומרויק. —

די אידיאָטקע מוז זיין, האָט אים פּלוצלונג נישט דערקענט. זי האָט זיך צעשריגן:

— טשעפּע דיך אָפּ, דו! — האָט זי געברומט; אפּנים טאָקע נישט ווייסנדיק, וואָס און ווער עס רעדט צו איר.

— הארש! — האָט דער אַלטער א רוף געטון — מאַך צו די טיר און קום נאָר אהער צו מיר דאָ.

הערשל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן שטוב און זיך גע־ריבן מיט דער האַנט דאָס פּנים, אום צו באַהאַלטן פון אַלטן די אומרויקייט, וואָס ליגט דערויף אויסגעגאָסן.

— ווי אַלט ביסטו, הארש?

הערשל קוקט אים אָן און שווייגט.

— כ'פרעג דיך דאָך עפּעס, האַ? — זידט שוין דער אַלטער אויף — הארש, איך פרעג דיך, ווי אַלט דו ביסט?

הערשל שווייגט נאָך א ווייל, און ענטפערט אומצופרידן:

— ווי אַלט איך בין — דריי וואָכן פאַר פּסח ווער איך אַכצן יאָר.

— אום — גיט דער אַלטער א ברום. ער ווישט זיך אויס מיט די פינגער די אויגן, שטעלט זיי שאַרף אָן אויף דעם בחור, וואָס שטייט אין מיטן שטוב, גלייך אים אין פּנים אריין, און ער רעדט שוין א קאָפּ געלאַסענער:

— הארשל, דו ביסט מיין אייניקל, מיין טאָכטערס קינד, אַז דיין מאַמע איז דיר אָפּגעשטאָרבן, האָט דיך דיין טאַטע מיר איבערגעלאָזט... איך דאַרף נישט איבערחזרן, דו ווייסט עס אויך — דער אַלטער שטעלט זיך אין מיטן רעדן אָפּ, ציט אָפּ דעם אָטעם און נעמט פּלוצלונג רעדן אין איין אָטעם:

— הארשל, כ'האָב עפּעס געהערט, א ווילדע זאַך האָב איך געהערט... הארשל, די זאַך איז וואָר, צי ס'איז א בילבול?

— איך ווייס נישט וואָס — זייט הערשל ארויס פון צווישן די ציין. א בלאַסקייט שלאָגט אים אַרויס אויפן פּנים. אָבער איינ־צייטיק צינדט זיך אים אָן עפּעס אין די אויגן. די ציין אין מויל

בליצן אים אויף צווישן די ליפּן, ווי צום מנצח זיין אין אן אומ־פאַרמיידלעכער מלחמה.

דער אַלטער שיסט אוים:

— די זאַך מיט לאהן איז וואָר, אָדער ס'איז ליגנט?

— ס'איז וואָר — ענטפערט הערשל אביסל שטילער, אָבער מעסט.

— וואָר? — גיט דער אַלטער אַ זעץ מיט דער פויסט אין טישל, און אַ בלאַלעכע רויטקייט טרעט אים אַרויס אויפן פּנים — ס'איז וואָר, זאָגסטו?

ער סאָפּעט עטלעכע מאָל אָפּ און הייבט אָן צו רעדן שוין מיט אינגאַנצן אַ געענדערט, געלאַסן קול, נאָר אַביסל הייזעריקער, וואָס דאָס גיט אויס זיין אינערלעכע אויפרעגונג.

— אדרבא — נעמט ער אומגעלומפּערט די שיטערע באָרד אין דער האַנט אַריין און פּאָרט איבער איר לאַנגזאַם — אדרבא, מיין קינד, דערציייל מיר אויך, וואָס איז עס די מעשה פון דיר מיט... מיט (ער פאַרהאַקט זיך ווידער, און צוריק באַהערשט, פאַר־ענדיקט ער) צווישן דיר מיט לאהן?

— ס'איז גאָר נישט קיין מעשה — ענטפערט דאָס בחורל, אויך שוין געפּאַסט.

— נאָר וואָס דען?

— מיר ווילן חתונה האָבן.

— וואָס וועט עז...? — פאַרהאַלט זיך דער אַלטער דאָס אויער מיט דער האַנט, ווי מיט אַ דעכל, אום בעסער צו הערן — וואָס זאָגסטו, וועט עז?

— חתונה האָבן — חזרט איבער דער בחור דרייסט, נאָר מיט אַ געקנייטשטן שטערן, מיט פאַריבל, וואָס דער אַלטער פּראָ־פאַנירט אים זיין הייליקייט.

דער זיידע נעמט מיטאַמאָל הייזעריק לאַכן, ווי אַ חסר דעה:

— חתונה האָבן ווילן זיי! כע כע כע... חתונה האָבן, סכע, סכע... כ'בלייב אָן כוחות!.. — ער צעהוסט זיך שווער, און אין

מיטן הוסטן, וואָס עס דאַכט זיך, אַז די גערעדערים ווערן אים צע־שניטן, פּרייכט ער אַרויס:

— חתו־נה, ח־ת־ו־נ־ה... ווע־ל־ען...

ער הוסט זיך ענדלעך אויס, און מיט אַ געענדערטן טאָן, אַן איינגעהאַלטן בייזן, ווי אַ דערוואַקסענער צו אַ יינגל, זאָגט ער אומגעדולדיק:

— און זי, וואָס זאָגט דערצו? הערשל שווייגט.

— זי, לאה, וואָס זאָגט צו דיין ווע־לן?

— דאָס זעלבע וואָס איך — זי האָט לאַנג נישט געוואָלט הערן. איצט באַשטייט זי שוין — זאָגט ער צעפּלאָמט און גליק־לעך. פאַרגעסנדיק גאָר, צו וועמען ער רעדט דאָס.

אַ ווייל שווייגט דער אַלטער. ער פּרייכט, סאָפּעט, און שווייגט. אַזוי פאַרגייט אַ פּאָר מינוט. הערשל מאַכט אַ מינע, ווי אַ פאַרנומענער מענטש, ווי ער וואָלט געוואָלט וויסן, צי דאָס גע־שפּרעך איז געענדיקט און ער קאָן שוין גיין. דער אַלטער דער־הייבט די אויגן, קוקט אים אַ ווייל אָן, און רופט זיך אָן מיט אַ פאַטערלעכן אָפּגעשוואַכטן קול, וואָס אַזאַ טאָן האָט הערשל נאָך קיינמאָל פון אים נישט געהערט:

— יינגל, וואָס רעדסטו. זײַ ביסטו ביים שכל? אוי, שוטה... שוטה... — און פּלוצלונג בייז, ווילד און צעשטורעמט. ער ווערט אַזש בלאָ פון רציחה. די שלייפן הויבן זיך אים. ער כאַפּט זיך פון אָרט:

— אַרויס פון מיין שטוב!... גיי! גיי!... חתונה האָבן מיט מיין שוועגערין וועט ער, חתונה האָבן... זי האָט דיך געזויגן... ווייסט, פאַרשטייסט...

— איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, און כ׳וועל עס אויספירן — ענטפערט דער בחור טאַציק — טראַכטנדיק בשעת־מעשה מיט כעס: „צו דעם איז ער מיר אַ זיידע, מיר צו באַפעלן".

פונדעסטוועגן שטייט ער נאָך, הערשל, אָבער ער שטייט שוין ווי אַט אַוועקצוגיין. ער זעט: דער אַלטער דערהייבט זיך פון ביים

טיש, הויך, דיק און אומגעלומפערט שלעפט ער זיך צו, בלייבט שטיין קעגן איבער דעם אייניקל. ער קוקט אים אן, און טראַכט זיין גאַנצער האַלטונג, וואָס איז איצט אויף צו רעדן רויק, צעשרייט ער זיך:

— דרך־ארץ, שייגעץ! חתונה האָבן וויל ער, לאָבוס, שנעק...

— די היץ שטייגט אים אין פּנים רגעסווייז, און מיטאמאָל, אומגעריכט, לאָזט ער אים אַראָפּ אַ פּאַטש:

— גזלן, עוכר! אַרויס פון מיין שטוב... און... זוייס... ביי... מיין... לעבן... ניין... ניין... חתונה־מתנות... — ער וויל זיך צעלאַכן, נאָר ער צעקייכט זיך שווער, קוקט אָן דאָס אייניקל, וואָס שטייט איצט, נאָכן פּאַטש, אינגאַנצן צעמישט, ער קייכט אָפּגעריסענע ווערטער:

— ער — מיט — מיין — שוועגערין — אַ פּאָר... — ער וויל זיך ווידער צעלאַכן, נאָר זיין רויט־בלאָ פּנים פאַרקרימט זיך.

— גיי, גיי, — ווייזט ער מיט דער האַנט צו דער טיר — גיי, גיי.

נאָר אַז דאָס בחורל, יינג און געזונט, דרייט זיך אויס צו דער טיר — לאָזט זיך דער אַלטער נאָך אים, מיט די „שאַנדעס", וועלכע ער כאַפּט פון ווינקל. אָבער דאָס בחורל איז שוין נישט געווען. דער אַלטער האָט אוממעכטיק צוריקגעשליידערט די „שאַנדעס". דאָס שטיק האָלץ מיט די קייטן איז געפאַלן לעבן אים באַלד. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, ברומענדיק, שנאָרכנדיק און פּרייכנדיק, ווי אָט פּלאַצט עפּעס אין אים.

הערשל איז אַרויסגעגאַנגען פון זיידנס שטוב אַ בייזער. ער האָט באַשלאָסן אַהין זיך שוין מער קיינמאָל נישט אומצוקערן. ער האָט איבערהויפּט נישט געהאַט אַזעלכע צערטלעכע געפילן צום זיידן. „בעסער אַזוי — האָט ער זיך געטראַכט — אַ סוף זאָל עס נעמען. איך האָב נישט קיין זיידן און שוין". — אָבער די אַרבעט אין ברעטער־סקלאַד איז אים היינט עפּעס נישט געגאַנגען. ער איז געווען נערוועז. מינוטנווייז האָט אים באַנג גע־

טון, געטראַכט, אַז ער האָט נישט געדאַרפט אַזוי נאַקעט צו ענט־פערן, אי ס'איז פאַרט דער זיידע, און אי ער קאָן שאַדן טון. ער האָט זיך געפּרוּווט באַרויקן, אַז ער האָט גאָרנישט צו שאַרף געענטפערט, פאַרקערט נאָך: דער זיידע האָט אים געפּאַטשט און ער איז ווייטער געשטאַנען און נישט אָפּגעענטפערט. דאָס האָט אים אַביסל באַרויקט.

נאָכמיטאָג איז אין סקלאַד געווען צו טון. דייטשן זענען געקומען מיט פורן וועגן ברעטער. די אַרבעט האָט הערשלען אַביסל אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ דאָס פאַרמיטאָגדיקע ביים זיידן. אָבער צערודערט איז ער פאָרט נאָך געווען, אַזש ער האָט אַלע ווײַלע אויפגעשווידערט, און די דייטשן האָבן געלאַכט פון אים, ווי פון אַלע „פּאָלנישע לויטע", וואָס באַלד עפּעס אַ קיל ווינטל, ציטערן זיי פון קעלט. פאַרנאַכט, ווען הערשל איז שוין געווען כמעט רויק, איז מיט אַמאָל געקומען צו לויפן אַהער אַ כאָפּטע ווײַבער, מיט גוואַלטן, הערשל זאָל שוין אַהיימגיין, ווײַל דער זיידע איז אַראָפּ־געפאַלן פון בוידעם, און איצט ליגט ער אין דער היים פאַרן טויט.

אין הויז דאָרט איז שוין געווען פול מיט מענטשן... עטל בײַלע די אָנגרייטערין — אַ שכנטע פון דער קעגנאיבערדיקער טיר — מיט שוין אַ פאַרכריפּענעם קול און פאַרגאַווערטע ליפּן פון נאָכאַנאַנדיקן דערציילן — האָט איצט ווידער אָנגעהויבן אויף ס'נײַ פאַר עמעצן דערציילן, אַז דער אַלטער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידימל נאָך אַ האַנט־קאַ־ב צו אייער, האָט ער, מוז זײַן, אַ פעלן טריט געגעבן אויף דעם שטאַפּל פון צוגעשטעלטן לייטער — אַראָפּגעפאַלן אויפן רוקן און געבליבן ליגן אָן אַ קרעכץ. קיינער האָט גאָר נישט געהערט, און ערשט זי, עטל בײַלע, קומענדיק פון דער גאַס, האָט זי אים געפונען ליגן און דעם לייטער אויף אים — מסתמא מיטגעשלעפּט.

אָבער אַ וווּנדער — וואַרפט אַרײַן אַ וואָרט אַן אַרורכ־גייענדיקער ייד, וואָס האָט אַביסל אַן אויער צוגעשטעקט — ער איז דאָך שטענדיק געווען אַזוי פאַרזיכטיק און געלאַסן, אויף חי־דושים פּשוט...

— אוי, מיינע ליבע! געלאָזן אהין, געלאָזן אהער. לעצטנס משטיינס געזאָגט, האָט ער שוין געהאַט פון וואָס צו זיין אויפ־געבראַכט און נישט אזוי אַפּגעהיטן... הע, מיינע געטרייע, כ'בין נישט שיכור, אסור! — דאָס האָט געזאָגט אַ יידענע אין אַ טוך, און — דערויף ריווע, וואָס האָט זיך דאָ אַ ווייל אָפּגעשטעלט, ארויסקומענדיק פון דרינען:

— און איך, כשרע ווייבעלעך מיינע, מוז מיר געבעך די צונג בייסן און זי צווישן די ציין האַלטן. אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן נישט רעדן, און דער מענטש קאָן יאָ רעדן, נאָר... אָך איז מיר, מיין טייערער איינציקער שוואָגער! — איז זי ארוים מיט אַ יאָמער, פאַרגעסנדיק אפּנים, אָדער מאַכנדיק זיך פאַר־געסן אויף דער הייסער מינוט, אז לייביש „נאָסעק" לעבט אויך נאָך און ממילא איז ער, דרינען, נישט „דער איינציקער".

אויף דערויף איז אָנגעקומען הערשל, מיט אַן אָנגעלויף דער־וואַקסענע און קינדער הינטער זיך. ער איז אריין אין קרענצל, וואָס שטייט אין הויז. ארום אים האָט שוין געשאַלט:

— אוי, האָט ער נעבעך געהאַט, אוי, האָט ער געהאַט אַן עלטער נעבעך...

און די אידיאָטישע טאָכטער האָט נעקלאָגט שבלדיס, ווי אַ פעליק קלאָרע:

— מיר, מיר איז וויסט און ווינד, ווו וועל איך מיך נעבעך אהינטון...

אַז מיטן זיידן האַלט עס שמאָל, האָט זיך הערשל איבער־צייגט באַלד ביים אריינקומען. די גאַנצע חברה קדישה איז שוין דאָ געווען פאַרזאַמלט. ליכט זענען געלעגן אָנגעגרייט אויפן שיעפן טיש, לעבן וועלכן הערשל האָט אים הייגט פאַרמיטאָג געטראָפן שטיין. די „שאַנדעס" זענען נאָך אויך געשטאַנען אויף זייער אָרט, אין ווינקל לעבן דער טיר, אָבער די שטוב האָט איצט, צו־ליב דער ערנסטער פייערלעכקייט פון ביי יציאת נשמה, גאָר אַנ־דערש אויסגעזען. אויף איינעם פון די צוויי — איינס קעגנאיבער דעם צווייטן — הויך פאַרבעטע בעטן איז ער געלעגן, דער זיידע,

געלעגן אויסגעטון. דאָס אָנגעטועכץ איז געלעגן אויף דער אַלטער צעראַטענער זאָפע. דער אַלטער איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף און מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט געשלאָפן, נאָר אַז דאָס איז נישט קיין געוויינלעכער שלאָף, איז באַלד געווען צו דערקענען. די אויגן־לעפּלעך האָבן זיך אים אַלע מינוט דערהויבן און אַראָפּ־געלאָזט, באַלייכטנדיק אַ שפּעלטעלע ווייסל פון אינעווייניק: גע־אָטעמט האָט ער קוים, קוים; דאָס אַביסל אָפּגעדעקטע האָרץ האָט זיך שוואַך געהויבן, אָבער דאָס פּנים איז געווען רויק, ווי פאַר־זונקען אין מחשבות, און ווי אין אַ זומער־נאָכמיטאָג צווישן ביי־מער דאָס ליכט־ און־שאָטן־שפּיל — האָט אים ווײַלנווייז גע־שפּילט אַ שמייכל אויף די בלאָ׳ע ליפּן, באַשימערנדיק, ווי אַ זון־שטראַל אַ טראָפּן רעגנוואַסער — דעם שוים, וואָס האָט זיך צו ביסלעך געוויזן פון צווישן די אַביסל געעפנטע ליפּן.

ס׳איז געווען די גסיסה.

אַרום, די נשמה־אָפּוואַרטעו״ס, האָבן זיך געשושקעט, אַז פאַלנדיק פון בוידעם האָט ער זיך צעבראָכן אַחוץ ריפּן אויך די הענט און פיס.

— ס׳איז דען אַ וואונדער — האָט אַ הויכער ייד אַ „מלאַטש” צו פאַרשטיין געגעבן אַ צווייטן — אַלטע ביינער, קרוכע, פון אַ ליאַדע קלאַפּ פּלאַצט עס.

אָבער אויפן גוססנס פּנים איז קיין יסורים נישט געווען צו דערקענען. אדרבא — אַלץ אָפטער האָט אַ שמייכל זיינע ליפּן באַשיינט.

מ׳זאָגט, אַז אין די לעצטע מינוטן גייט דעם מענטש אַדורך אין זכרון זיין גאַנץ אָפּגעלאָפן לעבן. אויב דאָס זאָל טאַקע זיין אַזוי — איז דעם אַלטן אודאי אויך אַדורך אין זכרון, ווי דע־מאָלט, מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק, ווען זיין ברודער פאַ־לעק האָט זיך געברענגט דאָס יונגע ווייבל לאה, האָט זיך דע־מאָלט אין זיין, דעם עטלעכע און פערציק יעריקן וואָלפס האָרץ עפּעס צעפלאַקערט. ער האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיק אָנקוקן די יונגע שוועגערין. אַזוי וואָס אַמאָל מער, אַזש ער האָט דעם

ברודער פאַרגעלייגט, זיי זאָלן שותפות פירן די געשעפטן, און דאָס מיט דער טיף באַהאַלטענער כונה, ער זאָל קאָנען וואָס מער זיך געפינען אין זיין שיין ווייבס נאָענטקייט.

אויסטערלישע צייט דעמאָלט געווען אין וואָלף פעלצ־נערס לעבן. ס'האָט לאַנג — מער ווי צוויי יאָר — געדויערט, דאָס הייסע ציטעריש זיינס צו לאהן. ער האָט אפילו א סך מאָל פאַרקוקט קליינע עולות פון ברודער. אָבער סוף־כל־סוף איז ער דעמאָלט געווען שוין אין די פופציקער, נישט קיין ייִנגערמאַנ־טשיק — א טאַטע פון קראַנקע קינדער, און אליין — אויך נישט שטאַרקער. ס'איז דערגאַנגען, אז דעם ברודערס נישט ער־לעכע דריידעלעך האָבן אים לסוף אַרויסגעברענגט פון געדולד. ער האָט איבערגעריסן דאָס שותפות, דערנאָך זיך נאָך א צייט אָוועקגעדין־תורהט ביים רב און ביי בוררים... פון דעמאָלט אָן האָט ער, וואָלף, זיך נאָך מער אריינגעלאָזט אין טרינקען, נאָענט געוואָרן מיט שלמה גאַרבער פון די קאָצקער, וואָס האָט געטרונ־קען פאַליטור... געוואָרן ביסלעכווייז פאַרמרוקעוועט, אויסגע־מיטן מענטשן, און געלעבט נאָר פאַר זיך...

די „חברה” האָט באַוווּנדערט דעם גוססענס שמייכלען. גע־ניטע „מתעסקים” האָבן דאָס צוגעשריבן דעם באַגעגענען זיך מיט די קרובים פון יענער וועלט — און זיי האָבן באַשטימט, אַז ביז האַלבער נאַכט וועט ער זיין אָפּגעפּאַרטיקט.

געשטאָרבן איז דער אַלטער נאָך איידער ס'איז געוואָרן נאַכט. אַזוי ווי צומאָרגנס האָט געדאַרפט זיין יאָר־מאַרק, איז די לויה פאַרגעקומען באַלד אין אָוונט. הערשל האָט אויפן קבר קדיש געזאָגט, נאָר געוויינט האָט ער נישט. ס'איז אים אפילו געווען אַביסל קאַלעמוטנע אויפן געמיט, אָבער וויינען האָט ער נישט געקאָנט. ערשט ווען די שראַלן־ערד האָבן הויל אָפּגע־קלאַפּט אויפן דעקל פון ארון, האָבן זיך אים די ליפּן פאַרקרימט.

אַרום אים האָבן ווילד פרעמדע ווייבער געיאָמערט און נאָכ־געזאָגט דעם טויטן שבחים... ריווע האָט אומגעהייער געריטשעט. ווען הערשל האָט גענומען זאָגן קדיש ביים קבר, האָט ריווע עפּעס

געשריגן, געוואַלט שטערן. עפּעס האָט זי פאַרלאַנגט הערשל זאָל צוזאָגן, געבן תקיעת־כּף — דער עולם אָבער האָט זיך געאײַלט, ווײַל ס'איז שוין נישט פרי געווען, איז געוואָרן אַ געשריי „שאַ, שאַ...‟ ביז ריווע איז שטיל געוואָרן.

לאָהן האָט הערשל געזוכט מיט די אויגן, און נישט געזען זי אויף דער לויה.

צוריקגייענדיק פון קבורה, איז הערשל פּלוצלונג שטאַרק אומעטיק געוואָרן. ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט לייבעש „נאָ־סעק‟. זײַן ווייב האָט געפירט רייזען — די איינציקע געבליבענע טאָכטער. לייביש האָט פון צייט צו צייט אונטערגעזיפצט, זיך ווי געקליבן עפּעס צו רעדן מיט הערשלען, אָבער גערעדט האָט ער נישט.

לייביש, אַלס ברודער פון געשטאָרבענעם, האָט געדאַרפט זיצן שבעה. זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער וווינונג פון נפטר, דאָרט דאַווענען מעריב. רייזע האָט זיך שוין אָרומגעדרייט, ווי אַ פאַרוואָרלאָזטע. ביים „מעריב‟ איז הערשל אויך נאָך געווען אומעטיק, געקוקט אויפן פינקלדיקן שווימערל, דעם נשמה־פלעמל, מיט פינטלדיקע אויגן. דערנאָך אָבער, ווען חיה, לייבישס ווייב, וואָס איז שוין געווען דאָ ווי צו נייע באַלעבאָסטע, האָט מיט אַ האַלב אבל־פּנים פאַרגעלייגט הערשלען דאָ צו בלייבן אויף נאַכט־עסן, האָט זיך הערשל מיט אַמאָל עפּעס דערמאָנט און זיך שטיל, אָבער פעסט אָפּגעזאָגט, מיט אַ תירוץ, אַז ביי זהח בלייז וואַרט מען אויף אים.

דרויסן איז געווען אַ לינדע וואָר־פּורים נאַכט. דער הימל איז געווען אָן שטערן און אָן לבנה, אָבער ס'איז געווען וואַרעמ־לעך. די ערד איז געווען בלאָטיק פון די צעלאָזטע שנייען. הערש־לען האָט פּלוצלונג אָנגעכאַפּט אַ חשק צו גיין אויף דער באַשטימ־טער טרעף־שטעל, אפשר וועט ער דאָרט טרעפן לאָהן. היינט איז מיטוואָך — זייער טרעף־טאָג.

ער האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן גאָר דעם הונגער, און זיך אויסגעקערעוועט צו יענעם וועג, זיך געלאָזט דורך די פון שניי

זיך באַפֿרייענדיקע פֿעלדער און לאַנקעס. דאָרט האָט זיך א לייכ־טער נעפּל געהויבן פון דער ערד. ס'איז געווען שטיל, אזש עס האָט ווי געקלונגען אין די אויערן פון שטיל־שטילער שטילקייט, און מיטאמאָל האָט הערשל זיך ווי א וואָרף געטון. דאָס איז גע־ווען א שוידער, נישט פון קעלט, און נישט פון שרעק — נייעדט פון פרייד. ער האָט מיט איין שאָקל פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די אלע שווערע איבערלעבונגען פון דעם טאָג. דאָ, אין שכנות פון דער לינדער פאר־פרילינג נאַכט, פון שטילקייט און — צום לעבן און בליען אויפוואַכנדיקע כוחות פון דער ערד, האָט אין אים אויך אויפגעוואַכט דער יוגנט־כוח. ער האָט זיך אָן זיין וויסן צעזונגען, נאָר באַלד זיך דערכאַפּט און אויפגעהערט. די טריט זיינע זענען איצט געווען שטאַרק און דרייסט. ער האָט די אלע איבערלעבענישן היינט שוין גאָר אַנדערש אויפגענומען...

נאָענט פון אָרט דאָרט האָט זיך אים געדאַכט צו דערזען א טונקעלן שאָטן אין אָפּשיין פון א ליכט, וואָס האָט אַהער דערגרייכט פון דער עלעקטרישער לאָמפּ ביים וואָקזאַלעכל — באַנעמענדיק, אַז דאָס איז זיין געליבטע. און אזוי אומגעריכט האָט ער היינט די לעצטע שטערונג אָנגעוואָרן פון זיין וועג — איצט איז ער פריי, און קיינער קאָן אים נישט קיין דעה זאָגן, קיינער! ער איז איצט דער איינציקער באַלעבאָס איבער זיך.

ער האָט זיך אזוי יונג־מענעריש אָנגענומען ביי די זייטן, אזש העכער אויסגעוואַקסן אין דער מינוט. ער האָט זיך אזאַ צי אַראָפּגעטון דאָס וועסטל, ס'זאָל אויף אים ליגן גוט און גע־פּאַסט, און מיט פעסטע, רעגלמעסיקע טריט זיך גענומען דער־נענטערן אַהין צום שאָטן, וואָס האָט שוין איצט בולט געלאָזט דערקענען דעם סילועט פון א פרוי, וואָס שטייט דאָרט און וואַרט

דאָס אַכטע קאַפּיטל

א וואָרעמלעכער אויפדערנאַכט צווישן פּורים־פּסח. אויפן

ערטערווייז ווייס באפלעקטן הימל שווימט א ווייסער ריין אויס־געשייערטער לבנה־סערפ. לאה און הערשל זיצן הינטערן שטעטל. אויף א דארפיש פון איין ברעט געמאכט בענקל פאר עמעצנס באטע. די לבנה־שיין ווייזט קעגנאיבער טיף א וואלד, וואס זעט אויס אין דער נאכט־טונקלקייט, ווי איין איינציקע שווארצע וואנט. רעכטס זעט זיך דאס שוואך באלויכטענע שטעטל מיט הערווינקנדיקע פלעמלעך, ווי צינשפריצטע פונקען; לינקס — זע־ען זיך עטלעכע באטעס.

א וויל זיצן זיי און שווייגן. לאה איז אנגעטון אין א מאנטל און א געשטיקטן שאל אויפן קאפ, הערשל — אין א לייכט איבערראקל און קארטן היטל, אראפגעלאזט צום דאשעק צו.

— הערשל טייערער — רופט זי זיך אן, האלטנדיק זיין קאפ אין אירע הענט. פון אירע הענט און פנים שלאגט א פייער ארא מאט, אירע רונדיקע אויגן פינקלען אין לבנה־ליכט, איר פנים איז בלאס און שיין — הערשל ליבער — שפיצט זיך איר פנים אלץ נענטער צו זיינעם — באזין דיך, קינד. איך בין אזוי פיל עלטער פון דיר, קאנסט דיר קריגן א מיידל, יעדע איינע וועט דיך נעמען, צי וועסטו דען מיט מיר גליקלעך זיין?..

— יא... גליקלעך זיין — שעפטשעט ער פארשיכורט, מיט פארנעפלטע אויגן, און אטעמט הויך.

— און אז דו וועסט מיך דערנאך קרענקען: נאכקוקן אנ־דערע פרויען — וועט עס מיר ווי טון, אזוי ווי טון! — באזין דיך, טייערער, איצט האסטו נאך צייט.

ער טוט א זיפץ.

די האלבע לבנה אין הימל, א קלארע און שארף ווייסע, שווימט ווי א שיפל; ארום איז אזוי שטיל, לאה רעדט ווייטער:

— הערשל, געדענק, איינציקער מיינער, טו נישט לייכט־זיניק. אזוי גוט ווי איך געפעל דיר היינט, קאן דיר שפעטער א צווייטע געפעלן — זי טוט לייכט מיט אירע אויפגעשפיצטע ליפן א פאר איבער זיין צוגעבויגן פנים און אויגן — געדענק, איך

וועל אין דער ערד גיין, אז דו וועסט מיך, אז דו וועסט מיך... — זי טוט דערדריקט א זיפץ און רעדט ווייטער:

— אזויפיל נעכט, אזויפיל שלאפלאזע נעכט פארברענג איך לעצמנס. דו ווייסט נישט, סארע קרבן איך ברענג פאר דיר, אמאל וועסטו עס אפשר פארשטיין... ביי דיר איז עס נישט אזוי — אין דיינע יארן קומט אלץ אן גרינג, אבער איך — אז איך קלער דערפון... אבער איך ליב דיך, איך ליב דיך, און קוק אויף גאר־נישט. און זוי נישט בייז, איך מוז דיר דאס אלץ זאגן, ווייל שפעטער — — שפעטער... אוי, וואס איז דיר, מיין ליבער?..

טרערן רינען פון דעם יינגס אויגן. ער קושט איר די פינ־גער, די ארבל. און ער וויינט, און ער שטיקט זיך מיט טרערן, אפנים פון קרענקעניש, וואס זי איז נישט זיכער מיט זיין ליבע אויף שפעטער.

איצט רעדט זי מער גארנישט. זיי זיצן נאך א ווייל, האלזן זיך און צערטלען זיך. גייען דערנאך אהיים מיט א מידן לאנג־זאמען גאנג — פארליבטע איינער אין אנדערן, נישט זעענדיק גאר די וועלט ארום זיך.

ביים רב איז געזעסן א בית דין. עטלעכע רבנים פון די ארומיקע שטעטלעך. דער היגער רב האט מורא געהאט אליין דאס אויף זיך צו נעמען, און געלאזט צוזאמענרופן א בית־דין.

די רבנים האבן זיך א טאג אוועקגעאמפערט, צי מען מעג דערלאזן אזא מין פארבינדונג — איין רב א בייזער, מיט גרוי־סע ברעמען, האט געגוואלדעוועט, אז אזא מין קדושין — צווישן אן עלטערער פערציק־יעריקער אשה און אבצניעריק יינגל, איז — זנות, פראסטער ניאוף... א צווייטער רב, מיט א בלאנד רויט־לעך בערדל און לאכעדיקע כיטרע אויגן, האט גערעדט געלאסן, אויפגעוויזן, אז ס'איז נאר נישט אזוי הארב... און ארום. די אי־בעריקע רבנים, האבן זיך געשאקלט אזוי און אזוי, געקייעט די בערד, געקוועטשט מיט די אויגן, געדרייט מיט די דאמענפינגער און זיך געסטארעט צו איבערצייגן זיך אליין און אויך אנדערע

— — — און הינטער די פענסטער און ארום רבס הויז איז גע־וועזן אן אנגעלויף מענטשן. די גאנצע שטאט האט געקאכט, ווי א קעסל...

עזריאל דער שמש האט נישט געוואלט מקבל זיין פארן בית דין, צי ער געדענקט באשיינפערלעך, אז לאה פעלצנער האט הערשלען געזויגן, ווען ער איז געווען א קינד, געבליבן א יתום...

— מקבל זיין וויל איך נישט, ס'דאכט זיך מיר, געזען וויס איך נישט, מיט מיינע אויגן האב איך נישט געזען, און ס'איז שוין א לאנגע געשיכטע...

דער שטעטלדיקער רב, וואס האט אין שטעטל א סך שונ־אים צוליב זיין ווייכקייט און פשרהדיקייט — איז אויך געוועזן נוטה מקיל צו זיין, ווייל קיין בפירושער איסור איז עס נישט, אחוץ דעם האט דער „מרא־דאתרא" אביסל מורא געהאט, אז דער וואכמייסטער שטרייכער זאל זיך נישט אריינמישן. אנומלטן, ווען שטרייכער איז געוועזן ביים רב וועגן דעם, מ'זאל מאכן א שעכט־הייזל אויף צו שעכטן עופות — האט ער פארביינגייענ־דיק א פרעג געטון, פאר וואס ער, דער „קולטוס־פארשטייער", מאכט שוועריקייטן „דער פעראייניגונג דעם ליעבענדען פאארעס".

דער קרענקלעכער שוואכער רב האט דאס גוט געדענקט, און ווי נאר א רב האט געפלייסט זיך אויסצוגעפינען עפעס א חומרא, איז אויף דעם היימישן רב אן אנגסט־שווייס ארויסגעשלאגן.

און סוף־כל־סוף — נאכן אפזיצן א גאנצן טאג, און אמפערן זיך; נאכן עפענען ספרים און ספרים; נאכן אויסהערן עדות און עדות, וואס האבן גארנישט געוווסט צו דערציילן עפעס נייעס — און לסוף אפשטעלנדיק זיך אויף דעם היתור פון א יפת־תואר אין מלחמה — אז אויב מ'וועט זי אים נישט מתיר זיין, וועט ער זי נעמען באיסור — זענען די רבנים אוועקגעפארן מיט א נטיה מיקל צו זיין און געלאזן דאס אלץ אויפן היימישן רבס קאפ, ער זאל דא האנדלען, ווי ער וועט פארשטיין.

דער רב ווידער האט נישט גאר קלאר מתיר געוועזן, אבער מתיר געוועזן האט ער יא — און אין דער גאנצער אומגעגנט האט

דאָס געמאַכט אַ גרויסן רושם, אַזוי אַז די שטעטלדיקע, אהיימ־קומענדיק פון ערגעץ, האָבן געהאַט צו דערציילן, אַז דאָרט, אין די אַרומיקע שטעטלעך, פרעגט מען זיך נאָך:

— נו, ווען וועט מען זיי שוין פירן צו דער חופּה?..

...צומאָרגנס נאָך פּסח איז צום רב געקומען אַ פרעמדער בכבודיק אָנגעטועגער ייד, געזאָגט, אַז ער איז הערשלס פאָטער. צוערשט האָט ער מיטן רב לאַנג אַדורכגעשמועסט דעם גאַנצן ענין „הערשל־לאה״, און צום סוף האָט ער געשיקט דעם שמש רופן הערשלען.

הערשל האָט ביים רב נישט געוואָלט דערפון רעדן מיטן פאָטער. ער האָט גאָר צום פאָטער געהאַט טענות, פאַרוואָס ער האָט זיך די גאַנצע צייט ביז איצט נישט געגעבן די מי צו דער־קענען אים, דעם זון.

דער פאָטער איז דערנאָך געזעסן מיט הערשלען ביי לייביש „נאָסעק״ אין אַ באַזונדער שטיבל. ער האָט זיך געבעטן ביים זון:

— פאַרלאַנג פון מיר און איך וועל דיר געבן אַ נדן, וויפיל דו ווילסט נאָר, און מלבושי־כבוד וועל איך דיר מאַכן. כ׳וועל דיך באַנייען און באַקליידן, כ׳וועל דיך נעמען צו מיר אהיים. איך האָב ברוך השם, אַ גרויס געשעפט — נאָר טו מיר נישט אָן די בושה...

— טאַטע — האָט הערשל אַ פרעג געטון — פאַרוואָס עפעס האָסטו דיך פּלוצלונג דערמאָנט צו קומען, אַז איך בין שוין עטלעכע מאָל קראַנק געווען און איינמאָל שיער געשטאָרבן

— פאַרוואָס האָסטו דיך דעמאָלט נישט געלאָזט הערן?

— דאָס שענסטע מיידל וועל איך דיר אויסזוכן, כ׳וועל נישט קאַרגן נישט קיין געלט און נישט קיין מתנות — באַדענק דיך און האָב חרטה.

— טאַטע — איז הערשל שוין פון געדולד אַרויסגעקומען — איך האָב דיר גאָר נישט צו זאָגן און כ׳וועל דיר גאָר נישט זאָגן, פאַר געזונטערהייט און גרים דאָרט.

דער פאַטער איז אַוועקגעפאָרן מיט גאַרנישט.

איצט איז שוין אַלץ געגאַנגען אָן שום שטרויכלונגען. די חתונה איז געווען באַשטימט אויף אין פיער וואָכן אַרום, ווי נאָר די ספירה־טעג וועלן זיך ענדיקן

אויף לאַהס פאַרלאַנג האָט זיך הערשל איצט געהאַלטן פון איר פון ווייטן, נישט אַריינגעקומען אין שטוב, און נישט גע־טראָפן זיך מיט איר אין ערגעץ. אָבער אַנומלטן שפּעט אין אָוונט, האָבן פאַרבייגייער אים געזען זיך דרייען דאָרט אונטער די פענסטער, מיט דער האָפענונג זי צו זען, און כאָטש ס'איז שוין געווען קוים אַ פּאָר מינוט צו דער באַשטימטער שעה, וואָס לויטן וואַכמייסטערס באַפעל טאָר זיך קיינער נישט ווייזן אין דרויסן — האָט ער פאָרט נאָך ריזיקירט, הערשל איז נישט אַוועקגע־גאַנגען פון אונטער לאַהס פענסטער, האָפנדיק אָפּנים זי צו זען.

שבת איז פּלוצלונג געקומען מיט אַ וויזיט די שוואַרצע ריווע. לאַה האָט זי פרייַנטלעך אויפגענומען, גאָר נישט איר פאַרגעהאַלטן. ריווע האָט פאַרזוכט פונם כיבוד, צוגעטרונקען שלוקעלעכווייז ווײַן און זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן פון זײַן גוטן טעם.

— מערנים, אַן אמתער מינדן, אַ ווײַן אביסל! אויף שמחות קאָן מען אים אויפגעבן

ריווע איז היפּשלעך לאַנג געזעסן. זי האָט גערעדט מיט לאַהן וועגן ווייבערישע זאַכן, ווי מיט אַ יינג כלה־מיידל; האָט געזאָגט איר מיינונג וועגן מלכּם משוגעתן... און פון אונטער דער האַנט אַוועקבאַמערקט:

— די שוועגערין מעג מיר גלויבן, כ'לייג געווג אָן כוח דעם יינג אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ זיין נאַרישע אויפפירונג, און די שוועגערין וועט זען, כ'וועל אים שוין סטאַטקעווען — און דער־ביי האָט זי אַ ווונק געטון מיט אירע שוואַרצע שפּילקע־אויגעלעך, ווי זי וואָלט געזאָגט:

- אַז ריווע וועט וועלן, וועט מלך צוריק ווערן אַ געהאָרכ־זאַם קינד, ריווע קאָן אַלץ!.

לאה, אַפּנים, מוז האָבן פאַרשטאַנען דעם ווונק און — מוז זיין דערפאַר — איר צוגערוקט ווידער די מאַקאַראָנען, אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל ווײַן און האָט איר פאַרגעלייגט, אַזוי ווי זי וועט נישט הי זיין אַ פּאָר טעג — וואָלט אפשר זי, די שווענערין ריווע, אַמאָל אַ קוק אַרײַנגעגעבן, כ׳מיין די קינדער, די ווירטשאַפט...

און ריווע האָט עס, פאַרשטייט זיך, ברייטווויליק צוגעזאָגט.

איין מרדכי איז נאָך מיט איר געבליבן שונאים, אויסגעמיטן זי. לאה האָט געהאַט אַ חשד, אַז דער לאַנגער מרדכי וועט ווייטער בוגטעווען קעגן איר די קינדער. אָבער די שטאַרקסטע פעסטונג — ריווען — האָט זי שוין געהאַט אויף איר זייט, און דאָס איבעריקע האָט זי שוין נישט געקימערט.

אָבער לאה איז אייניציקווייז עפּעס טרויעריק געוואָרן, און וואָס נאָענטער דער זמן־חתונה האָט זיך צוגערוקט, אַלץ אומעטיקער איז זי געוואָרן. מאַנכעסמאָל האָט זיך איר געוואָלט, אַז דאָס גאַנצע מיט הערשלען זאָל זיין בלויז אַ חלום. עס האָט זיך אַזוי נישט געוואָלט, און — יאָ געוואָלט. אַזוי שטאַרק ווי עס האָט זיך איר נישט געוואָלט, אַזוי שטאַרק האָט זיך איר יאָ געוואָלט. פונקט ווי זי, לאה, וואָלט געווען נישט איין — נאָר צוויי מענטשן. איינער וויל אַזוי שטאַרק — נישט, נאָר ס׳זאָל בלייבן ביים אַלטן, און דער צווייטער וויל ווידער אַזוי שטאַרק — יאָ. און וואָס מער יענער וויל נישט, אַלץ מער וויל דער צווייטער — יאָ. זיי קעמפן צווישן זיך אין איר. יעדער מיט זיין דעה, און זי, לאה, פילט, אַז זי איז אויך מער נוטה מיט דעם וואָס וויל יאָ, און דאָס — וואָס זי איז מיט דעם וואָס איז פאַר יאָ פאַרבינדן זיך מיט הערשלען — ברענגט זי צו טרערן, און זי וויינט. די קינדער און אויך די דינסט טרעפן זי אַ סך מאָל מיט אויסגעוויינטע אויגן. די סטאַשע דערציילט דאָס איר מוטער, און יענע, די בלינדע גאַזשינסקע, צעטראַגט דאָס איבערן שטעטל.

אין איינעם פון אָט די טעג האָט לאה איינמאָל ביינאַכט אַ שרעקלעכן חלום געהאַט... עפּעס מתים קריכן פון קברים און

אין די תכריכים טאַנצן זיי און זינגען, פּלעסקען מיט די פּיט און הויבן די קליידער, ווי שיקסעס מיט שקצים. איר מאַן דער פאַרשטאָרבענער איז אויך געווען צווישן די מתים. ער האָט נישט געטאַנצט און נישט געזונגען, נאָר געשטאַנען און געציילט געלט, און עפּעס זייער אין כעס געווען.

זי איז אויפגעקומען אַ דערשראָקענע און מער נישט גע־קאָנט די גאַנצע נאַכט צוריק איינשלאָפן.

צומאָרגנס האָט לאה געפאַסט ביז מיטאָג, און אין גע־היים, קיינער זאָל נישט וויסן, געגאַנגען אויפן מאַנס קבר. זי איז צופרידן געווען, וואָס דער קברן — עזריאל דער שמש — איז פּונקט נישט געווען אין דער היים און זי נישט געזען.

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגען צום מיט גראָז פאַרוואַקסענעם קבר, אַריינגערעדט און אַריינגעפּרעפּלט. אַ טרער האָט זיך איר אין אויג באַוויזן, אָבער איר געמיט איז דערפון גאָרנישט לייכטער געוואָרן, און זי איז אַהיים געגאַנגען מיט דער זעלבער געמיט־שווערקייט, וואָס זי איז געקומען.

עטלעכע טעג שפּעטער — שוין גאָר פאַר דער חתונה — אין אַ פאַרנאַכט, האָט מען געזען לאהן גיין אין גאַס, מ'האָט איר פון אומעטום נאָכגעקוקט. זי איז אַריינגעגאַנגען אין מאַרק צום רייכן שניט קרעמער שמחה ציטרין אין געוועלב.

— פאַניע ציטרין — האָט זי דאָרט געזאָגט — אפשר ווילט איר אַזוי גוט זיין אַריינגיין דרינען, כ'דאַרף מיט אייך עפּעס רעדן.

אַ מיטליעריקער נידעריק געוואַקסענער ייִד מיט אַ ברוין צו־געשוירן בערדל. האָט זיך דערהויבן פון בענקל הינטערן קראָם־טיש, לעבן דעם געלט־שופלאַד, געעפנט אַ מיט אַ וויים פאַרהענגל פאַרהאָנגענע שויבן־טיר, פריער דורכגעלאָזט זי, די אין נייעם ברוינעם זומער־מאַנטל אָנגעטוענע פרוי, דערנאָך איז ער אויך אַריינגעגאַנגען, זי געבעטן זיצן, און אַליין זיך געזעצט קעגן אי־בער איר, הערן — וואָס זי וויל אים זאָגן.

ס'האָט זיך געהאַנדלט, אָט אין וואָס: דעם אָנגעזעענעם סו־

חר און פרייַנט פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן — מאַכן פאַר אַפּוטרופּס איבער איר הויז פאַר אירע קינדערס וועגן...

— גוט — שאָקלט ער מיטן קאָפּ — כ׳קאָן עס מאַכן

זי וויל דאָס אָבער מאַכן אויף אַזאַ אופן, אַז קיינער זאָל קיינמאָל נישט קענען צוטרעטן צו אירע קינדערס פאַרמעגן (ציטרין האָט ביי אירע לעצטע ווערטער אַ שמייכל געטון, ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגן: „שוין וויל זי קענען „אים״ מאַכן באַוואַרעניש״...)

זי האָט געקוקט אין דער טונקעלער פאַרנאַכט־לופט און ווייטער גערעדט:

— צי וואָלט איר, ר׳ שמחה, נישט געקאָנט, למשל, מיר אַרויסגעבן וועקסלען, אַלס קויף־געלט פאַר מיין הויז. די וועקסלען וועל איך איינלייגן ביים רב, אָדער ביי וועמען איר ווילט. נאָר אַזוי־ערנאָך עפּעס וואָלט איך געוואָלט פאַרזיכערן...

— מ׳קאָן דאָס אויך — קאָן זיך דער ייד ווידער נישט איינהאַלטן פון אַ שמייכל. ער טראַכט דערביי: „אַזאַ קלוגע, פּראַקטישע יידענע און לאָזט זיך פון יצר־הרע ביי דער נאָז אַרומפירן...״

— וואָלט איר, פּאַניע ציטרין, געוואָלט מוחל זיין, צו מיר אַריינקומען מאָרגן אינאָוונט, וועט שוין זיין אָנגעגרייט וועקסלען. אָדער אפשר ווילט איר, וועל איך צו אייך אַריינקומען?

— ליבע פרוי — האָט דער ייד זיך אָנגערופן אביסל געדירט, — מאַכט ווי אייך ווייזט אויס צום בעסטן. איך קאָן אויך צו אייך קומען מאָרגן. דער עיקר איז, איר זענט אַ מאַמע, איר ווילט אייערע קינדער זאָלן נישט באַוואולחט ווערן, און דאָס איז אַ גוטע טאַט.

דערמיט האָבן זיי איבערגעריסן דעם שמועס. צומאָרגנס אין אָוונט האָט ציטרין שוין געהאַט אונטערגעשריבן וועקסלען, און ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ קויף־אַקט. שמחה ציטרינס וועקסלען זענען איינגעלייגט געוואָרן אין דער שטעטלדיקער ליי־ און שפּאָר־קאַסע, וועלכע האָט מיט אַ שטיקל צייט צוריק זיך אויפּסניי געעפנט נאָכן מלחמה־אויסברוך.

די נאכט האט זיך לאַנג שוין געפילט רואיקער, לייכטער אביסל אויפן געמיט, און איז שוין בעסער געשלאָפן.

באַלד נאָכדעם איז אונטערגעקומען דער חתונה־טאָג; שיינע אָנהויב־זומער־טעג. חופּה געמען זענען זיי געפאָרן ערגעץ אין אַ ווייטלעכער גרויסער שטאָט. קיינער איז מיט זיי נישט מיטגעפאָרן. אין די שטובן האָט דערווייל געבאַלעבאַטעוועט די שוואַרצע ריווע זי האָט זיך אויף די פּאָר טעג אַהער אַריינגעצויגן אינגאַנצן, מיט די צוויי טעכטער.

מלך איז אַרומגעגאַנגען נישט בייז, נישט גוט, נישט פריי־לעך, נישט טרויעריק, און פּאָוט — אַלץ צוזאַמען. ער האָט צו קיינעם נישט גערעדט, געגעסן שווייגנדיקערהייט, אַלצדינג געטון שווייגנדיק, און אַ חוץ צו די פויערן און פויערטעס אין געוועלב, ביים קויפן פּוטער און אייער, האָט ער צו קיינעם נישט גערעדט, און אויך אויף ריווען בייז געקוקט.

זי [illegible] ריווע, האָט גישט געשוויגן, כסדר געמאַכט מיטן מויל, עפּעס געקייט. די ליפּן האָבן איר געגלאַנצט, און צווישן איין קיי און צווייטן, מעשה גוט ווינטשנדע מומע, זיך איבער־געבויגן [illegible] אים אַריינגערעדט:

— מלך, הער, וואָס אַ קלוגע מומע זאָגט דיר: הערשל איז דיין חבר, ביסט מיט אים אין גלייכע יאָרן, און אויף דו, און אַז אַ פרעמדער ייד וואָלט אַריינגעקומען, אַ חזיר מיט אַ בויך און מיט גנבישע קעשענעס, און אפשר נאָך מיט אַ פּאָר קינדער אויך, ווי שמואל אריהם למשל, ווי מיינסטו, מלך, ס'וואָלט בעסער געווען? הע מלכל?..

מלך האָט נישט געענטפערט. ער האָט געשוויגן פאַר־מרוקעוועט און געטראַכט: „אויב אַזוי, צו וואָס האָט זי מיך, די קליאַוועטע די גאַנצע צייט געהונצט?"

און אין דער שטילקייט, וואָס איז נאָכדעם אַנטשטאַנען אין צימער, האָט זיך געהערט, ווי אין דרויסן, הינטערן אָפענעם פענסטער, טענהט איין די איינאוויגיקע גאָזשינסקא מיט איר שייגעץ מאַטשעק, ער זאָל שפּאַנען דעם וואָגן און פאָרן אין

וואָלט ברענגען גרינס צו באַפּוצן דעם איינגאַנג לכבוד דעם יונגן פּאָר, וואָס קומען מאָרגן, איבערמאָרגן, פון דער חתונה.

דער יונג האָט דאָס געהערט, און דערפילנדיק מיטאַמאָל, ווי אַלץ אַרום פרייט זיך מיט דעם געשעעניש, איז ער געזעסן פאַר ריוון מיט אַ נאַריש צעטומלטער מינע, און ענדלעך אַ וואָרטשע געטון:

— נו, טאָסע אַזוי, וואָס האָסטו ווידער געוואָלט?..

די ווערטער זיינע האָבן שוין אָבער קיינעם נישט געטראָפן. ריווע איז שוין געווען אַוועקגעשוווּמען פון אים, געמעכיעט און אַ צווייטער שטוב מיט די שטומע קינדער, מיט דער דינסט..

צווייטע טייל

דאָס ניינטע קאַפּיטל

די דייטשן האָבן דעם עולם אָפּגעווינט פון גיין דאַווענען. פאַרנאַכט שמועלצן זיך אין בית־מדרש צוויי אָרעמע ליכטלעך ביים עמוד. ס'איז שווער צוזאַמענצוקריגן אַ מנין. דער טונקע־לער אָוונט איז פאַרן זינדיקן שטיקל ברויטסוועגן, זיך דאָס איינ־צושאַפן, אין געהיים צו פאַרדינען דערויף; מ'קאָן אים נישט אָפּגעבן פאַר גאָטס וועגן... חברה יינגוואַרג איז גאָר צעלאָזן. אַלטע יידן קרעכצן דערויף אין דער שטיל, און דער שטעטלדי־קער הויפּט־שדכן ישראל „טראָפּער", דער וואָס דער קאָפּ זיי־נער מיטן גראָען בערדל — אַ לויז געוואָרענער פון סאָרס — שאָקלט זיך אים אַלץ אויף „ניין־ניין", און די נאָז טראָפּט דער־ביי צו מיט פייכטע שניפּ־ טאַבאַק־טראָפּעלעך — זיצט ער איצט אָן שטאָך אַרבעט. ער איז אין כעס, וואָס דער יצר־הרע האָט פאַרנומען ביים יינגוואַרג זיין אָרט... שעלט ער: „אַזאַ דור מעג איינגעזונקען ווערן, ווי קורח". און אויף דער גאַנצער וועלט, אַז נישט נאָר אַ מבול — נאָר אָפּגעמעקט זאָל זי ווערן, ווי פאַרצייטנס סדום. —

די דייטשן האָבן פון אַ סך זאַכן אָפּגעוויינט דעם עולם. זיי האָבן שוין באַלד פון עסן אָנעך אָפּגעוויינט מיט זייערע

האַרבע פאַראָרדנונגען: „ניכט געשטאַטעט". צו וואָס דו ריסט זיך צו, איז — „ניכט געשטאַטעט".

די נויט איז גרויס. אמת, נישט ביי אַלע. פאַרהאַנען גע־צײלטע, וואָס לעבן זיך בעסער — דערפאַר האָבן אָבער די דײַטשן פאַראָרדנט, די גאַסן און הויפן ריין צו האַלטן און די הײַזער — צו איבערטינקעווען און מאָלן.

— אַזוי־ערנאָך וויל דײַטש גנב אונזער נויט פאַרשטעלן — סודלען זיך ייִדן אין די אויערן.

אָבער פאָלגן פאָלגט מען. אַלע הײַזער האָבן אַ נײַ פּנים באַקומען. איינס — גרין, איינס שוואַרצגראָ און אַן אַנדערס — בלאָ. נאָר צו מײַנסטן הײַזער זענען געמאָלט אויף ברודיק־רויט, ווי פּסחדיקער באָרשטש, ווײַל די דאָזיקע פאַרב האָט הענעך שרײַער — דער פאַרבן־קרעמער — אַ סך, און ער פאַרקויפט זי ביליק. לאָה אָבער, שוין נישט „פעלצנער", נאָר „קאָרנבערג" — פון איצטיקן מאַן, לאָה קאָרנבערגס הויז איז געמאָלט אויף ווײַס מיט שליאַם־קרײַד און אַ גראָען שלאַק אַרום אונטן. דאָס הויז זעט איצט אויס, ווי אַ נײַ באַשאַפנס, אַ ייִנגס, ערשט פון מויערערס האַנט אַרויס.

און נישט נאָר דאָס בלויז — לאָהס גאַנצע ווירטשאַפט זעט איצט אויס שפּאָגל נײַ: דער פּלויט אַרום אַ נײַער און גע־פאַרבטער; אין הויף פאַרפלאַנצט אַ גערטל; אַ נײַע בריטשקע מיט צוויי דישלס שטייט אין מיטן הויף, הינטער דער שאָפע, אחוץ וואָגן. דער גאָזשינסקעס זון מאַטשעק איז דאָ אָנגעשטעלט אַלס שטענדיקער שמייסער, און העלפט אויך צו באַדינען אין קיך.

שפּעטלעך אין דער פרי. אויפן הויף אין דער העלפט ליגט אויסגעלייגט אַן אַלול־זון, פאַרבאַפנדיק מיט איר שוין אַביסל קילעבער שײַן די וואַנט פון די קאַמערן מיט אַ שטיק ברעטער דאַך־אַרויף, ווי אַ גאָלדן לײַלעך וואָלט דאָרט געלעגן אויסגע־שפּרייט. — די פערד־שטאַל איז אָפן. אויף דער טיר פון אי־

צוויינגיק הענגט אויף א טשוואק א מויל־צוים און גרין דורכ־געפלאָכטענער האַלדז־שטריק; אויפן הויף שפּאַצירן אַרום עופות — הינער, קאַטשקעס, גענז... טרינקען וואַסער פון א גידעריקן קובל, וואָס שטייט דאָרט, און עסן פון א לענגלעך קעסטל א מין געבראָקעכטס — דער סטאַשעס אייגענע דערפינדונג, אויסגע־מישט פון פאַרשידנס און דורכגעאַרבעט מיט וואַרעם קלייען־וואַסער.

פון שטוב קומט אַרויסצוגיין מלך. ער גייט צו דער אָפענער פערד־שטאַל, גיט א קוק אַריין,, דערנאָך גייט ער אַרויף אויפן גאַנעק קעגנאיבער, עפנט א טיר פון א קאַמער און נעמט פון דרינען אַראָפּוואַרפן אויף דער ערד אַראָפּ קאַסטנס צו אייער. איין קאַסטן איז שטאַרק צעבראָכן. נאָך עטלעכע זענען אויך נישט אין אָרדנונג. נעמט זיך מלך צום פאַרריכטן זיי מיט א האַמער און טשוועקעס.

ווען מלך פאָרעט זיך נאָך מיט די צעשיטע קאַסטנס, קומט פון שטוב אַרויסצוגיין הערשל. ער איז אָנגעטון בעסער ווי פאַר דער חתונה, זעט אויס פולער, און אויפן פּנים, אַרום דער גאָמבע, שפּראָצט אים א בערדל.

דאָס בערדל איז א בלאָנדס, און קיין בערדל איז עס נאָך אויך נישט, נאָך אזא געדיכטער געקרייזלטער פוך — כמו בערדל. דאָס לאָזט ער זיך, הערשל, עקסטרע וואַקסן, ווייל דאָס בערדל, גלויבט ער, גיט אים צו מענערישקייט און אָנזען.

הערשל שטעלט זיך אָפּ באַלד אויף דער שוועל און גיט א רוף:

— מאַטשעק!

פון שטאַל קומט „נאַטשפּאַל" אַרויסצולויפן דער שייגעץ. ער לויפט צו האַרט צום באַלעבאָס, גיט א כאַפּ אַראָפּ דאָס היטל, א בייג זיך טיף און א רעד מיט רעספּעקט:

— דזשען דאָברי דעם פּאַן דזשעדזשיץ!

„דזשעדזשיץ" — אזוי הייסט ער זיך רופן, דער ייִנגער באַלעבאָס. דעם פריערדיקן אַנטרייבער מיכאַלן האָט ער אָפּ־

געשאפט, ווייל ער האט געפלענט צו פארגעסן אים אזוי צו טי־טולירן.

ואויף דעם אנטרייבערס דרך־ארצדיקן גרוס, ענטפערט הערשל מיט קוים א לייג צו די האנט צום האשעס און ריר מיטן קאפ.

— „זאפזשענגאטש"! — באפעלט ער — איינשפאנען די ברישקע, ווייל ער וויל מיט דער פרוי אביסל זיך דורכפארן נאכן אנבייסן.

מיט א געאיילטקייט נעמט זיך דער אנטרייבער אויספירן דעם באלעבאס באפעל. ער פירט שוין ארויס די ברישקע פון הינטער דער שאפע. הערשל גייט אריין צוריק אין שטוב.

א ווייל בערנאך קומט די סטאשע רופן מלכן צום אנ־בייסן.

לך, נישט וועלנדיק מפסיק זיין פון פאררעכטן א קאסטן, מורמלט:

— באלד, באלד, כ'גיי באלד... — ערשט ווען די שיקסע ...יט אויף יידיש א זאג מיט לצנות:

— זעטס נאר, ליבע מענטשן דעם נאר, די גאנצע ארבעט ליגט דאך אויף זיין קאפ, און ס'ברענט... — באזינט ער זיך, ווארפט אוועק האמער און צוואנג, און גייט אריין עסן.

לאה ווערט דערווייל פארנומען מיט זיך ביים שפיגל. אך, א סך מי און אנשטרענגונג לייגט זי לעצטנס אן ביים שפיגל. איר פנים איז יעדן אינדערפרי רק געל און מיט דריבנע שארפע קנייטשלעך אויף די שלייפן צו די אויגן צו. וואס און וויפיל זי זאל נישט עסן, איז זי אין דער פרי העל געל, ווי א לימענע.

אין אנהייב, באלד נאך דער חתונה, האט זי נישט פאר־שטאנען, פון וואס די געלקייט נעמט זיך צו איר. זי האט צו־ליב דעם בלויז באצאלט א „וויזיט" — געגאנגען דאס פרעגן צום דאקטאר.

דער שטעטלדיקער דאקטאר, דער חכם סאלסקי, הויך און דיק, און מיט א פנים ווי א פויער, נאר אין אמתן — גארנישט

קיין פויער, גיכער ענלעך צו א קלוגן לומדישן ייד — ער האָט זי א ווייל אויסגעפרעגט וועגן איר אינטים מאַן־און־ווייב־לעבן און דערנאָך מיט א שמייכל איר צו פאַרשטיין געגעבן, אז זי מוז אביסל מעסיקער לעבן — מ'טאָר נישט אַזוי־פיל מיסברויכן דעם קערפּער...

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער דאָקטאָר האָט אביסל רעכט... זי איז אָבער געווען פּונקט אַזוי נישט איבערצייגט און א פרעג געטון:

— און מיין מאַן — פאַר וואָס ער?...

— אָך, אייער מאַן? נו, ווי אַלט איז ער דען אייער מאַן?

און שוין גאָר נישט מעשה ערנסטער דאָקטאָר, נאָר איראָניש איר פאַרשטיין געגעבן, אַז צווישן נאָכנישט צוואַנציק יאָ־ריקן עלטער און — עטלעכע און פערציק יאָר איז א שטיקל מהלך.

— נו, יאָ, ווייניקסטנס א שטיקעלע מהלך, מוז די חשובע פאַני מודה זיין, איז עס...

אוודאי איז דער דאָקטאָר גערעכט געווען. לאה האָט גאָר נישט געצווייפלט, צי דער דאָקטאָר איז גערעכט: די נעכט מיט הערשלען זענען פאַר איר א מאַטערניש, איבערהויפּט די ערשטע עטלעכע וואָכן נאָך דער חתונה. זי האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט הערשלען צוריקהאַלטן. זי האָט אים בּרייטוויליק נאָכגעגעבן. אָבער פון איר מיד און מאַטקייט און פון איר פיין האָט ער נישט געוווסט און נישט געוואָלט וויסן... לאה האָט דערפון באַקומען א געל פּנים, און נאָך אַזאַ נאַכט האָט זי זיך לאַנג געמוטשעט שיין מאַכן ביים שפּיגל, ס'האָט זי געקאָסט אָנ־שטרענגונגען נישט נאָכצושלעפּן די פיס, און זי האָט אויסגעקוקט די מינוט אַליין אין שטוב צו בלייבן, אום אביסל זיך צו קאָנען צולענען אָפּרוען.

די אָרימע לאה! זי איז געגליכן געווען צו א פלאַטערל, וואָס פליט אַרום דעם פלאַם פון לאָמפּ, אום זיך אביסל אָנצוואַרימען, און פאַלט לסוף אריין אין פלאַם גופא.

אַנדערש איז הערשל — די לעצטע עטלעכע וואָכן געמט ער

אויף זיך לייב, קומט צו, איז פולער געווארן אין קערפער. דער פון ארום דער גאמבע גיט אים צו אביסל דעם אנבליק פון א יינג באלעבעסל, נאר דער עיקר — ער ווייסט זיך, ווי אויפצופירן: מיט מלכן לעבט ער נאר פריינטלעך, אבער — פארט אנדעריש, ווי אמאל. נישט מיט קיין ווערטער, נאר אזוי, מיט א בליק, מיט א גיי פארויס, מיטן אביסל געזעצטן „איך"־טאן און אפילו מיטן אנטון זיך, מיטן זיצן ביים טיש, וואס ער, הערשל, זיצט שטענדיק אויבן אן, און אויך מיט די פארציעס, וואס ווערן יעדערן דערלאנגט לויט זיין גראד — דאס אלץ צוזאמען גיט מלכן צו פילן, אז הערשל איז — ערשט, באלעבאס.

און מלך, ווייזט אויס, פילט דאס. ער רעדט צו הערשלען נישט אזוי פראסט גוט־ברידעריש, ווי אמאל, נאר דרך־ארצדיק און צוריקגעהאלטן, ווי מיט א בכבודיקערן פון זיך.

נעבעך, דער יינג מלך — נון דער מוטערס חתונה מיט הערשלען איז שוין באלד פולע דריי חדשים אוועק, און דאך, ווען נאר עס קומט אים אויס פארבייצוגיין די שלאף־שטוב מיט די צוויי איינס הארט לעבן צווייטן שטייענדיקע בעטן — איז נישטא דאסמאל, אין אים זאל זיך נישט עפעס א ריר טון, א געפילעכלעך צו בושה און פארביטערונג גיט א פלאטער אין אים, אזש א רויטקייט שלאגט אים טיילמאל ארויס אויפן פנים. די ערשטע צייט האט ער דערפאר ביים רעדן עפעס צו דער מוטער נישט געקאנט קוקן איר אין פנים, און ער האט רק געהאלטן אראפגעלאזט דעם קאפ און די אויגן איינגעגראבן אין דער ערד.

— צי מאטשעק מוז פארן מיט דער בריטשקע? — ווענדט זיך מלך מיט א פראגע צו הערשלען ביים אנבייסן — מ'וואלט אפשר געקאנט, כ'וויים... וואלט איך אים מיר מיטגענומען אין דארף ביים קויפן סחורה.

מיטן „מ'וואלט אפשר געקאנט" מיינט ער הערשלען. ער דוצט אים נישט, זאגט נישט פראסט „צי דו וואלסט נישט געקאנט", נאר אין דער דריטער פערזאן, און א צעטומלטער פון זיין אייגן אומגעלומפערט רעדן, לאזט ער אראפ דעם קאפ.

הערשל אָבער פאַרשטייט באַלד און העלפט אים אַרויס:

— וואָס הייסטו? — אוודאי קאָן איך מיך באַגיין אָן דעם שייגעץ. כ'האָב געמיינט דו פאָרסט נישט היינט — מיטן שענסטן פאַרגעניגן נעם דיר אים און פאָר. איך האָב גענוג איין פערד, און אָנטרייבן קאָן איך מיר אַליין.

מלך, פונקט ווי א גליק וואָלט אים געטראָפן, עסט גיך אויף, איילט אַרויס, העלפט שפּאַנען דעם וואָגן, לייגט אַרויף די קאַסטנס און טונעץ און לאָזט זיך מיט מאַטשעקן פאָרן אין דאָרף, אויפקויפן פּוטער און אייער.

— לאה, נאָכן עסן וועסטו אַזוי גוט זיין דיך אַביסל איבערטון, וועט מען פאָרן א שעה אויף שפּאַציר.

לאה, אין בלאָען מאָרגנקלייד מיט די קרעמע פּליסן, האַלט אין טרינקען ס'לעצטע ביסל קאַקאַאָ פון גלאָז. אויף דעם יונגן מאַנס ליבלעכע ווענדונג ענטפערט זי נישט גלייך. זי ווייסט זיין קינדערישע שוואַכקייט, דאָס מיינט ער צו ווייזן דעם שטעטל, אַז זיין ווייב, כאָטש זי איז עלטער, האָט ער זיך פאָרט מיט איר נישט צו שעמען: זי איז שענער און געשיקטער, ווי אַלע פרויען פון שטעטל; אויך וויל ער זיך ווייזן אין גאַס מיט זיין פערד און פריציש ברישקעלע, אַז ער איז א באַלעבאָס און — א רייכער באַלעבאָס.

לאה ווייסט זיין שוואַכקייט, און אַזוי ווי זי גיט אים נאָך דאָס רוב שוואַכקייטן, וואָלט זי אים דאָס אויך נאָכגעגעבן. נאָר, איין גאָט איז איר עדות, אַז זי פילט זיך עפּעס אַזוי מיד, פאַרמאַטערט, און זי וואָלט זיך איצט גערן אַביסל דורכגעשלאָפן. זי קאָן זיך קוים אויף די פיס האַלטן, און אַזוי ווי ס'לעבן דאַרף זי א שעה אַנדערהאַלבן שלאָף, — אָבער זאָגן זאָגט זי אים נישט דאָס. זי זאָגט זיך אָפּ פון פאָרן שפּאַצירן מיט א סך אַנדערע אויסריידן, נאָר דעם אמת זאָגט זי אים נישט.

ער אָבער לאָזט זיך נישט אָפּפּטרן מיט א ליאַדע תירוצל עפּעס, און ערשט אַז זי טוט אים צוזויסן, אַז זי קאָכט היינט זיין ליבלינגס-מאכל — וועמפּלעך — און די דינסט, האָט זי

מורא, וועט דאָס עסן קאַליע מאַכן — לאָזט ער זיך איינרעדן, גוקעט זי מער נישט, און פאָרט אַליין.

דאָס ברישקעלע איז אַ שיינס, מיט נידעריקע געלאַקירטע ווענטלעך, מיט צוויי געזעכן, פאָרנט — אַ קליינס פאַרן אָנטרייבער, און הינטן אַ גרעסערס און ווייכערס אויף שפּרינגפעדערן צום זיצן פאַר צוויי פּאַרשוין. אַ חוץ דעם זענען די צוויי דישלעס אויך פיין לאַקירט אויף שוואַרץ, מיט געלע פּאַסן ביי די זייטן. דאָס פערד איז אויסגערוט, פאַרמאָגט אַ ברוינע גלאַנציקע פעל און פלינקע פיס; ס׳קאָסט אַפילו יעדעס מאָל פריש געלט בײַם זשאַנדאַר, מ׳זאָל עס נישט צונעמען ביי די אָפּטע פערד־מאָביליזאַציעס, אָבער דאָס פערדל איז עס ווערט. דער געשפּאַן איז אויך לויט ווי ביי די שררישע פערד, מיט געלע מעשענע צאַצקעלעך און מיט רויטע טראָלדן אויפן שטערן און פון ביידע זייטן ביי די אויגן־דעקלעך... דאָס ברישקעלע פאָרט אַרויס פון טויער. די איינאויגיקע גאָזשינסקע פאַרמאַכט גלייך צוריק דאָס טויער. הערשל, מעשה פריץ, פאָרט שפּאַצירן, און מחמת נישט געניטקייט ביים אָנטרייבן און יינגלערישקייט — קנאַקט ער נאָכאַנאַנד מיט דער בייטש, אַזש דאָס ברוינע זאַטע און נערוועזע פערדל רירט מיט די אויערן, הייבט דעם עק, דרייט קאָקעטיש דעם קאָפּ, שטעלט פּאַראַדנע טריט, און יעדן שפּור פון אַ גלעט מיט דער בייטש אויף דעם אויסגעפּילטן, ווי אַ קישעלע, הינטער־חלק — פאַרווישט עס מיט דעם לאַנג האָריקן עק — אַ וויש דאָ און אַ וויש דאָ.

אין מאַרק קוקט מען נאָך דעם ברישקעלע. פאַרהונגערטע בנימער, אויסגעלאָשענע אויגן שפּיזן אַהין נישט פאַרגינעריש: „אין אַ רחבה אַרייגעקומען דער יינג, אַ שמאַלץ־גרוב״...

דורכן מאַרק פאָרט הערשל גיכער, „נאַ עקסטראַ״! — מ׳זאָל הערן און מ׳זאָל זען... דאָס בייטשל האַלט ער אַזוי נאָכלעסיק אין האַנט. ער באַמערקט, אַז צווישן די רעדלעך פּוסט און פּאַסטעניקעס געפינט זיך אויך זיין געוועזענער שעף זרח בליץ. דאָס טוט אים טאָפּלט הנאה... און ער באַדויערט אויף ס׳ניי,

פֿאַרוואָס לאה איז נישט מיטגעפֿאָרן אין העלן גייעם מאַנטל און שטרויי־הוט מיט דער גאַזע. עס קליידט איר אַזוי גוט...

פֿאַרבייפֿאָרנדיק די אָרטס־וואָך, קלאַפּט עמיץ אַרויס אין פֿענסטער. דאָס בריטשקעלע שטעלט זיך אָפּ. דער וואַכמייסטער שטרייכער, אָנגעטון אין פֿולער דינסט־פֿאָרם — אין העלם, בלעך אויפֿן האַרץ, און רעוואָלווער ביי דער זייט — קומט פֿון דרינען אַרויס צו גיין. ער זעצט זיך צו צו הערשלען אויף דער בריטשקע, ווייל אַזוי ווי ער דאַרף דאָ אין אַ נאָענטן דאָרף, וועט ער אַביסל צופֿאָרן.

ידער זשאַנדאַר האָט מיט לאהס שטוב אַ סך שותּפֿותדיקע עסקים. ער באַקומט פֿון דאָרט אַ וואָכנטלעכן „לא־יחרץ", אַ חוץ וואָס אין פּראָדוקטן. מיט הערשלען האַלט ער זיך דעריבער נישט אַזוי שטרענג. ער פֿאַרטרויט אים, אַז ער פֿאָרט דאָ נישט ווייט. ער האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז אַ פּויער האָט זיך אין דער סטאָדאָלע איינגעאָרדנט אַ געהיים ברייזל, ווייל ער אים פּאַקן אין סאַמע מיטן בעסטן.

— אָנומלטן — רימט ער זיך דער דייטש — האָט אַ פּויער מיט אים פֿאַרברענגט אין אַ קרעטשמע ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַ סך געלט זיך געלאָזט קאָסטן. ער — שטרייכער — האָט אָבער אַ חשד געהאַט, אַז דאָס איז נישט בחינם, האָט ער אים דערנאָך נאָכגעשפּירט און דערטאַפּט, אַז דער פּויער האָט זיך געקליבן אין געהיים קוילען אַ חזיר...

מיט אַ צייט צוריק האָט ער דורך אַן ענלעך שפּיצל געכאַפּט איינעם ביים לויז לאָזן ביינאַכט אַן אָפּגעשטעלטע ווינט־מיל...

— נו, און אייערע יודן — פֿאַרגעסטערן דער יודע מיט דער זייף־פֿאַבריק...

„דער יודע מיט דער זייף־פֿאַבריק" ווייסט הערשל, מיינט ער בער שמואל אריהס, וועמען ער — דער גזלן — האָט מיט איין נעם צו בדלות געשטעלט, אַזש ס'ווייב זיינס האָט פֿון צעטומלט־קייט, דערבליסנדיק אין מיטן זייף־קאָכן — אַריינקומען דעם זשאַנדאַר — גענומען שרייען „גוואַלד", ווי ביי אַ שׂרפֿה, און

מ'האט זי דערפאר איינגעזעצט אין קאזע און זי זיצט נאך. — הערשל דערמאנט זיך דערביי, אז מלך רעדט אלץ וועגן צושטיין צו א מסחר — שמוגלען מעל, גאר א גרויסע אונטערנעמונג זאל עס זיין... דער זשאנדאר פלוצלונג — אפשר ווייל זיין מיטשמועסער איז מיט אמאל אויף א לענגערע ווייל שטיל געווארן און געזעסן פארטראכט — גיט זיך פון דער העלער הויט א רוף אן!

— אונד זי שמוגלען גאר ניכט?

הערשל ענטפערט דערויף לייכט:

— פארלויפיק נאכניכט, הער וואכמייסטער.

— זא! — דרייט דער זשאנדאר זיך אויס צו אים — אבער זי טראכטען ווען דא פאן?

— נו, נעווים — רעדט הערשל מיט דעם זשאנדארם שטייגער־לשון — מאנכעם מאהל.

— דו זאלסט דאס ניכט וואגען! — גיט דער דייטש מיט אמאל א דונער, ווי א דיבוק וואלט אין אים אריין, און ער דרייט צו אים אויס דאס ציגיינערישע פנים מיט די גראבע שווארצע וואנצעס — רויט ווי א געבריטעוי ראק, און מיט רוצחישע פייער שיסנדיקע אויגן — איך ערלאוב ניכט! פארשטאנדן!?

איין מינוט שפעטער איז דער דייטש שוין ווידער גוטמוטיק, און דערציילט שוין ווידער, ווי פיפיק די לייט דא זענען, און ווי ער מיט זיינע געהילפן כיטרעווענען זיי איבער און שפיאנירן אויף יעדן שמוגל:

— יא, וויר זינד גענוג שלוי.

צוריק פון שפאציר פארט הערשל דורך אן אנדער גאס. ער פארט טריט ביי טריט.

ריווע קומט ארויס פון איר שטוב, בעת הערשלען אפשטעלן די בריטשקע, און — יא־און־יא ער מוז מיט איר אריינגיין, זי האט אים צו דערציילן עפעס ווינטיקס און פרייליכס

— נישקשה, פערד און וואג קאנען דא בלייבן שטיין, מען גנבעט נישט.

זי רעדט אזוי לאנג, ביז זי רעדט אים איבער. הערשל פארט צו פאר איר טיר לאזט שטיין די בריטשקע, און מיט דער בייטש אין האנט גייט ער נאך איר.

דרינען הויבט זי אן אן א שום פארוואס מיט לויב לידער פאר זיין פרוי לאה, וואס מיט איר שיינקייט פארשטעקט זי אלע יינגע ווייבלעך און מיידלעך ווו... איר חן! ממש ס'מלכות שיינט דאך פון איר פנים אראפ, און איר חכמה און פיינקייט האבן דאך א רום אין דער וועלט... וואס, אפשר נישט אזוי? כ'זאג אפשר ליגנט?...

הערשל מיינט תחילת, אז ריווע מיינט עפעס מיט איר רעדן, אז זי צילט ערגעץ, וויל עפעס האבן. ער איבערצייגט זיך אבער באלד, אז זי איז גאר נישט אויסן, זי מיינט בלויז צו הויכן און באקרוינען זיין ווייב אין זיינע אויגן, דאס געפעלט אים. ער נעמט עס אן. ער ווייסט אויך, אז ס'איז אזוי — זיין ווייב איז אן אויסנאם, אבער ריוועס סך רייד מאכן אים לייכט מאט, זיי פארשיכורן אים, פארוויגן אים, ווי ער וואלט געלעגן אין א וויג און עמיץ וואלט געוויגט און צוגעזונגען א שלאף-לידל... ריווע רעדט שוין דערווייל עפעס אנדערש, כאטש אויך נאך פון לאהן. זי רעדט און פרעגט זיך נאך, פארוואס לאה איז נאך נישט פולער אין סטאן...

— א יונג פארפאלק! וואס הייסט דאס עפעס! אויף וועז ווארט עז... דאס ערשטע יאר נאך דער חתונה איז די בעסטע צייט צו ליגן אין קימפעט...

איצט נעמט זי מיט אמאל רעדן צו הערשלען שושקענדיק, ווי א געטרייע מאמע צו איר איינציקן ערשט אויסגעגעבענעם זון, וואס נאר זיין גוטס און גליק איז זי אויסן.

— הערשל קרוין, גוואלט געשריגן, אן א סיגר וואס ביזטו דארט? ביסט דאך דארט א גאר נישט שבנארנישט, א סטרויש, א הונט, א ווייס־איך־וואס... ארבעטסט פארן טייוול, מיינע שונאים, און ביסט נישט זיכער מיטן מארגנדיקן טאג. יא־יא,

מיין זון, גלויב וואָס כ'רעד, כאָטש דו פּאַסט מיטן בריטשקע־לע.

— אנדערש אָבער — איבערגייט איר קול ציטערדיק, קלע־פּעדיק און זיס־זינגענדיק — איז, אַז דו וועסט האָבן אַ קינד — אַ קינד, הערשעלע, זונדעלע, אַ קינד איז אַ פונדאַמענט, איז אַ גלייבער יורש צו אַלעם...

— ס'הויז איז סיי ווי סיי פאַרשריבן פאַר די קינדער — רופט זיך הערשל אָן איבעריקן חשק, נאָר מיט אַ שטילן פאַר־דרוס, צו וואָס ער איז דאָ אריינגעקומען, זי זאָל אים אַ קאָפּ אָנהאַקן.

— ס'הויז, ווייס איך, און ס'איז טאַקע אַ שטיקל עוולה. זאָג וואָס דו ווילסט, איך טענה ס'מייניקע, אַז ס'איז אָן אומ־רעכט. זי האָט נישט געדאַרפט אַזוי צו טון. נאָר וואָס איז צו רעדן, זי האָט דאָך שוין געטון, און ס'איז פאַרפאַלן.

— אָבער געוואָלט געשריגן — גיט זי זיך גלייך אַ כאַפּ, ווי פון אַ ברי — אַ חוץ דעם הויז איז דאָך דאָרט נאָך דאָ עפּעס, ס'איז דאָך, קיין עין הרע, אַן אָנגעביטשעוועטע שטוב!...

איצט זיצט ריווע אַ ווייל שטיל, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף דער האַנט, די האַנט אויף דער קני, זי שאָקלט זיך אַ ווייל נאָכ־דענקלעך, און מיט אַמאָל הויבט זי ווידער אָן, צובויגנדיק דעם „רעד־אינסטרומענט" צו הערשלס אויער, איינרוימענדיק אים ווי אַ סוד:

— הערשל, ס'איז דיר, זע איך, נישט ליב דאָס צו הערן, אָבער געדענק, הערשל, דער נאַרישער ריוועס רייד: אַ קינד נאָר אַ קינד זאָלסטו פאַרלאַנגען. לאָז וועט דערפון צופרידן זיין, און דיר — וועט גוט זיין, וועסט דיר האָבן אויסגעזאָרגט אויף איצט און אויף שפּעטער.

נאָר אַז ריווע זעט, אַז הערשל ווערט שוין אויף אַן אמת פאַרמאַטערט פון איר רעדן און ער קוקט בסדר אויפן זייגערל — נעמט זי מיט אַמאָל ווידער רימען און לויבן לאחן — איר חן און אירע מעלות...

הערשלען איז טאַקע נישט ניחא ריוועס רעדן און אירע עצות. — ער, הערשל, קוקט אינגאַנצן נישט פּראַקטיש אויף זיין לעבן אין לאהעם שטוב. ער טראַכט גאָר נישט, צי ער איז יאָ צי נישט אַן אַנגעהעריקער צו לאהעם פאַרמעגן. ער קאָן זיך דער־ ווייל ווייזן פאַר מענטשן מיט זיין פערד און בריטשקעלע, פריי־ קייט און שיין ווייב, און דאָס איז פאַר אים גענוג.

— מויד! — גיט ריווע אַ געשריי אין קיך אריין. —

און אַז פון דרינען, הינטער דעם ברעטער־ווענטל, באַווייזט זיך דאָס יינגערע מיידל ניכע אין אַ פריש געוואַשן בלוזקעלע און אַרויפגעקעמטע האָר — גיט די מוטער אויף איר נאָכאַמאָל געשריי:

— מוידטשיסקע! וואָס גיסטו נישט אריין הערשלען אַ גלאָז טיי מיט אַ צוקערל, נאָר גיכער, זעסט נישט ער איז מיד?

הערשל זאָגט זיך אָפּ פון טרינקען טיי, ער איילט זיך אהיים. די מויד גייט צוריק הינטערן ווענטל אין קיך אריין. די מוטער גיט איר אַ ווינק נאָך און אַ שעפּטשע הערשלען אין אויער:

— נישקשה, הע?... אויסגעזאָרגט וועגן אַ חתן, וואָס? כ'זאָג דיר — רעדט זי מיט די שפּיץ ליפּן — דאָס וועט דיר אַמאָל עמעצן זיין אַ באַטעמט ווייבל, צוקער, ריינער זיסער צוקער!

ווען הערשל איז אַרויסגעקומען פון ריווען און זיך געוואָלט וויפּזעצן, האָט ער נישט געפונען די בריטשקע. ער האָט געקוקט אַהין און געקוקט אַהער, דאָ און דאָרט, נאָר די בריטשקע איז נישט געווען צו זען. ער האָט געפרעגט שכנים און פאַרבייגייערס. ערשט אַ יינגל האָט אויף זיין פרעג געענטפערט:

— אַ, די בריטשקע מיטן פערד? אייזיק ישראלס און דער געלער חיימל האָבן זי אוועקגעפירט.

— ווער זאָגסטו? — האָט הערשל איבערגעפרעגט, און ער איז ווייס געוואָרן פון כעס און פאַרלעגנהייט.

דאָס יינגל האָט איבערגעחזרט ווער און איז אוועקגעלאָפן, צושרייענדיק: „ווו אַהין — ווייס איך נישט".

— אַ כאַליערע! — האָט הערשל צו זיך געברומט, און דער כעס אין אים איז געשטיגן מיט דער רגע, ביז אין אים האָט שוין געזידט ווי אין אַ קאָכעדיקן טשייניק.

אייזיק איז ישראל דעם גאָזטראָפּעדס זון. פריער איז ער געווען הערשלס און מלכּס חבר, הייַנט אָבער איז ער מיט הערשלען קידער-ווידער. ער לאָכט פון אים אָפּ, האָט ער אים אַ פּרעגל געטון:

— נו, הערשל, ווי שמעקט דיר עפּעס דאָס אַלטע פלייש, וואָס דו קייעסט בײַנאַכט?.. — אַזוי האָט ער געפרעגט, דער לאָבוסעוואַטער אייזיק מיטן אַרויסגעשאַרצטן נעזל. חברה יינגען האָבן געהירזשעט, און הערשל קאָן אים דאָס נישט פאַרגעסן.

הערשל, מיט דער ביימוש אין דער האַנט, גייט אַהין און אַהער, זוכט די ברישטשקע.. אין דעם דערזעט ער ווייט אַרויף, צום מאַרק צו, פאַרט פון אַ גאַס זיין ברישטשקע. ער לויפט אַהין. עס זיצן דאָרט אַ חברה מיידלעך, אייזיק טרייבט אָן, האַלט די לייצעס, דער געלער חיים זיצט צווישן די מיידלעך, און זיי אַלע פון הנאה און צופרידנקייט שאָקלען זיך, הוידן זיך, קאָנען נישט איינזיצן אויף אַן אָרט.

הערשל, אַ צעזאָטענער, אַ בייזער, לאָזט זיך צו זיי מיט דער ביימש. זיי באַמערקן אים. אייזיק שפּרינגט אַראָפּ און לאָזט זיך לויפן, נאָך אים די איבעריקע. די מיידלעך — באַלעבאַטישע קינדער — צעלויפן זיך ווי אַ סטאַדע גענז אין אַלע זייטן... הערשל אָבער — אַנשטאָט צוצוגיין צו דער געפונענער ברישטשקע — לויפט ער נאָך די צוויי חברהלייט, שמאַגעט מיט דער ביימש איבער קעפּ, פּלייצעס און פּנימער, און ווידער און ווידער — דאָ אייזיקן, דאָ דעם געלן, נאָר דער עיקר — אייזיקן.

די מיידלעך דערהייבן אַ געקוויטשעריי, אַז טויב צו ווערן. הערשל אָבער קוקט אויף גאָר נישט. אַ צעיאָכמערטער און נסמה־דורשטיקער, שמאַגעט ער נאָר און נאָך...

אַרום, פון אַלע זייטן, פון פענסטער און טירן, קוקט מען אַהער. ער הערט הינטער זיך אַ גערעדער און געמורמל:

— לאה פעלצנערס מאַן...

— מלכס שטיפפאַטער...

— דער תכשיט...

— פון ווילטאָג.

— נאָר פון בייזן שווילטאָג...

אַ באַגראָבענער, אַ פאַרשעמטער, גייט הערשל צו דער ברײטשקע. ער שעמט זיך די אויגן צו דערהויבן.

דאָס שלאָגן מיט דער בייטש האָט צופעליק געזען דער שטומער יאָווע. ער לויפט אַהיים וויפיל ער האָט נאָר כוח. אַ שווער אַטעמדיקער, אַ צעפרייכטער פון לויפן און פון דעם וואָס ער האָט געזען, נעמט ער דער מוטער איבערגעבן אויף זיין שטומען שטייגער: — באַב־באַ, באַב־באַ... — ער מאַכט נאָך מיט די הענט, ווי מישאַנעט מיט אַ בייטש, ווי איינער פאַרהאַלט זיך דעם קאָפּ און לויפט, דער מיט דער בייטש לויפט נאָך און... באַב־באַ, באַב־באַ... ער אַרבעט נעבעך מיט אַלע כוחות דער מוטער צו פאַרשטיין צו געבן. זי פאַרשטייט אָבער מער נישט, ווי אַז דאָ רעדט זיך וועגן הערשלען, וואָרום דער שטומער האַלט זיך אָן מיט דער פאַרמאַכטער האַנט די שפּיץ גאָמבע, וואָס דאָס מיינט: דער טאַטע, דער ראש פון הויז האָט דאָס געטון.

אַהין אַהער — דערווייל פאָרט די ברײטשקע אין הויף אַריין. הערשל קומט אַריינצוגיין. דער שטומער, דערבליקנדיק אים, הויבט ער אָן נאָך העכער צו ברומען. באַב־באַ, באַב־באַ... ס'דאַרף הייסן: אָט, ער טאַקע!...

ס'גאַנצע הויזגעזינט שטייט אַרום מיט אָפענע מיילער. לאה פרעגט צערודערט:

— הערשל, וואָס איז געשען? וואָס רעדט ער דאָס?

הערשל אָבער איז איצט גאָר נישט אויפגעלייגט. ער איז ביין

און אויפגערעגט... ער גיט אויף איר א קוק, ווי נאך קיינמאל נישט ביז איצט.

— וואס זאל זיין, וואס!? וואס זענט עץ געקומען צוזאמענ־צולויפן?... וואס ביסטו אזוי דערשראקן — שרייט ער ביז צום ווייב — מ'האט מיך נאך נישט אויפגעגעסן, נא, האסט מיך נאך!..

דאס רעדן זיינס איז אָרדינער און גראָב. לאה ווערט טויט־בלאס. די אונטערשטע ליפ נעמט איר ציטערן.

אלע ארום שטייען שטום און שטאר. נאר די האלב־שטומע מירע רופט זיך אן מיט פאראיבל צו הערשלען:

— גיי, דו, העשע, וו'ע א פאיע... (ווער א כפרה —) און א בליק צו דער בלאסער מוטער, ווי אט האב איך אים שוין גע־זאגט פאר דיינעטוועגן"...

הערשל, נאך א נישט אויסגעלאָדנטער פון כעס, גיט זיך האסטיק א דריי אוים צו מירען. די מוטער גיט זי גיך א שטופ אריין אין דער דערנעבנדיקער טיר פון מיטל־חדר, און שטעלט זיך אים אין וועג, ער זאל איר נישט נאכלויפן. ער אָבער איז שוין געקומען צו זיך. לאה זעט, אז הערשל מיינט גאר נישט נאכצו־לויפן מירען, נאר ער שטייט אין גרוים פארלעגנהייט — גייט זי אויך אריין אין יענער שטוב, פארשליסנדיק הינטער זיך די טיר. זי קומט פון דארט נישט ארויס אפילו צום מיטאג. דעם גאנצן טאג וויזט זי זיך נישט פון דריען. זי באפעלט דורך דער דינסט, קיינער זאל נישט אריינגיין, ווייל זי האט קאפווייטאג.

דאס צענטע קאפיטל

ס'איז אוועק א זומעראון א ווינטער, און ס'איז ווידער געווען זומער אויף גאטס וועלט. אונזער פארפאלק האט זיך געלעבט, ווי אלע אנדערע פארפאלקן — אין שטעטל האט מען תחילת אנדערש געמיינט· פונקט ווי די אקופאנטן, די דייטשן, פלעגט מען נאכברומען — „נישט לענגער זאלן זיי לעבן, ווי לאנג זיי

וועלן דאָ גאָר זיין" — אזוי פלעגט מען וועגן דעם נישט גלייבן פאַרפאַלק נביאות זאָגן:

— ער וועט זי אוועקוואַרפן, אוי, וועט ער זי א וואָרף אוועק געבן! און נאָך גוט דאָס אויער אויסמאַכן אויך!

און וועגן איר:

— זי וועט זיך האָבן צו קראַצן לאה, זי וועט זיך שוין איינמאָל קראַצן, ווו ס'בייסט זי נישט! —

דאָס פאָרזאָגן אָבער איז נישט מקוים געוואָרן, אינגאַנצן נישט מקוים געוואָרן — די דייטשן זיצן דאָ שוין דאָס דריטע יאָר, נישט זיי אנטלויפן, נאָר זיי בירגערן זיך וואָס אַמאָל מער איין; ביים פאַרפאַלק ווידער — גייט שוין דאָס צווייטע יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן און — שאַ און שטיל, ווי ביי אַלע אַנדערע.

לאה האָט צוריק געקראָגן איר אָנזען אין שטאָט. לייבעש „נאָסעק" קומט ווידער אַריין יעדן פאָרן טאָרג און נאָכן טאָרג. ביים אַריינקומען רייבט ער זיך לאַנג און מיט כוונה די פיס אויפן טרעטער פאַר דער טיר; זאָגט „גוט-מאָרגן" מיט רעספעקט און זעצט זיך נישט פריער, ווי לאה הייסט אים; בער שמואל אריהס גריסט זי אין פאַרביגיין און נישט נאָר ער, נאָר אויך זיין פאָטער, שמואל אריהס אַליין, האָט, ווייזט אויס, שוין באַגראָבן זיין כעס, וויל נישט אַרויסווייזן לאהן קיין שנאה, און וואַרפט איר אויך צו אַ גוט-מאָרגן.

אַפילו דער לאַנגער מרדכי האָט זיך אַפּנים שוין מיאש געווען פון לאהן. ער איז מיט איר טאַקע ווייטער שטאַרק ברוגז, אָבער קיין אַלמן איז ער שוין נישט מרדכי — סוף ווינטער האָט ער זיך אַ גוטן זע אַרום געטון און אויסגעפונען אַן אַלמנה און מיט איר חופה געשטעלט.

יאָ, ער האָט חתונה געהאַט דער לאַנגאַניקער אַלמן מרדכי דער מעקלער. נאָר לייבט אָפּגעלאָפן איז עס אים נישט. ס'איז אים נישט גוט באַקומען דאָס אַריינברענגען אַ באַלעבאָסטע אין שטוב. זיין זון דער שניידער, וואָס רעדט מיט אַ פולער גאָז,

אזש ער רעדט ארויס א „מ" ווי א „ב", אט דער שניידער, זע־ליק, וואס וווינט מיט א ווייב און צוויי קינדער אין מקוה־געסל און איז נאך מער לאבוז ווי ארעמאן — ער האט געהאט דער־קעגן, דער פאטער זאל נישט נעמען א ווייב, וואס איז נאקעט און בלויז. אין שטעטל האט מען געלאכט:

— ער האט מורא, זעליק מעלע, אז דאס ווייב וועט דעם פאטער צונעמען דעם דלות, און ער וועט אים נישט קאנען יר־שענען.

זעליק האט אבער פארט געהאט דערקעגן, און דאס דעם פאטער אויך געזאגט:

— אזא עלטערער ייד — האט ער אים געזאגט — דארף זיך נישט צו נאר צו מאכן מיט א ווייב.

דער פאטער האט נישט געקוקט אויפן זונס דערקעגן האבן און פארט געשטעלט א חופה מיט דער יידענע, ביי אירם א קרובה דא — הי. דערפאר, אז דער פאטער איז נאך דער חופה אין מאלצייט אהיימגעגאנגען מיטן נייעם ווייב צו זיך שלאפן, האט דער זון דערווייל געהאט באשטעלט עטלעכע מוזיקאנטן — עלע בלעכס קאפעלע: א פידל, א באס, א פויק און טראמפייט... זענען די לייט געלעגן באהאלטן אין א פינסטערן ווינקל לעבן מרדכים ווינונג און — אזוי ווי דאס פארפאלק איז אנגעקומען, האבן די קלעזמארים א שפיל אויפגעגעבן דאס ריכטיקע מארשל — דער פידל האט געקוויטשעט, דער באס האט געברומט, די פויק האט געזעצט, דער טראמפייט האט זיי אלע איבערגעשריגן... די מוזיק איז געגאנגען אויף דער גאנצער פארע. אין דער שטילער נאכט האט עס געהילכט. דאס געסל איז פול געווארן מיט מענטשן פון די שטובן און פון די בעטן ארויס, און ס'איז געווען א היימ־לעך ספעקטאקל...

אט אזוי האט דעם לאנגען מרדכים זון אפגעטון דעם נישט געהארכזאמען פאטער.

...דורך דעם יאר צייט איז לאה שוין געווען אין אנדערע

אומשטענדן, אָבער עס איז גאָר נישט געוואָרן דערפון: סוף דריטן חודש האָט זי געמפילט, איז נאָך דערביי אביסל קראַנק געווען. דער דאָקטאָר און אַן אקושערקע זענען אַ צייט אהין אריינגע־גאַנגען.

דאָס לעבן פון דעם דאָזיקן אין פלוג משונהדיקן פּאָרפּאָלק, דער טייל לעבן זייערס, וואָס איז באַשטימט פאַרן דרויסן, פאַר דער גאַס — גייט אין די זעלבע רעלסן, וואָס יעדן אַנדערנס לעבן דאָ, סטאַרטשעט נישט אַרויס מיט זיינע בערגלעך און טאָלן — שבת אינדערפרי גייען זיי ביידע אין שול׳ זי אַ וועקסיקע און שיינע, דערנעבן ער אַ גוטאָנגעטוענער און יינגער; זי מיטן פיי־נעם סידור אין האַנט, ער — דאָס טליתל אין אַ סאַמעטן זעקע־לע, גייען זיי גלייכע, שטאָלצע, אַז שיער בענטשט מען זיך מיט זיי. מ׳טרעט זיי אָפּ דעם וועג.

פון זינט נאָך דעם מפּלען, וואָס הערשל האָט דערנאָך, לויט דער עצה פון דאָקטאָר, געמוזט אביסל פאַרשווינען דאָס ווייב — איז די היציקע גיריקייט זיינע מער נישט צוריקגעקומען. איצט איז אין זייערע באַציונגען, פון זיין זייט, אַזאַ געלאַסנקייט מיט לאַנגע הפסקות, אַז לאַה טראַכט טיילמאָל, אַז ער פאַרנאַכלע־סיקט זי און זי זוכט אומדירעקט — דורך טואַלעט, קאָסמעטיק און אַנדערע מיטלען — אויפצוּוועקן אביסל אין אים די תאווה צו איר.

* *

די צוריקגעהאַלטנקייט אין זייער מאַן און ווייב לעבן האָט אָבער אויך איר גוטע זייט: לאה זעט איצט בעסער אויס, איז אויסגערוט;כאָטש די דריבנע קנייטשלעך פון די שלייפן זענען נישט מינער געוואָרן, און די קישעלעך וואָס האָבן זיך אָנגע־הויבן צו פאָרמעווען אונטער די אויגן זענען אויך נישט קלענער געוואָרן, האָט זי אָבער דורך פודער און קאָסמעטיק פאַרגלעט די קנייטשלעך, די קישעלעך אונטער די אויגן האָט מען אויך באַלד

אין דער פרי מער אַנגעזען, ווי אַביסל שפּעטער. דאָס פּנים אירס איז פון דער ווייטנס נאָך געווען שיין און פריש; דער וווקס גלייך און שטראַם. מענטשן האָבן זיך געחידושט:

— זי בליט דאָך — זי ווערט דאָך גאָר יינגער.

שרה די פישערקע, לאהעס שכנטע האָט עס איר נישט גע־לאָזט באַקומען:

— אַז זי וואָלט נאָר געהאַט אונזער זאָרג — האָט זי הינ־טער לאהעס ר״קן געשאָקלט מיטן קאָפּ צו דער איינאוויגיקער גאָזשינסקען — אַז זי וואָלט נאָר געדאַרפט אויסנישטערן דאָס שטיקל ברויט פאַר די קינדער וואָלטן מיר זיך דעמאָלט אָנגע־קוקט!..

...איצט האָט הערשל געקראָגן אַן אַנדער תאווה — פערד...

יעדן יאָר־מארק האָט ער געקויפט און פארקויפט פערד. אין שטאַל זענען שטענדיק געשטאַנען עטלעכע פּאָר פערד. אַזוי ווי אין שטעטל פאַלט אויס „מאַרק קוים יעדע צוויי־דריי חדשים, האָט ער גענומען פאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך אויף די מערק. שטענדיק האָט ער געברענגט פערד און שטענדיק אוועקגעפירט פערד. שטאָט דעם פיינעם ברישקעלע, מיט רעסאָרעס, האָט ער זיך געשאַפן אַ דראַבינע־וואָגן מיט פולקאַשקעס, אויפן וואָגן איז געלעגן היי און אָברעס, אַרום וואָגן אין דעם לייטער זענען געווען אָנגעבונדן פערד, און הערשל מיט מאַטשעסן זענען צוזאַמען מיט די שטעטלדיקע מאַרק־פאָרערס געפאָרן אין פריען באַגינען ערגעץ אויף אַ יאַריד.

לאה האָט גאָר נישט גערעדט. זי האָט געזען, ווי ער נעמט אַלץ פרישע געלטער אויסצוגעבן אויף פערד· ער ברענגט אפילו אַמאָל אויך צוריק געלט, אָבער איר געניט אויג האָט באַמערקט, אַז צוקומען קומט נישט צו צום געלט פון זיין דאָזיקן מסחר; דאָך געזאָגט האָט זי גאָר נישט, זי האָט אים דערלויבט נעמען אַלץ פריש געלט. אויף זיין התלהבותדיקן פאַרזאָגן די גרויסע ריווחים האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל, און זי האָט אים

געגעבן ווייטער געלט אויך מיט א שמייכל, ווי זי וואלט זיך פאר זיך אליין פארענטפערט: „מילא, זאל עם זיך אביסל שפילן, ס'יינגל".

ס'איז מארק אין שטעטל — יאר־מארק פארן שניט — דער מארק און ארומיקע גאסן זענען פול: וועגן, בוידן, פויערן און בהמות... אויפן פערד־מארק, לעבן דער אלטער ציגעלניע, איז הוימלעך. די תמוז־זון ברענט ווי אין א באק־אויוון. בייטשן קנאלן, פערד הירזשען, קויפערס און פארקויפערס פאטשן זיך אין די הענט. ס'קנאלט ווי ביקסן־שאסן, און דער טומל און געפילדער אז טויב קאן מען ווערן.

הערשל פעלט אויך נישט אויפן פערד־מארק. ער טראגט א קורץ רעקל, און האלט א בייטש אין האנט.

מאטשעק לויפט מיט א פערד, הערשל קנאקט צו מיט דער בייטש, דאס פערד הייבט די פיס, אזש פונקען פליען. דער קונה — א פויער — איז צופרידן, נאר ער ווייזט עס נישט ארויס. ס'ווערט א געדינגעניש. דער פויער לויפט צו אלע ווײַלע צו אן אנדערן טייל פון פערדס גוף און באטראכט דאס — דא צום מויל, דא צו די פיס, צו יעדן פוס באזונדער, דא ווידער צו די שענקלען... ס'געדינגעניש הויבט זיך ווידער אן. אט נעמט מען זיך קלאפן אין די הענט און ס'ווערט ווידער נישט. דער שיקלדיקער יוקעוו איז מעקלער. ער ארבעט מעשים, סודלט זיך מיט דעם צד, און באלד מיט דעם צווייטן צד... ער ברענגט זיי ווייטער צוזאמען, שליסט זיי די הענט, ווידער אן אמפער־ניש. נעמט דער מעקלער אויף ס'ניי איינקנעלן... א ווארט דא, א ווארט דארט, און מ'פאטשט זיך שוין ווייטער אין די הענט... אין א גוטער מינוט — ס'עסק ווערט ענדלעך געשלאסן. הערשלען בלייבט א היפשער ריווח, און אלע זענען צופרידן...

הערשל האט דעם מארק א סך פערד פארקויפט, פארקויפט מיד ליד און גוט פארדינט. דערנאך איז אויסגעבראכן א סיכסוך מיט די שטעטלדיקע פערד־הענדלער — די באביקער, א גרויסער

סיכסוך איז עס געווען, מיט געשרייען און קולות, צוליב א יינגער קאבילע, וואס זיי זאגן האבן געהאנדלט, און הערשל האט זי אויסגעקויפט, באלד צוריק פארקויפט עפעס איינעם א פריצל אין א גרין קאפעלושל מיט א פעדער און שפיצרוט אין האנט. דער ריווח איז געווען גאר א היפשער, יוקעוו וואס איז אמאל אליין געווען א פערד־הענדלער, און היינט מעקלט ער בלויז און שלאגט זיך אדורך מיט צרות — האט שיעור געטאנצט פון שמחה — הערשל לומפט זיך נישט ביים צאלן מעקל־געלט.

די באביקער האבן אבער אויך נישט געשוויגן, זיי האבן געברענגט דעם זשאנדאר, באשר הערשל גייט זיי אין וועג אריין.

— ווער זינד אלטע פערדע הענדלער, — ווייזן זיי ארויס און עפענען דעם זשאנדאר פאר די אויגן אן אויף דער מאשין געשריבן פאפיר, אז זיי ליווערן פערד פאר דער דייטשער אר־מיי — און דיזער שנעק זעען זי הערר וואכמייסטער, מאכט אונז קאליע דעם האנדל...

איז עס דאך שטרייכער, מאכט ער אן ערנסטע מינע, און פרעגט זיך נאך, ווי לאנג זיי האנדלען שוין מיט פערד.

זעען זיי דאך באשיינפערלעך, אז דער דייטש איז אויף זייער זייט, גיט איינער פון זיי א פלאץ ארויס:

— צוואנציק יארע, בעסטער הערר.

און דער צווייטער, וואס מיט דער פאנץ, אים איז עס נאך ווייניק, פארבעסערט ער:

— גלאבען זי אים נישט, הערר וואכמייסטער, ער פלוידערט — שוין פינפאונצוואנציק יארען...

— אלזא, פינפאונדצוואנציק — איז שטרייכער נוטה צו דער אויסבעסערונג, ער מאכט זיך א ווייל גלייך די גראבע וואנ־סעס פון דער זייט און פון דער זייט, און ער טראגט ארויס א פסק:

— פינפאונצוואנציק יאר האט איר שוין געהאנדלט מיט פערד, איצט, פון היינט אן, וועט ער, ווייזט ער אויף הערשלען,

אויף האנדלען אזוי לאנג געגוי, דערנאך וועל איך מאכן א נייעם פסק.

זשנען די בייביקער שטיל געווארן. מורא געהאט דאס מויל צו עפענען אקעגן דעם וואכמייסטער אין העלם מיטן בלעך אויפן הארץ און רעוואלווער ביי דער זייט — זיי האבן די קעפ אראפ־געלאזט און געשוויגן, פארשטאנען, אז דעם שנעקס גאנצע מערכה איז, וואס ער ווארפט מיט געלט, האט גישט מורא צו ריזיקירן, און אז סוף כל סוף וועט ער אמאל אריינפאלן און דעם קארק ברעכן. נאר געזעדט האבן זיי דערווייל גארנישט. ערשט פאר־נאכט, אז הערשל מיטן געלט, און מאטשעק פירנדיק פריש גע־קויפטע פערד, זענען אהיימגעגאנגען פון מארק, האבן זיי אים נאכגעשריגן:

— זרח בליצם סוביעקט!... לאהעם מאן!... לאאפציקער סוחר!...

און יוקעוו מיטן שיקלדיקן אויג — ער האט צו זיי אן אלטע שנאה נאך פון דעמאלט, ווען ער איז אויך געווען אויפן פלאץ — יוקעוו האט זיך מיט זיי געריצט, פון דער ווייטנס, פארשטייט זיך, פון דער נאענט האט ער מורא געהאט —

— זאל ער זיין געווען וואס נאר — האט דער שיקלדיקער יוקעוו צו זיי צוגעשריגן וועגן הערשלען — זאל אים אפילו האבן א קו אויסגעשפיגן, אז ר'איז — איז ער!...

אבער אין יאר־מארס וואס נאכן שניט האט הערשל אין איין מאל אלע פארדינסטן אויסגעשפיגן. ער איז ארויס ווי די בייביקער האבן געזאגט: — „אן פאלעס און אן קאלנער" — איז אים דער פערד־מסחר מיט אמאל מיאוס געווארן, און מיט דעם זעלבן ברען האט ער זיך א ווארף געטון העלפן אין דער היים — טון אין דער פוטער־ און אייער־מסחר.

...הערשל האט אויפגעוויזן, אז דער שפייכלער צו סחורה איז צו קליין; מ'קאן אים דורכטיילן, וועט מען האבן אין דער הויף ארט און אונטן ארט — האט מען איבערגעמאכט דעם שפייכ־

לער. הערשל האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז די קאַמער ווו מען טוט „קלערן" און פּאַקן די אייער, איז צו קליין, און מ׳דאַרף זי פאַרגרעסערן — און מ׳האָט אים נאָכגעגעבן; הערשל האָט זיך אונטערגענומען אויסצופּועלן ביים שטאָט־קאָמענדאַנט, דעם פעלדפעבל שמידט, אַז דער סכום סחורה וואָס מ׳דאַרף צושטעלן — אין קאָסטן פּרייז — אין דער קאָמענדאַנטור און אָרטס־וואַך, זאָל זיי פאַרקלענערט ווערן; אַלע האָבן געזאָגט, אַז ער וועט עס נישט פּועלן און ס׳איז אַ שאָד די מי. ער האָט עס אָבער סוף־כּל־סוף יאָ אויסגעפּועלט. כאָטש ער האָט דערמיט אַרויסגערופן דעם כעס פון זייער קאָנקורענט יוסף בער שטרוי, ווייל ער יוסף בער, האָט דעם סכום, וואָס איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון הערשלען, געמוזט דערפילן פון זיין אייגענער סחורה. אָבער דאָס איז דאָך געווען אַ טאָפּלטע הנאה, וואָרן יוסף בער שטרוי, וועלכער איז נישט פון זייער משפחה, איז פונדעסטוועגן שוין אַ רייע יאָרן דער קאָנקורענט פון דער משפּחה פעלצנער. די משפּחה קאָן זיך מיט אים נישט פאַרטראָגן. פונקט ווי אַ לעבעדיקער קערפּער, וואָס קאָן נישט פאַרטראָגן אין זיך עפּעס פרעמדס, למשל — אַ שפּליטער.

...הערשל פאָרט איצט כּסדר מיט אין דאָרף מיט מלכן. אין אָנהייב האָבן זיך ביידע נישט גאָר באַקוועם געפילט. עפּעס ווי מ׳וואָלט איינגעשפּאַנט אַ פערד מיט אַן אייזל אין איין געשפּאַן — אין דאָרף ביים קויפן קומט אָפט אויס צו מאַכן אַ שפּאַסל מיט אַ יונגער גויע אָדער שיקסע... דער מסחר פאַרלאַנגט דאָס, — האָבן זיי זיך געשעמט איינער פאַרן אַנדערן; נישט אַזוי ווייט הערשל פאַר מלכן, ווי מלך פאַר הערשלען. אין מסחר־ברען איז אָבער די אומבאַקוועמלעכקייט אייניציקווייז אָפּגעשטופּט געוואָרן. פון זיך אַליין אָפּגעשטופּט געוואָרן, ווייל זי האָט געשטערט. די גאַנצע מאָדנע לאַגע פון דער היים איז אין וועג. ווי זיי זענען נאָר געקומען אויס דער שטאָט — אָפּגעווישט און אויסגעוועפּט געוואָרן פון זיך אַליין, פון דער לופט. — הערשל האָט גיך באַנומען די אַלע דריידלעך און קונצשטיקלעך פון דעמדאָזיקן מסחר...

הערשל און מלך זענען געוואָרן גלייך אויף גלייך, כאָטש האָט געברענגט נוצן דעם האַנדל. די שטייפע אָנגעצויגנקייט צווישן זיי איז אַוועק, אינגאַנצן אַוועק. זיי זענען געוואָרן צוריק אויף „דו“, מלך האָט הערשלען ווידער געזאָגט „דו“, ווי אַמאָל, ווען זיי זענען געווען חברים, קרובים אין גלייכע יאָרן, גערעדט ייִנגליש ווילדערישע ווערטלעך, און גערויכערט אין געהיים פּאַפּיראָסן.

איצט, צום האַרבסט צו — איז דאָ אַ סך צו קויפן. מ'קומט אַהיים שפּעט, מ'עסט מיט אַפּעטיט און אַ סך, מ'רעדט די גאַנצע צייט בלויז פון מסחר פון פאַרגאַנגענעם טאָג, מ'מאַכט חשבונות, און מ'מאַכט פּלענער אויף מאָרגן... אין דער פרי, נאָך איידער די זון באַווייזט זיך, פאָרט מען ווייטער אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג. און ס'איז שוין פון זיך אַליין אַזוי געוואָרן, אַז לאה וואָס האָט אין זייערע שמועסן פּוי טאָג אין דאָרף נישט שטאַרק געהאַט אַריינצושמועסן, איז ווי אָראָפּגעשאַרט געוואָרן. ווי זי וואָלט געווען, אמת, אַ בכבודע פּערזאָן, אָבער נאָר פאַר אַ פרייער צייט, שבת צי יום־טוב, אַזוי אָבער — אַ נישט נויטיקע און נישט אָנגעוועדיקע.

שבת און יום־טוב ווידער, איז מען געווען מיד פון אַ גאַנצער וואָך, און דער שפּייכלער האָט אויך געדאַרפט צו האָבן דאָס זייניקע — צוגענומען זיי יעדע פרייע מינוט, האָט עס פאַר אַ פרעמדן געקאָנט אויסזען, אַז דאָס זענען צוויי ברידער אין גלייכע יאָרן, וואָס פירן דעם מסחר, טוען אין געשעפט, און זי, לאה איז זייער ביידנס מוטער.

אַקוראַט אַזוי האָט עס אויסגעזען.

דאָס עלפטע קאַפּיטל

שבת נאָכמיטאָג איז די מומע ריווע געווען אויף באַזוך ביי דער געוועזענער שוועגערין לאה. ריווע איז אַהינגעגאַנגען מיטן צוועק צו טרעפן דאָרט מלכן, וועמען זי האָט אָנגעמאָסטן אַלס חתן פאַר איר עלטערער טאָכטער קיילע. מלך אָבער איז איז דער היים

נישט געווען. איז ריווע גלאַט גענזעסן און פאַרזוימט פון כיבוד, גע־אַרבעט מיטן צינגל, באַרעדט אייגענע און פרעמדע, לעבעדיקע און געשטאָרבענע, און בשעתן באַטשיקענען האָבן אירע געניטע שפּילקע־דיקע אייגעלעך און שפּיציק רויט נעזל דערווייל אויסגעשפּירט און אויסגעשוואָנכעט, אַז עפּעס איז לאַהס געמיט נישט איבריק אויפ־גערוימט, כאָטש זי באַמיט זיך דאָס צו פאַרבאָרגן, און עס גיט זיך איר אויך איין.

און ריוועס קאָפּ האָט שוין געאַרבעט און געבראָכן זיך, צו דערשמעקן, וואָס עס קאָן זיין די סיבה פון לאַהס שווער געמיט.

אַרויסגייענדיק פון דאָרט, האָט זיך ריווע פאַר דער טיר גע־טראָפן מיט שרה די פישערקע. שרה וווינט דאָס לעצטע יאָר אין לאַהס הויז, טיר ביי טיר מיט איר. שרהן רופט מען אין שטאָט אַ צונאָמען „גנב". מ'זאָגט גאָר נישט אַנדערש, ווי: שרה גנב.

זי, שרה, האָט אויך אַ נישט־קשהדיק „מויל־געווערק", ווייסט אויך וואָס ביי יעדן אונטערן שטערצל טוט זיך, וואָס אין טעפּ קאָכט זיך. ריווע האָט געמיינט פון שרהן צו דערגיין עפּעס פון לאַהס שטוב. שרה איז אָבער אויך גאָר קיין נאַר נישט. לא די וואָס זי האָט נישט דערציילט, האָט זי גאָר געמיינט עפּעס צו כאַפּן פון ריוועז, כדי דאָס אין גוטן־מוט אָפּצוטראָגן לאַהן און זיך אַזויערנאָך איינצוקויפן אין לאַסקע ביי דער באַלעבאָסטע.

כאַפּן האָבן זיך אָבער ביידע נישט געלאָזט, ביידע האָבן זיי פאַרשטאַנען זייער לעכצעניש אויף צו באַהאַלטן — גערעדט האָבן זיי גאָר פון יאַרמאַרק, צי ס'איז איצט עפּעס גוטע מערק. וואָרום ביידע פאָרן זיי אויף מערק. ריווע מיט קאָפּ־טיכלעך און בענדער, און שרה מיט פאַרטיקע יאַקעס פאַר פויערטעס.

— יאַר־מערק מ'שטיינס געזאָגט — באַקלאָגט זיך שרה, און אירע גראָע אויגן עסן זיך איין אין ריוועס פּנים, אַ שטייגער, ווי זי וויל פון דאָרט אַרויסלייענען, וואָס ריווע האָט גערעדט אויפן באַזונדער דריגען — ווער פון יידישן גאָט טרעט אָפּ, זאָל אַזעלכע פאַרדינסטן האָבן...

— ש־השי קריין — באַקלאָגט זיך היים ריווע און שטעכט

איר דאָס פּנים מיט אירע שפּילקע־אויגעלעך — איך זאָג דיר, שרה, די וועלט איז זינדיק, אַנדערש איז דאָס גאָר נישט צו פאַר־שטיין: ווען נאָר ס׳לאָזט זיך אָן אויף אַ שטיקל טאָרג — ווערט באַלד אַ שלעכט וועטער, און דער טאָרג צעלויפט זיך.

— און דיין בינע פּראַדל, וואָס מאַכט עפּעס? — גיט ריווע גלאַט אַזוי אַ פרעג.

שרהס טאָכטער בינע פּראַדל איז אַ שיינע פולע מויד. מען רעדט, אַז זי האָט צו טון מיט ייִנגען, און ריווע האָט מורא, יענע זאָל נישט אַמאָל ווערן איר טאָכטערס קאָנקורענטקע ביי מלכן...

— מיין בינע פּראַדל זאָל מיר לעבן? — פרעגט שרה נישט געאיילט איבער, און קוקט דערווייל ריווען אויספאָרשנדיק אין די אויגן, פאַר וואָס זי פרעגט זי דאָס אין מיטן דרינען — אַלדאָס גוטס, געלויבט דער אייבערשטער, וואָס זאָל זי דען מאַכן? מ׳רעדט איר אַ שידוך. כ׳זאָג דיר, אַ טייערער בחור, אַ באַשמעקטער, ווי אַן אתרוג, און אַ פאַרדינער, פּיש־פּאַש... און אַז די וועלט וועט זיך נאָר אָן עפּן גענבן, פאָרן זיי אַראָפּ קיין אַמעריקע.

— טאַקע! — גיט ריווע אַ פּאַטש מיט די הענט. ס׳ווערט איר שוין לייכטער אויפן האַרץ, און אַ פרייד נעמט זי אָן — קומט דאָך דיר אַ מזל־טוב!.. אָבער שרה, געדענק כאָטש ריווען צו בעטן אויף אַ לעקעך און בראָנפן

איצט איז שרהס ריי צו רעדן, און זי הייבט טאַקע אָן:

אָבער מענטשן האַרצעדיקע, זי דאַרף עס ערשט צו דער־מאָנען! לאָז גאָר דער אין הימל צושיקן די ריכטיקע מינוט.. — ריווע אָבער מאַכט זיך גיך אַרויס פון איר, ווייל זי דערזעט אָנ־קומען מלכן פון מאַרק אַהער אין דער גאַס.

— גוט שבת, מלך, — גייט ריווע אים אַקעגן און שטעלט זיך אָפּ און לעקט אים דאָס פּנים מיט איר האָניק־זיס מינעלע — שיין אַזוי, הע, מלך, צו דער מימע ריווע קומסט דו שוין גאָר נישט. אַלע וואָך זאָגסטו צו — און גאָר נישט.

— כ׳האָב נישט געקענט יענע וואָך קומען — פאַרענטפערט זיך מלך — כ׳בין מיד געווען.

— און איצט פון וואנעט גייסטו? — קוקט אים ריווע פאר־שנדיק אין פנים.

— פון בית־מדרש גיי איך. כ'האב היינט יאר־צייט...

— נאכן טאטן לשלום — כאפט ריווע אונטער. זי שאקלט באדויערנדיק מיטן באהוטלטן שבת־קאפ און האט שוין פייכטע אויגן — אוי, פאלעס, פאלעס, גאלדענער איידעלער מענטש... הע, מלכל, גאט איז א שיינער צום נאר מאכער...

מלך שווייגט אנגעבלאזן. שטענדיק אז מ'רעדט מיט אים פונם פארשטארבענעם פאטער, פילט ער זיך עפעס ווי שעמעוודיק און אין פארלעגנהייט.

— און איצט ווו גייסטו, מלך — גייט ריוועס טאן שוין געשעפטליעך — אהיים עסן?

מלך שטימט צו מיט א קאפ־שאקל.

— נו, האסטו דיך שוין נישט צו איילן, קום אביסל, קום אביסל מיט חער מומע, דארפסט זיך נישט מיט איר צו שעמען. זי וועט דיר געבן עפעס אין מויל צו נעמען און אביסל שמועסן: נישט פון אירע געשעפטן וועט זי דיר א קאפ אנהאקן. אסור! נו, קום, מלכל, ס'איז מיר אומהיימלעך אליין צו גיין.

אט אזוי פירט ריווע מיט זיך מיט מלכן, וואס תחילת, די ערשטע פאר טריט, גייט ער אביסל הינטער איר, ווי נישט מיט קיין גאר גרויסן חשק.

ביי ריווען די שטוב איז שבתדיק אויפגערוימט, אויפן טיש ליגט אויסגעשפרייט א רויטלעך וואלן טישטעך אויסגעמאלט מיט גרויסע געלע בייגל און בלומען און מיט טראלזן. פונם זעלבן שטאף און קאליר זענען אויך די קאלדרעס פון די צוויי בעטן. אויפן טיש געפינט זיך נאך אחוץ דעם — אין מיטן טיש — א ווייס גע־האפטן טישטעכל אין דער פארם פון א מגן־דוד און דערויף א גרינלעך גלעזערנער קלאש.

— גוט־שבת — זאגט מלך, אריינגייענדיק הינטער ריווען.

— גוט־שבת, גוט־יאר — ענטפערט ריווע מעשה באלעבאסטע.

— טעכטערלעך מיינע, ווו זענט עץ, קינדערלעך? — זעץ

דיך, מלך, ביים טיש, אט דאָ — ווייזט זי אים אָן אַ שטול.

מלך זעצט זיך. ריווע פאַרעט זיך מיטן אויסטון די וויזיט־מלבושים.

פון הינטערן ברעטער־ווענטל קומט אַריין נעכע, די ייִנגערע, אין אַ העל בלוזקעלע און אַרויפגעקעמטע האָר.

— גוט־שבת — גיט זי אַ שאָקל צו מלכהן, האַלט זיך איין פון אַ שנעפּ טון מיט דער נאָז און זעצט זיך אויך שטייף מעשה גאַסט.

ריווע, שוין אַ היימיש איבערגעטוענע, אין אַ גאַנץ גרינעם קלייד פאַרנט צו פאַרקנעפּלען אויף גרויסע שוואַרצע קנעפּ — פרעגט נעכען:

— ווו איז קיילע?

— דרינען — ווייזט די מויד מיטן קאָפּ, און זי האַלט זיך עפּעס איין פון לאַכן. בלויז די ליפּן פאַרקרומען זיך איר אַביסל.

און אַז עס גערויערט אַביסל, איז ריווע מפסיק פון שמועסן מיט מלכן און פרעגט אומגעדולדיק:

— וואָס טוט זי דרינען אַזוי לאַנג?

זי גיט אַ ווונק, נעכע זאָל דערווייל שמועסן מיטן גאַסט און אַליין שלייכט זי זיך אַריין הינטערן ווענטל.

דרינען טרעפט זי די מויד זיצן אויף אַ בענקל אין מיטן איבערטון זיך און ווישט זיך די פאַרוויינטע אויגן, ווייל די שוועסטער, איידער זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי אויף אַ געלעכטערל אָפּגעגאָסן מיט אַביסל קאַלט וואַסער.

ריווע פאַרמאַכט פאָרזיכטיק הינטער זיך די טיר און ווענדט זיך צו דער טאָכטער, וואָס דערזעענדיק די מוטער, האָט זי אויפגעהערט צוווישן די אויגן און גענומען זיך צוזאַמענשנורעווען דאָס מטענדל:

— אוי, שלאָכעמירל — שעפּטשעט זי גיפטיק און באַדווערנדיק — ווערסט דאָך גאַרנישט פאַרטיק. טאַטע זיסער! ווי אַזוי וועל איך דאָס שטיק קליאַזדרע אַמאָל אַרויסקריגן פון מיין שטוב? — אויף דער גיך, איינס־צוויי, זוכט זי איר אויס די

בלוזקע. די בלוזקע איז טונקל, הענגט זי זי אוועק און זוכט אויס אן אנדערע. די איצטיקע בלוזקע איז פון אן אויסטערליש רויטן קאליר, מיט א שווארץ אטלאסן קראגנדל און אויך אזא שלייף אונטערן האלז — בשעתן זוכן דאס מיט אן אומגעדולדיקער בהלהדיקער מינע, ווי מורא האבנדיק עפעס צו פארשפעטיקן, אדער שוין האבן פארשפעטיקט — שרייט זי איינצייטיק אריין פרייליך.

— באלד־באלד, קינדערלעך, כ'דארף דא אביסל צוהעלפן מיין כלה־טאכטער. אט שוין קום איך..

שפעטער אביסל, ווען מלך עסט פון א גלעזערן טעלערל געדיכט איינגעקאכטע פלוימען — ריווע רעדט אין אים אריין וועגן היינטיקע געשעפטן וועגן די דייטשע זשאנדארן, די גזלנים, וועגן זיין פארשווארצט ווערן א גאנצע וואך, ארומפארנדיק איבער די דערפער, און נעבעך פרעגט זיך מיידלדיק נאך, ווען די היגע אמאטארן קלערן ווידער צו שפילן דאס פיינע שפיל „דאווידס־פידעלע" — קומט אריין קיילע. זי זאגט אונטער דער נאז „גוט־שבת". די מוטער ענטפערט הויך „גוט־שבת, גוט־יאר" — טאמער האט מלך נישט געהערט, זאל ער וויסן, אז זי האט יא געזאגט — קיילע בלייבט שטיין פארשעמט אין מיטן שטוב, ווייסט נישט וואו די הענט אהין צו טון, און ערשט ווען די מוטער ווייזט איר אן אן ארט לעבן זיך, גייט זי צו און זעצט זיך.

מלך, נאכן אויפעסן די פלוימען זיצט, רעדט מיט ריוועז וועגן היימישע און שטאט־ענינים, און די אויגן זיינע — רונדיקע ווי דער מוטערס אויגן — בלאנדזשען דערוויל איבער די מיידלעך... ריין־אנגעטועגע, אפגעוואשענע, מיט פארגלעטע האר, געפעלן אים ביידע. ס'איז אזוי: אין נעבעך געפעלט אים די דירעוודיקייט און לעבעדיקייט, איז זי אבער אזא דריבנע און מאגערע; קיילע ווידער האט א בולטן בוזעם, דאס נעמט אים. איז אבער קיילע א ווייניק דירעוודיקע. טראכט ער זיך דער יינג, אז גוט וואלט געווען, ווען די ביידע וואלטן געווען איינע: קיילעס ווקס און נעבעס לעבעדיקייט. דאך איז ער נוטה אנצואנער־

קענען קיילען איבער נעכען, ווייל ער איז געוווינט צו זען די שיקסעס אין דארף אויך מיט אזעלכע ארויסגעהויבענע בוזעמס.

אז דער שמועס נעמט זיך אוים, וואקסט מיט אמאל אוים אויפן טיש א ביכל, און די מוטער רופט זיך אן:

— מיידלעך, לעזט אונז עפעס פאר.

נעכע האלט שוין ס'ביכל אין דער האנט, ווייל אנהויבן צו לייענען, נאר די מוטער נעמט איר דאס ביכל פון דער האנט:

— וואס ווילסטו נאז־שנופערן? קיילע וועט שוין לייענען.

נעכע באליידיקט זיך, ווערט רויט. זי מיינט אפנים, אז די מוטער האט נישט פארזיכטיק ארויסגערעדט איר צונאמען. די מוטער אבער האט עס געטון דוקא אויף צופליים, אום אפצוציען מלכס אויפמערקזאמקייט פון איר צו קיילען. זי, די מוטער, ווייסט, אז נעכע איז מער לייט, ווי קיילע. זי האט אבער א פלאן, אז אזוי ווי מלך איז א פראסטער קל־וחומר און לאזט זיך איי־בערדיבערן, וועט זי ביי אים אויסברענגען דאס באוול — קייי־לען. מיט נעכען האט זי ווייניקער זארג. נעכע וועט איר נישט זויער ווערן, און נעכע איז יינגער.

— וואס איז דאס פאר א ביכל? — פרעגט מלך, א ווייך־געבנדיק מיטן קאפ אהין — עפעס א ווארע מעשה, אדער א געשיכטע פון די געשיכטעס דארט?..

נעכע זיצט נאך באליידיקט, קיילע, מיט אן אפן מויל, קוקט אן די מוטער, זי זאל איר ארויסהעלפן מיט אן ענטפער. ריווע — רופט זיך אן היימיש:

— נאריש געמיט, וואס רעדסטו. ס'איז דאך א פוילישע ביכל, אויסגעדרוקט מיט אבעצאדלע.

— הייסט עס אזא באבסקע בייקע — ווייזט מלך ארויס לומדות.

— „פאוויעשטש" שטייט גאר דא — זאגט די מויד און קוקט אנגעשטרענגט אין געעפנטן ביכל אריין.

— אהא! נו, לאמיר עפעס הערן פון דארט — מאכט ער

מיט אַ פֿאַרמרוקעוועטן שמייכל, ווי צו אַ קינד עס וואָל זיך אַביסל נאַריש מאַכן

די מויד גיט זיך אַ נעם, הייבט אָן צו לייענען. אין אָנהייב קוועלט די מוטער, שמעלצט זיך, ווי אַ גריוו אין טאָפּ. באַלד ווערט דאָס לייענען אַלע צוגעגעסן. ס'ווערט אַ געגענעץ ווי אויף באַשטעלונג, לויט דער ריי נאָך... אַחוץ דער לייענערין אַליין, וואָס געגעצט נישט. זי איז רויק און דערשוויצט. עטלעכע טראָ־פּעלעך שווייס האָבן זיך איר צעלייגט אויף דער אויבערשטער ליפּ, סאַמעט־אונטער דער נאָז, און עס זעט אויס, ווי זי וואָלט דאָרט געהאַט בלעזלעך אַזעלכע דריבנע.

גיך נעמט דאָס לייענען אַן עק. אַלע פֿילן זיך, ווי אויפֿגע־בונדן. ריווע שיט אויס אויפֿן טיש אַ האַנט באַניעקערן. מ'נעמט קנאַקן און רעדן אין דער קופּע אַריין. אַלע פֿילן זיך היימיש, מישפּחהדיק

מלך זיצט דאָ שוין ביז פֿאַרנאַכט, וואָס אַלע עסן, עסט ער אויך. ער שמועסט מיט די מיידעלעך און מיט דער מוטער. ס'איז צו דערקענען, אַז קיילע נעמט ביי אים אויס מער, ווי די שוועס־טער. אַלע ווײַלע כאַפּט ער אַ בליק אויף איר אַרויסגעהויבענעם בוזעם פֿון דער רויטער בלוזקע.

שוין גאָר אין דער טונקל־שעה געזעגנט ער זיך, זאָגט אַ „גוטע וואָך”. אויף דער מוטערס פֿאַרלאַנג זאָגט ער צו ווידער צו קומען.

— קיילע — ווענדט זיך צו איר די מוטער און דערלאַנגט איר דעם לייכטן שאַל — גיי באַגלייט אַביסל מלכן, אַ געשוועס־טער־קינד מעג מען.

צו מלכן אַהיים איז נענטער הינטנאַרום, דורך די „בלאָנ־קעס”. זיי גייען איינער לעבן אַנדערן. דער אָוונט פֿאַלט שוין צו. פֿון די טאָרף־לאָנקעס הייבט זיך אַ פּאַרע, געדיכט ווי אַ נעפּל. די פֿעלדער שטייען ליידיק און לער, שוין אָן זאַנגען, בלויז די טשערעט־רערן ביי דעם טאָרף־זומפּ שטייען הויכע, שלאַנקע און

בלאַנדזשעבע, זיי וויגן זיך ווי זאַנגען, וויגן זיך אַהין און צוריק און רויש,

מלך גייענדיק האַרט לעבן דעם מיידל, שלאָגט אים צו דער נאָז אַ ריחל, אַן אָנגענעמער מיידל־ריח. דערפון ווערט ער אומרויק, ס'האַרץ נעמט אים קלאַפּן, די נאָז סאָפּעט. ער קעמפט אַ ווייל מיט זיך, ער דריקט זיך שוויַיגנדיק אַלץ פעסטער צום מיידל, נעמט זי אָן ביי דער האַנט. זי שטערט עס אים נישט, ווי זי וואָלט גאָר נישט געוווּסט. פונקט ווי ער וואָלט איר דאָס געטון בעת זי שלאָפט. גיך אָבער, ווי פון אַ ראַפּטום געפּאַסטן באַשלוס, וואַרפט ער אַוועק די אַלע הינטערגענגלעך, האַסטיק און האַמעטנע־צעטומלט כאַפּט ער אַרום אומגעלומפּערט דאָס מיידל, אַז זי גיט אַ קוק דערשראָקן, און איידער וואָס־ווען גיט ער איר בלינד־צו אַ קוש אויף דער באַק עפּעס אין דער זייט, צווישן נאָז און מויל.

זי פּראָטעסטירט:

— אַזוי זאָלסטו נישט, מ'טאָר נישט, דאָס מעג מען ערשט נאָך דער חופּה. — דער טאָן אירער איז אָבער ניט קיין בייזער, אינגאַנצן נישט קיין שטרענגער. פאַרקערט, כמעט אַ ווייכער און צוציִענדיקער. זי ווישט זיך אָפּ די פייכטקייט, וואָס זיינע ליפּן האָבן איבערגעלאָזט.

— זאָלסט דאָס נישט דערציילן דער מאַמען — זאָגט ער, נישט קוקנדיק צו איר פון פאַרשעמטקייט.

— ניין, מלך, כ'על נישט דערציילן, אסור זאָל מיר זיין! איצט ווערט זי רעדעוודיקער:

— ווייסט, כ'האָב דיך דורך דער וואָך געזען. פאַרנאַכט ביסטו געקומען צופאָרן, אויף אַ וואָגן ביסטו געזעסן, אין אַ ווייסן כאַלאַט...

— פון דאָרף בין איך געקומען מיט סחורה.

— הערשל איז אויך געזעסן — זאָגט זי, און גלעט זיך גלייך

די האָר פוןביידע זייטן קאָפּ, אָנשפּייענדיק זיך פריער אויף די הענט־פלאַכן

— יאָ, ער פּאָרט די צייטן מיט הערשלען.

— נו, איז עפּעס גוט אין דאָרף? — וויל זי וויסן און שמייכלט עפּעס.

— ווי אין דאָרף — ער גיט זיך אַ קרעק, ווי ער וואָלט עפּעס געהאַט אין האַלז, און גיט צו מיט אַ ווילערישער מינע, וואָס זי קליידט אים גאָר נישט.

— שיקסעס איז דאָ גענוג אין דאָרף, שיקסעס — דאָס מין פעלט דאָרט נישט.

זי ווייסט נישט דערויף וואָס צו ענטפערן. זי גייט מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן. ער באַטראַכט זי פון דער זייט און רופט זיך אָן:

— ווי מיינסטו, קאָן מען דיך זען אַ שטייגער דאָ אויף דער לאַנקע אַמאָל?

זי האָט שוין געוואָלט זאָגן „כ'וועל פרעגן די מאַמע". אָבער זי האָט נאָך באַוויזן דאָס מויל צו פאַרהאַלטן און געענטפערט אויף זיין אָנבאָט:

— ווי ווילסטו מיך דען זען, דו ביסט דאָך אַ גאַנצע וואָך אין וועג.

— נו, אַ שטייגער ווען כ'בין יאָ הי. איך וועל פאַרבייגיין פאַרן פענסטער, וועסטו אַרויסקומען

— נו גוט, אַזוי קאָן מען — האָט זי איינגעשטימט, און ווי־דער האָט זי שוין גרייט געהאַט אַ פּאָר ווערטער. „קאָנסט אַריינ־קומען, אויך די מאַמע וועט מיר נישט שטערן"... אָבער אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, האָט זי אַנדערש אַרויסגערעדט. פּונקט ווי דאָס מויל אירס וואָלט זי נישט געוואָלט האָרכן און גערעדט אויף אייגענער אחריות. זי האָט איבערגעחזרט:

— וועסט פאַרנאַכט פאַרבייגיין, וועל איך שוין וויסן און אַרויסקומען, גוט. מלך?

דערמיט האָבן זיי זיך געוואָלט צעשיידן, ווייל זיי זענען

געווען צוגעקומען צום הינטערשטן פלויט פון מלכם הויף. ער אבער, מלך, ווען ער איז שוין געשטאנען אויפן פלויט, נאר ארי־בערצושפרינגען צו זיך אין הויף אריין, איז ער מיט אמאל אראפ־געשפרונגען און גענומען צוריק אפפירן דאס מיידל דעם גאנצן וועג צו איר געסל.

— קום — האט ער זי אנגענומען ביי דער האנט — פאר א פרויענצימער איז נישט גוט אין דער פינסטער דא אליין צו זיין. —

אין דער היים נעמט ריווע די טאכטער אויפן צימבל, זי פארשט אזוי לאנג ביז זי ציט פון דער טאכטער אלץ ארויס.

— האסט דאס נישט געדארפט צולאזן — מוסרט זי זי וועגן קוש — מ'טאר א יינג אזוי ווייט נישט נאכגעבן, און ס'פאסט נישט פאר דיר... ווי און ווינד, כ'בין א וויסטע אלמנה אן ארע־מע, אז ענקער טאטע וואלט געלעבט, וואלט אלץ אנדערש געווען...

און זי טוט א פרעפל אין דער שטיל פאטער פון יתומים, טא־טע זיסער...

דאס צוועלפטע קאפיטל

דער פארמעגלעכער שניט־קרעמער שמחה ציטרין איז אריינ־געקומען צו לאה קארנבערג וועגן אן ענין.

ס'האנדלט זיך אט אין וואס:

דער זשאנדאר שטרייכער האט מיר־נישט דיר־נישט פארנו־מען מער ווי א העלפט סחורה פון ציטרינס געשעפט. פאר וואס ער האט דאס געטון? ווער ווייסט אים, דעם כל־יכול! ער האט געזאגט זיין שפרוך, וואס גילט ווי א שם־המפורש להבדיל — „אין בעשלאג גענאממען”, באפוילן פארפארן א פור, געלאזט ארויס־פאקן די סחורה, און פארטיק! זי געפינט זיך שוין אין דער ארטס־וואך.

— נו, על־כן? — פרעגט הערשל, און ער און לאה קוקן

דעם סוחר אָן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „איז וואָס קאָנען מיר דערצו טון?"

דער סוחר שווייגט אַ וויַל, קוקט זיי צוריק אָן, פּויקט באַר־טראַכט מיטן פינגער אין טיש, און רופט זיך ענדלעך אָן:

— כ'האָב געמיינט, פרוי קאַרנבערג, אייער מאַן קומט מיט אים אַמאָל אין באַרירונג, און אייער מסחר האָט איר דאָך צו טון מיט דער אָרטס־וואַך... —

און שוין דירעקט צו הערשלען, וועלכן מ'האָט דערצו עקסטרע אַרייַנגערופן פון שפּייַכלער, ווו מ'פּאַקט איצט אייער.

— אפשר וואָלט איר אַ פּרווו געטון מיט אים רעדן, כ'וויים...

— פאַרוואָס דען ניש — שטימט לאה צו.

זי ציילט פּונקט איבער אָוועקצולייגן די גוטע לעפל־מעסער, וואָס די דינסט האָט איר אַרייַנגעבראַכט פון אָפּוואַשן נאָכן מיטאָג. אַז זי האָט שוין געגוי אָפּגעציילט און שליסט איין אין קרע־דענץ, רעדט זי שוין דייטלעך און וואַרים, ווייל זי וויל דעם דאָזיקן מענטש, ציטרין, אַ טובה טון: —

— פאַרוואָס ניט, פּרווון קאָן מען.

און הערשל פון זיין זייט באַשטייט שוין אויך:

— מילא.

דער סוחר ווערט שוין הייטערער. ער נעמט זיך צו דער געלט טאַש, נאָר לאה האַלט אים צוריק:

— וואָס איילט איר זיך שוין מיט געלט.

— ניין — פאַרענטפערט זיך דער סוחר און שלעפּט אַרויס געלט־פּאַפּירלעך — דאָס מיין איך נאָר דערווייל אויף אַ „משתה", ביי אַ כוסה וועט איר ביי אים ניכער פועלן.

די סומע אויף אַ „פּרעס" איז געווען נענוג, גאָר גענוג אויב צו מעסטן לויט דעם, האָט דעם סוחרס פאַרנומענע סחורה געמוזט אַנטרעפן נאָר היפש.

הערשל האָט נאָך דעם וועלכןטאָג אויפגעפּאַסט זיך צו טרעפן מיט שטרייכערן, און געוואָר געווארן, אַז דער קאָמענדאַנט, דער

פעלדפעבעל שמידט, ווייסט שוין אויך פון דער פארנומענער סחורה — האט ער זיי ביידע פארבעטן אויף א „לעבן" צו דער קריגערן אין שענק אין הינטער־שטיבל.

אין דעם „פרעס" האבן זיך באטייליקט נאך א דריי סאמער ראדן ציוויל אנגעטוענע, צוויי דייטשע פויערן־שקצים פון דער אומגעגנט — פון שמידס זייט, און דער סעקרעטאר פון דער גמי־נע שינדלער — אויך א דייטש, דער זון פון דעם באדינער אין דער דייטשער קירך אין שטעטל — פון שטרייכערס זייט.

ער, דער דאזיקער גמינע סעקרעטאר, מיט אן ארויפגעשארצ־טער ברייטער נאז אין מיטן צוגעפלאטשט — האט איצט נישט געוואלט רעדן אנדע. ש ווי דייטש. די פויערן פאליאקן, וואס האבן געדארפט עפעס אין דער גמינע, האבן זיך נישט געקאנט מיט אים צוזאמענרעדן און האבן אויך נישט פארשטאנען, וואס ער האט צו זיי גערעדט. זיי האבן אים דעריבער פיינט געהאט און געגראבן אונטער אים ביי די דייטשן, ער איז אבער געווען שטארק אנגעזען. ס'איז געווען א מעשה, איידער די רוסן האבן אפגעטראטן פון שטעטל, האבן זיי איבער עמיצנס א מסירה גע־שמיסן דעם דאזיקן שינדלער אין מיטן מארק, און די גאנצע שטאט האט געמוזט ארומשטיין און צוקוקן די עקזעקוציע — דאס איז אים, דעם ערשט קוים באוואנסלטן, בייגעשטאנען צו ווערן סעק־רעטאר אין דער גמינע, און קיינע שום אונטערגראבענישן האבן אים נישט געשאדט. פארקערט: די אונטערגראבערס זענען נאך באשטראפט געווארן — הערשל ווידער האט געזען א גוטן סימן יערין, וואס שינדלער האט זיך באטייליקט אין דעם „משתה". ער איז געווען איבערגעצייגט, אז זיין ענין פאר ציטרינען וועט גוט אדורכגיין.

משקה, פארשידענע משקאות, זענען געגאסן געווארן לרוב. שטרייכער האט אלץ געפאדערט נאך און נאך, און אלץ פון די גוטע, פון די בעסטע סארטן. צופארטאגס צו איז שוין דער עולם געווען טויט־שיכור. הערשלען האט זיך אויך שוין נישקשה דער

קאָפּ געדרייט, אָבער ער האָט זיך געצוווּנגען צו בלייבן ניכטער, אום דאָס נויטיקע אַדורכצוריידן מיט דעם וואַכמייסטער.

דערנאָך האָט דער גמינע סעקרעטאַר שינדלער עפּעס איינגערוימט שטרייכערן, און אויף זיין, דעם זשאַנדאַרם באַפעל, האָט מען פון בעט אַרויס אַהער געבראַנגט די איינציקע אָפּיציעלע פּראָסטיטוטקע אין שטעטל — די שיקסע אָלגע, און זי האָט געמוזט מוטער־נאַקעט טאַנצן פאַר די געסט.

דעמאָלט האָט הערשל שוין געהאַט אַרומגערעדט מיט שטרייכערן אַלץ וואָס שייך צום צוריקגעבן ציטרינען די פּאַרנומענע סחורה. דער גוטמוטיקער פעלדפעבעל שמידט איז מרוצה געוואָרן צום פּרייז, וואָס שטרייכער האָט באַשטימט — איצט האָט אָלגע א נאַקעטע געטאַנצט פאַר זיי. זי האָט געמאַכט מיט די זייטן, געבויגן זיך אַהין און אַהער. די מאָגערע געלע ברוסטן האָבן איר געבעבדיק אַראָפּגעהאָנגען, ווי האַלב ליידיקע טאָרבעלעך, די מאַט בלאָנדע האָר, ווי פּאַקעלעס — פון געעפנטן קוקס, צעלאָזט.

זי האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים אויסצונעמען. נאָך יעדן גלעזל און גלאָז וואָס זי האָט אין זיך אַריינגעגאָסן, האָט זי געמאַכט מיאוסערע גרימאַסעס מיט איר קערפּער. אזוי אַז הערשל און אויך איינער פון די צוויי שמידס געסט — א יינגער פויערן־שייגעץ מיט אַן אָפּן יינגליש פּנים — האָבן אַביסל די אויגן אַראָפּגעלאָזט, נישט געקאָנט דאָס צוזען. אָבער די דייטשן, שוין היפּשלעך שיכור — האָבן געקוואַלן, געפּאַטשט „בראַוואָ", גערופן אויף „בים", געגאַנערט „פּראַכטפאָל" און געהירזשעט ווי די פערד.

טאַנצט אזוי די שיקסע א נאַקעטע, שמייכלענדיק מיטן בלאַסן פאַרשלאָפענעם פּנים, פון וואַנען ס׳האָבן אַרויסגעקוקט בלאָע ווי זייף־וואַסער אויגן, און פון צווישן די דינע רויט־בלאָע ליפּן האָט אַרויסגעקוקט אַן אַביכול אָפן מויל, ווי א גרוב, און ציינדווענטלעך מיט דאָ און דאָרט פעלנדיקע ציין, ווי אַרויסגעבראָכענע שטאַכעטן פון א פּלויט, און די הענט אויף די היילע, מאָגערע

און שמאָלע באַקעס — מאַנצט ווי אַ האַלב־דולע. הערשל גיט אַלע ווײַלע אַ בויג אַוועק דעם קאָפּ, שינדלער באַמערקט דאָס ענגלעך. ער ווייזט דאָס אָן שטרייכערן. באַלד ווייסן עס שוין אַלע. זיי קוקן און לאַכן, שושקענען זיך שטיל פון אים. הערשל, פאַרשטייט זיך, ווייסט נישט דערפון. ער טוט דאָס אויך נישט פון צדיקות. פשוט: אַליין פון זיך לאָזן זיך זיינע אויגן אַראָפּ ביי יעדער מיאוסער גרימאַסע און בויג פון דער נאַקעטער. אפשר האָט דאָס עפּעס צו טון מיט זיין יידישער דערציונג ביים אַלטן וואָלף פעלצנער אין שטוב — אָבער מיטאַמאָל ראַפּטום — אויף שטרייכערס אַ ווונק גיט די נאַקעטע שיקסע אַ לויף צו האַרט צו הערשלען, מיט איין האַנט הויבט זי אַרויף זיין פּנים, און מיט דער צווייטער טוט זי מיט איין אַראָפּהענגענדיקער ברוסט איר אַ פּאַטש הערשלען אין פּנים, ווי מיט אַ פינגער. זי טוליעט זיך שוין צו אים מיט אָן אַ שיעור געמאַכטער צערטלעכקייט. ס'ווערט אַן אַלגעמיין געלעכטער. די שיקסע זעט, אַז איר טון נעמט אויס, שלעפּט זי הערשלען מיט זיך אין צווייטן חדר אַריין. זי העשעט און פּראַכט: — קאַוואַליר... ליבער... איינציקער... — רופט אים אָן מיט אַלע מינים נעמען אירע, ווי: שלייענדל, קאָטערל יינגער... הערשל, אַ צעטומלטער אַביסל, און ווייל אַלע לאַכן — לאָזט זיך נישט. מיט כוח שטופּט ער זי אָפּ פון זיך. ער איז שטאַרקער פון איר. נאָר שטרייכער גיט אַ זעץ מיט דער פויסט אין טיש און דערקלערט:

— זי מוססען! אויב הערשל וועט איצט נישט גיין מיט דעם פריילין, וועט דאָס ער, שטרייכער, באַטראַכטן פאַר זיך, ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג...

און שוין זענען אַרום הערשלען עטלעכע הענט. אַלע ציוויליע פון דער קאָמפּאַניע — און שוין טראָגט מען אים, מיט רעש ווערט געעפנט די טיר צום צווייטן חדר, — הערשל איז שוין דרינען, — די שיקסע — באַלד נאָך אים. אַזוי פאַרגייט אַ ווייל. אין דער פינסטער שלאָגט אָפּ אַ בלאַסער שאָטן פון איר נאַקעטן קערפּער.

דערפון נעמט אַ ציטערדיקע וואָרעמקייט פּלאַטערן אין איִם. אָבער
נאָך איידער הערשל באַזינט זיך רעכט וואָס און ווען, ווערט דרי־
נען ווידער אַ געדודער. שינדלער שרייט עפּעס, נאָך אים די אי־
בעריקע. באַלד שליסט מען אויף די טיר, שטרייכער באַווייזט זיך.
ער שרייט צו הערשלען:

— ארויס! ארויס! שנעל!...

און הויך רעדנדיק, מיט אַן אמטס־טאָן, ווי ביי זיך אין
אַרטס־וואַך, טוט ער צו וויסן:

— מיר דייטשן זענען דאָ אין פיינדעס לאַנד... מיר זענען
די הערן... — בלעקעט ער שוין מיט דער שיכורער צונג — אַל־
זאָ די הערן... פּאַסט נישט, אַז אַ דזשאָינטער זאָל זיין דער ערש־
טער, און מיר, די געביטער, ערשט נאָך אים... — און אָט איז
שוין הערשל ווידער צוריק אין דער ערשטער שטוב, — אהין. פון
וואַנעט ער איז ארויסגעגאַנגען, ווערט פאַרשוווּנדן דער זשאַנדאַר
שטרייכער. שינדלער שטייט ביי דער פאַרמאַכטער טיר מיט דער
האַנט אויף דער קליאַמקע, הערט זיך עפּעס צו צום שליסל־לאָך
מיט אַ צוגעבויגן אויער: אויף אַן עק פון טיש פלאַשן ליידיקע און
האַלב־ליידיקע און פון פאַרשידנקאָליריקע משקאות באַגאַסענעם
טיש, דרימלט אויף דער פּויזט דער פעלדפעבל, און די צוויי
דאָרף־שקצים קוקן אויפן זייגער, וואָס איינער פון זיי האָט ארויס־
גענומען פון וועסטל־טעשל. דער זייגער, מוז זיין, ווייזט שוין אויף
באַגינען, שאָקלען די שקצים מיט די פּלייצעס, אפנים אַז ס'איז
שוין פאַר זיי צייט אהיימצוגיין, און הערשל, שוין אַ פעליק ניכ־
טערער, דרייט זיך ארום און ווייסט נישט, צי ער קען שוין אהיים־
גיין, אָדער ער דאַרף נאָך דאָ זיין און נאָך רעדן וועגן יענעם
עגין.

...הערשל האָט פאַרן סוחר ציטרין אויסגעפּועלט. אין שטאָט
איז מען דאָס באַלד געוואויר געוואָרן. ס'האָבן אָנגעהויבן צו קו־
מען מיט ענינים נאָך און נאָך מענטשן, יעדן טאָג. הערשל האָט
צו די ענינים נישט צוגעלייגט פון דער אייגענער קעשענע. אדרבה!.

הערשל איז קעגן דעם ווייבס ווילן געוואָרן אַ באַצאָלטער שתדלן. די ווידער, וואָס ער האָט פאַר זיי נישט אויסגעפועלט, אָדער ווייניק אויסגעפועלט, זענען אים געוואָרן שונאים. און שונאים האָבן זיך אים געמערט און געמערט...

ער האָט זיך איינציקווייז צוגעוווינט און האָט שוין מיט שטרייכערן פאַרברענגט, ווי זיינס גלייכן.

הערשל האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן ס'בערדל מיט די וואָנסעס, זיך געראַזירט אויף גלאַט, געוואָרן שטרייכערס און שמידטס לייב־חבר און —

דאָס איז געוואָרן הערשלס נייע תאווה: שיכורן און קאָרטן־שפּילן, שיכורן און קאָרטן־שפּילן. און די שטאָט קאָכט. ס'גייט נישט אַוועק אַ טאָג, מ'זאָל זיך נישט סודלען וועגן הערשלס מעשים־רעים...

* * *

אין בית־מדרש נאָכן דאַווענען האָט זיך געראָדערט, ווי אויף אַן אסיפה...

דער אַלטער משה פון דער דורך די דייטשן אָפּגעשטעלטער דאַמף־מיל (ער האָט אַ צונאָמען: בלעם...) האָט אַלעמען די קעפּ געלעכערט, אויפוויינדיק באַשיינפּערלעך, אַז דאָס וואָס ער האָט נאָך אַלע באַמיאונגען נישט אויסגעפועלט אַ דערלויבעניש לאָז צו לאָזן די מיל, איז — איבער הערשלען, ווייל ער האָט הערשלען נישט געגעבן אַ שטעק אין יד אַריין; לייזער פלוי האָט זיך אויש געהוסט, אַז דאָס וואָס מ'האָט יענע וואָך רעווידירט ביי דער אָרטס־וואָך די פורן פון די מאַרק־פאָרערס, איז אויך הערשלס אַרבעט — מ'האָט אים געזען דאָרט דורכגיין די גאַס, אָקאָרשט אייידער די פורן זענען אָנגעקומען; יונה קירזשנער האָט צו הערשלס פּעקל חטאים נאָך צוגעלייגט דאָס, וואָס זיין שוועגערין ביילע מינדל האָט שוין לאַנג נישט באַקומען קיין בריוו פון געפאַנגענ־לאַגער פון איר מאַן לאַוט דער קאַמאַשנשטעפּער. זי קאָן זיך עפּעס גאָר נישט אַהין דערשרייבן...

— דאָס איז אויך דעם עוכרים אַרבעט — האָט יונה גע־

קווitשעט מיט זיין אויסטערלישן דין קול, און זיך בשעת־מעשה אין איינוועגס דורכגעבערשטלט מיט די פינגער דאָס הארטע גראָ־לעכע בערדל אויף די באַקן, אזש עס האָט זיך געטראָגן א שטויבל.

— פארשטייט עז מיך, רבותי — האָט יונה אויפגעקלערט — צווישן לאָהעם ערשטן מאַן און לאַזלען איז שוין אַן אַלטע שנאה, נאָך ווען לאַזל איז געווע׳ א בחור — צוליב פּראַצענט. נו, אַט־אַט־גוט. ס׳איז דאָך קלאָר...

און באַלד האָט זיך א שיט געגעבן פון אַלע מיילער פּרע־טענזיעס איבער פּרעטענזיעס: לויז־שייגען... רעקוויזיציעס... צו ניך אָנגעזאָגט א ווארטע אויף ביינאַכט... אין אַלעם און אין אַלעם — אין אַלע צרות און גזירות, וואָס די דייטשן טוען אָן, שטעקט ירושלים קאָפּ.

ווערן אַלע אויף א מינוטקעלע שטיל, שטערנס פאַרקנייטשן זיך, קעפּ צעשאָקלען זיך אין טיפן טראַכטן, מ׳זוכט א ראַט, מ׳קלערט... געפינט איינער אַן עצה: אָפּצומסרן ביים קרייז־שעף, שרייען אַנדערע: — „ניין, ניין, חס וחלילה! ס׳וועט ערגער זיין, די מסירה וועט צוריקקומען אין שטרייכערס האַנט... מיינט אַן אַנדערער — אָפּצומסרן בלויז הערשלען, ווערט ווידער, א געשריי: „ניין, בשום אופן נישט! מ׳ווייסט גאָר נישט צו זיין קאָפּ איז אין דעם אַלעם, א שייגעץ א הולטיי איז ער טאַקע, אָבער דאָס — ווער ווייסט?

נאָר דער הויכער מרדכי גיט פון זיך א וואָרף אַראָפּ דעם טלית, און ראַפּטום אַריין אין דער טיר קעגנאיבער, צום רב אין דער בית־דין שטוב. אַלע טירן בלייבן הינטער אים אָפן. ער טוט דרינען א געשריי, ווי די ווייבער ביים רייסן קברים:

— ואַלץ איר, רבי! איר האָט עס דעמאָלט מתיר געווען די חופּה־קידושין, עבירה גוררת עבירה...

און נאָך מרדכין — דער גאַנצער עולם, ווער נאָך אין טלית און ווער נאָך אין טלית און תפילין, מיט קולות, מיט טענות, מיט בייזן מאַכן מיט די הענט...

— וואָס פעלט דען דעם רבֿ?...

— מיר ווערן פאַרשוואַרצט און אויסגעריסן!...

— קוקטס נאָר אָן זייַנע הענטלעך און אויגן...

— דער רבֿ!...

— אַלץ דער רבֿ!...

דער רבֿ, אָנגעטון אין וואַרעמען טילוף (אים איז קאַלט אפילו זומער), זיצט פאַרטראַכט איבער אַ ספֿר, דאָס איז זייַן נאָכבים נאָכן מאָגערן אָנבייסן — פון דעם רעשריקן טיר־עפֿענען, פון די סך מענטשן און קולות, ווערט ער אַ פאַרצווייפלטער, העגט און פים ציטערן אים. פון ציטערניש פאַרלירט ער דאָס לשון. די רביצין — דאַר און געל, אויסגעצויגן, ווי אַ הערינג, און געל־בלאַס ווי אַ אָפּגעשטאַנענער פיש — באַווייזט זיך אין דער טיר, קנייפט זיך די באַקן און פרעפלט עפעס מיט די ווייסע ליפן, מוז זיין אַ תפילה צום רבונו של עולם, ער זאָל זיי באַשיצן... דערבליקנדיק די רביצן, קריגט דער רבֿ צוריק דאָס אָפּגענומענע לשון. ער צעשרייט זיך מיט אַ יאָמער, ווי דעמאָלט דעם ערשטן ערבֿ יום־כּפּור, נאָכן מלחמה אויסברוך, פאַרנאַכט ביי דער מוסר דרשה:

— אַ חטאת־הקהל בין איך זיי! אַ שעיר לעזאזל... אַן אָפּ־ליזער...

אַזוי טוט זיך אין בית־מדרש, אַזוי טוט זיך אין די שטובן, אַזוי טוט זיך אומעטום, ווו מ'האָט געהאַט אַן עולה פון זשאַנ־דאַר אָדער פעלדפעבעל, און הערשל האָט נישט געוואָלט, אָדער נישט געקאָנט העלפן.

און הערשל? — אָנגעטון אין אַ לעדערנער קורטקע, מיט אַ געפלאָכטענעם שפּיצרוט אין האַנט, שפּאַצירט ער זיך אַרום מיטן זשאַנדאַר שטרייכער, מיטן פעלדפעבעל שמידט, און מיט נאָך אַנדערע אַזעלכע ציוויל אָנגעטוענע און אין אוניפאָרמס; שפּאַצירט אַמאָל שיכור, אַמאָל ניכטער. ער האָט מיט אַמאָל פאַר־געסן צו רעדן יידיש. נאָר דייטש — אַנדעריש רעדט ער שוין

נאָר נישט „וואָס"? אזוי וועגדט ער זיך צו די אינטערעסאַנטן, וואָס קומען צו אים מיט אַ בקשה, מ'נעמט פאַר אים אראָפּ דאָס היטל, ווי פאַר אַ פּריץ און מ'שעלט אים אין דער שטיל... מ'האָט אים שוין געזען שפּאַצירן געאָרעמט מיט דער ייִנגער שענקערין — מיט דער קרייזגערין — נאָר וואָס סאַרע באַטרעף האָט די קרוזגערין — שרה די פישערקע פאַרטרויט מעשיות וועגן הערשלס פירונג אין דער היים, איז שוין טאַקע עק וועלט, אַז אַ שטאָט ייִדן לאָזט אַזעלכעס צו

אין דער שפּעטער נאַכט ליגט לאה אין בעט און קאָן נישט שלאָפן. אַ שעה נאָך אַ שעה פאַרגייט, דער זייגער שלאָגט אויס פערטל שעה נאָך פערטל שעה. לאה ליגט מיט אָפענע אויגן און שלאָפט נישט.

ס'איז שפּעט ביינאַכט. אַ ווינט לויפט איבערן דאַך, און פון זיין באַרירונג קרעכצן די דאַכוווקעס; אויף די פענסטער־שויבן פאַלן מיט אַ גערויש רעגן־טראָפּנס... לאה ליגט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, דער מינדסטער שאָרך דאָ אָדער אין דערנעבעדיקן חדר גייט נישט פאַרהוילן פאַר איר אויער. אַלץ הערט זי. אָבער זי אַליין — גיט פון זיך קיין שום קול נישט אַרויס, אפילו נישט קיין קרעכץ. זי ליגט מיט אָפענע אויגן און אויערן און — שווייגט.

וואָס טראַכט זי, דעמאָלט לאה? אַך, גאָט דו מייִנער! וואָס זי טראַכט — צום מייִנסטן טראַכט זי גאָר נישט. זי באַמיט זיך גאָר נישט צו טראַכטן. זי פאַרטרייבט זיך דאָס טראַכטן. פּונקט ווי אַ מענטש פאַרטרייבט פון זיך עפּעס, וואָס וויל אים שלעכטס טון. אָט, אַז אין מיטן ליגן אַזוי, גיט איר עפּעס אַ קום אין קאָפּ אַריין, עפּעס פון אַמאָל, פון איר לעבן פריער, אָדער פון איצט, למשל, אַז הערשל שלעפּט געלט פון אַלע שופלאָדן און אפילו ווערט־זאַכן; פון צירונג האָט זי אַ חשד, אַז עס ווערט ווייניקער — איז אַז זי דערשפּירט אַזאַ געדאַנקל זיך פאַרשפּרייטן אין איר קאָפּ, ווי דער שטייגער, צום ערשט אַ פּיצל, נאָך אַ פּיצל

און נאָך אַ ביסל, און מער, און נאָך מער, אַזש עס הייבט אויף אָן הייס צו ווערן — גיט זי זיך גיך אַ זעץ אויף אין בעט, שאָקלט האַסטיק מיטן קאָפּ. דרייט זיך און אַרבעט מעשים, ביז איר געלונגט דאָס מחשבהלע פון קאָפּ צו פאַרטרייבן. עס ווערט דאָרט צוריק פּוסט, ווי אין אַן אויסגעוויינטן ליידיק־קאַלטן חדר, דעמאָלט באַרויקט זי זיך צוריק און ליגט מיט אָפענע אויגן.

און ס'האָט טאַקע שוין געטראָפן, אַז ווען זי פאַרטרייבט נישט באַלד פון זיך די טראַכטונגען, נעמט עס אין איר אַזוי זידן און ווילן, נאָר זיך אַ כאַפּ צו געבן פון בעט, אויסהאַקן די שויבן און אַרויסלויפן אין גאַס מיט ווילדע געוואַלדן, אויסשרייען פאַר אַלע אויף איר גורל, און נאָך מער אויפן גורל פון אירע אומגליק־לעכע קינדער, די קאַליקעס.

אָך, די קינדער — איצט האָט זי זיי ליב, איצט איז זי זיי אַ מאַמע, איצט, ווען זי איז שוין נישט אין איר, נאָר אין עמיצנס מאַכט.

די קינדער — אַפילו וויינען אויף זייער גורל קאָן זי נישט. ביטאָג — שעמט זי זיך, און ביינאַכט האָט זי מורא דאָס צו טון, פאַר זיך אַליין האָט זי מורא, זי וויל נישט קלערן, פון נאָר נישט קלערן.

און הערשל — אוי, ווי זי האָט אים פיינט, פיינט מיט איר גאַנצן כוח, פיינט, פיינט... און — ליב, ליב!... ליב מיט איר יעדן אבר, מיט איר יעדן געביין. זי וואָלט אים געקאָנט דערהרגענען, פאַרסמען פון שנאה, און... זי וואָלט זיך אַליין גע־לאָזט הרגענען פון אים, פון זיין האַנט, פון זיין ליבער האַנט; אַפילו דער טויט וואָלט איר ליב געווען פון זיין האַנט.

ווי, ווי זי האָט אים ליב, אָט דעם ביי אַלע פאַרהאַסטן הערשל! איר מאַן, איר יינגער מאַן. דער וואָס האָט אין איר נאָך אַמאָל די יוגנט אויפגעוועקט, נאָכן פאַרציקסטן לעבנסיאָר — אָך, אַז זי טראַכט נאָר דערפון, גייען איר שוין די טרערן פון

די אויגן, זאָלן זיי רינען, זאָלן ווי פליסן די טרערן, נאָר שטיל, שטיל קאַפּען.

אַט איז איר איין טרערל אין מויל אַריינגע־ונען. ס'איז לעבלעך און געזאַלצן. אויך דאָס טרערל איז איר ליב, ווייל עס געהער הערשלען, ווייל דאָס טראַכטן פון אים האָט עס אין איר אַרויסגערופן.

נאָר אַט, אין מיטן וויינען און טראַכטן מיט ב־ענגענדיקער בענקשאַפט פון הערשלען, ציטערט זי אויף, ווי פון אַ טויטן־שטאָך פון האַס צו אים. דאָס דערמאָנט זי זיך, ווי אַנומלטן, מיט עטלעכע טעג צוריק, האָט הערשל אין שפּייכלער צוליב עפּעס געשלאָגן דעם שטומען וואָווע. וואָווע איז אַ בייזער. ווי אַ קאַליקע, האָט ער געפּרווט אים צוריקשלאָגן, האָט זיך הערשל ערשט רעכט צו אים אַ נעם געטון. אַ צעבלוטיקטער איז וואָווע געקומען צו לויפן, אָן אַ רעקל, מיט אַן אָראָפּגעריסענעם העמד־אַרבל. ער איז צו איר, דער מוטער, צעשלאָפן און געמאַכט מיט די הענט און געוויזן אויף שטום־לשון:

— באַב—כאַ, באַב—כאַ!... געקוקט אויף איר מיט אומגע־הויערער שנאה און געוויזן שרייענדיק:

— באַב—כאַ! גאַ—כאַ! — צו וואָס האָט זי אַט דעם הערשל צו זיך אין שטוב אַריינגעבראַכט. און געוויזן זיך אויפן האַלז: באַב—כאַ... אַז ער איז אַ מערדער, אַ שלעגער, דער דאָזיקער הערשל, און — אויסגעשפּיגן שפּייעכץ צוזאַמען מיט בלוט.

זי האָט דאָס אַלץ צוגעזען, געקוקט אויף איר צעבלוטיקט קינד און גאַרנישט געזאָגט, אפילו הערשלען נישט פאַרגעוואָרפן. נאָר איצט, דערמאָנענדיק זיך דאָס — פליסן איר פון דאָס ניי טרערן פון די אויגן, אָבער שוין פון גאָר אַן אַנדערן מקור, ווי די פריערדיקע.

אַך, לאה — קוקנדיק אין שפּיגל זעט זי, אַז די האָר ווערן איר פון טאָג צו טאָג מער גראָ, שיטערער און גראָער. זי באַ־דויערט דאָס שוין באַלד נישט. זי האָט מערס צו באַדויערן: די

שנאה און ליבע איינציימיטיק צעברעכן איר דאָס האַרץ. און אין דער גרעסטער שנאה איז געווען זיינס א וואָרט, איין איינציק וואָרט פון זיינע ליפּן, אז דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער האַס זאָל זיך אין איר צעפליען און זי אָל ווערן ווייך און נאָכגיביק.

די לעצטע צייט האָט ער גענומען רעדן מיט איר מכוח בטל מאַכן דעם קויף־אַקט פון הויז. זי האָט זיך אויך דאָס געלאָזט איבעררעדן. און ווען שמחה ציטרין וואָלט נאָר באַשטאַנען, וואָלט שוין דאָס הויז נישט געהערט צו אירע קינדער. זי איז עקסטרע דערוועגן אַהינגעגאַנגען. נאָר ער האָט נישט געוואָלט, ציטרין. ער האָט איר אפילו געגעבן אָנצוהערן, אז ער ווייסט, מיט וואָס ער ריזיקירט מיטן נישט וועלן נאָכקומען דעם ווילן פון איר מאַן, דעם כל־יכול ביים זשאַנדאַר, אָבער געוואָלט האָט ער נישט.

— איך ווייס, וואָס איך שטעל דערמיט אין קאָן, פונדעסט־וועגן, איך וויל נישט, פרוי פעלצנער, — האָט ער זי אָנגערופן על־פי טעות, צי מיט צופליים: פרוי פעלצנער — האָט ער אי־בערגעחזרט — איך וועל זיין אַן אכזר, אז איך וועל באַשטיין דערויף, און קיין אכזר קיין תלין פון קינדער קאַליקעס וויל איך נישט און וועל נישט זיין.

זי האָט דערנאָך קוים געפועלט ביי זיך צו זאָגן הערשלען א ליגן, אז ציטרין וויל יאָ, נאָר דאָס מוז גיין ערשט דורכן גע־ריכט...

פון דרויסן, הינטערן פענסטער־לאָדן, פון דער שפּעט נאַכ־טיקער פינסטערניש, דערגייט צו איר אויער א געטומל. עטלעכע מענטשן גייען און רעדן. זי האָרכט זיך צו פון איר געלעגער — מאַנסבילשע קולות. און דאַכט זיך איר צו דערקענען שטרייכערס ביער־קול, און טאַקע ווער דען וועט זיך אונטערשטעלן איצט אין גאַס צו גיין — אין דער פאַרבאָטענער צייט?

פאַר איר הויז, כמעט נעבן דעם פענסטער, שטעלן זיך די מדיט אָפּ. יענע גייען ווייטער, און פון דער הויז־טיר פאַרנעמט זי דאָס דרייען מיט א שליסל אין שלאָס.

גלייך דערויף הערט זיך פון חויז א יאָמערלעכעס וואָיען פון הונט. דאָס מוז הערשל האָבן אין דער פינצטער אָנגעטרעטן אויפן הונט, וואָס ליגט דאָרט.

„וואָרט נאָר, ווי קומט הערשל אין יענעם ווינקל, דעם הונט לייגט מען דאָך די שמאַטע צו ליגן נעבן דער קיך־טיר"...

זי האָרכט זיך ווייטער איין. ס'איז שטיל, קיין שום טריט הערן זיך מער נישט. „טאָ ווו איז ער אהינגעקומען"? — ווייעט איר אין קאָפּ, ווי א הייסערווינט. א מינוטקעלע זיצט זי אויפגעזעצט אין בעט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן און אויסגעגלאָצטע אויגן. א זיפץ רייסט זיך איר פון הארץ ארויס. זי פאַלט צוריק אויפן קישן. יאָ, אזוי איז עס. ער איז אריינגעגאנגען אין קיך, צו דער שיקסע...

און שוין קלאָר, באוווסטזיניק דערטראכט זי: „זי לאָזט מן הסתם באַלד די טיר נישט צוגעשלאָסן — אָפּגעשמועסט פון ביימאָג".

נאָך דעם ליגט לאה שוין די גאַנצע צייט, ווי אין א היניערפּלעט, מאַנכעס מאָל שטראָמט דורך א היץ דורך איר קערפּער, ביים הארץ זידט איר אויף. זי כאַפּט זיך צומאָל ווי ארויסצושפּרינגען פון בעט, אָבער זי בלייבט ווייטער ליגן. א שוויס שלאָגט איר ארויס איבערן קערפּער, פון אָנשטרענגונג רויק צו ליגן.

אָבער זי באהערשט זיך (די ערשטע פּאָר נעכט איז עס איר שווערער אָנגעקומען), בלייבט ליגן, ווי טויט, נאָר זי שלאָפט נישט. איר מוח, די געדאַנקען דאָרט, ארבעטן מיט א זעלטענער קלאָרקייט און וואָס אמאָל געלאסענער: „און אז ער טוט אנדערש־ווו וואָס עס ווילט זיך אים? און אז מיט דער קריגערן, ווי מ'רעדט אין שטאָט... נו, יאָ — שפּאַרט עמיץ להכעיסדיק אין איר קאָפּ — אנדערשווו איז עס דאָך אָבער נישט מיט דיר אונטער איין דאָך און נאָך מיט דיין אייגענער דינסט — מיט דער בלינדער קאָזשינסקעס שיקסע"...

שפּעט, שפּעט, שוין נישט ווייט פּאַרטאָגס, הערט זי הערשלען

זיך אַריינשלייכן אין שלאָפצימער. ער קומט אַריין מיט באָרוויסע פּיס.

נישט ווילנדיק טוט זי זיך אַ כאַפּ און אַ זעץ אויף. ער — אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די שעלקעס, מאַכט ער זיך אַ הלצהלע:

— שלאָפסט נאָך נישט? אין פינטשעוו טאָגט שוין באַלד.

— ס'טאָגט שוין הי אויך — רופט זי זיך אָן, און ס'טוט איר שוין באַנג: „כ'האָב דאָך געזאָלט גאָרנישט רעדן" — טראַכט זי מיט פאַרדרוס.

ער אָבער וויל איר דאָס נישט לאָזן באַקומען.

— נו — רעדט ער מיט אַ טאָן, ווי איינער וואָס איז גרייט אויף אַלעם, אפילו אויף אַרויסצורופן אַ סקאַנדאַל אין מיטן דער נאַכט — און אַז עס טאָגט שוין, איז וואָס?

— גאָר נישט — מאַכט זי שטיל און וויל זיך איבערדרייען מיטן פּנים צו דער וואַנט.

ער לאָזט אָבער נישט נאָך:

— וואָלסט מיך אפשר געדאַרפט איינשליסן אין אַ שופלאָד, וואָלסטו זיכער געווען...

— איך האָב דען עפּעס צו דיר — רעדט זי שוין ווי אַ קראַנקע. ער אָבער רעדט שוין אויפגערעגט.

— ניין, דו האָסט יאָ צו מיר. איך דערקען גאַנץ גוט, און מיך אַרט נאָר, פאַר וואָס דו באַרעכנסט נישט — דו ביסט דאָך קלוג — דעם חילוק צווישן דיינע און מיינע יאָרן. אין מיין עלטער קאָן מען נאָך נישט זיין קיין שטוב־זיצער.

אויף דערויף ענטפערט זי גאָר נישט. אַ שטים אין איר זאָגט: „ער איז דאָך גערעכט, וואָס וויל איך". אַ צווייטע אָבער רעדט פאַרביטערט: „ווי ער האָט זיך דאָס אויסגעלערנט רעדן די לעצטע צייט"... — און אַ זיפץ רייסט זיך פון איר אַרויס.

דער זיפץ אירער מוז הערשלען אויך האָבן אַריינגעטראָפן. ער כאַפּט זיך אין אַ רגע אַרויס פון זיין בעט און זאָגט הויך:

— אַז דו וועסט נישט אויפהערן מיך צו באַזיפצן, נעם איך

אַ קישן און גיי אַריין דרינען זיך לייגן אויף דער זאָפע. מוסר וויל איך נישט הערן און באַקלאָגן מיך דאַרפסטו נישט...

אַט אַזוי גייען איר די נעכט, כמעט נאַכט ביי נאַכט אויף אַזאַ אַרט. אין דער פרי מוז מען נאָך אויפשטיין אויך. „גאָט איינציקער! וויפיל מאָל, וויפיל מאָל ווינטשט זי זיך, בעט ביי גאָט: „באַשעפער, האָב רחמנות אויף מיר, איך בין דאָך דיינס א באַשעפעניש — מיין ליידנס־משא איז צו שווער צו דערטראָגן, כאָך אַזוי, גאָט אין הימל, איך זאָל אַזאַ שלאָף־איין געבן און מער שוין נישט אויפשטיין, באַפריי מיך פון מיין פיין".

אָבער איר תפילה, ווי הייס און ערנסט זי זאָל נישט זיין דער־אינדערפרי קומט. מען מוז זיך אָנטון, גיין איבער די שטובן, אַרויסגעבן באַפעלן דער דינסט און פירן די באַלעבאַטישקייט. זי זעט גוט, לאה, אוי זעט זי, ווי איר דינסט, אַט די סטאַשע, דער בעטלערקעס, דער קאָזשינסקיס טאָכטער האָט איצט אַזוי הויך די נאָז דערהויבן, קוקט אויף איר — דער מאַדאַם — מיט א שלעכט באַהאַלטענעם חוזק אין די אויגן... נעכטן, צי אייערנעכטן, לאה איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, איז די סטאַשע געשטאַנען דאָרט מיט נאָך אַ דינסט פון צווייטן הויף ביי ווישניעווסקען. זי האָט עפעס אין יענער אַריינגערעדט, מיט אַזוי פיל הייטערקייט אַריינגערעדט, און געוויזן איר ציינכנס ביי זיך אויפן האַלז... אַז זיי האָבן זי דערזען, זענען זיי די ערשטע מינוט שטיל געוואָרן, זיך אַ כאַפּ געטון. נאָר האַרט הינטער איר רוקן, האָט זי געפילט, שפּיזלען זיי זי אַדורך מיט חוזק־בליקן. די בליקן האָבן זי געבריט, אַזש זי האָט נישט אויסגעהאַלטן, צוריקגעדרייט דעם קאָפּ און דערכאַפּט זייערע לאַכעדיקע מיילער, ווי זיי קוקן איר נאָך מיט שפּאָט.

ביים עסן באַמערקט לאה ווידער אַן אַנדער מין שמייכעלע, וואָס באַווייזט זיך אויף דער סטאַשעס ליפּן, בעת זי שטעלט ביים אָנבייסן פאַר הערשלען די שאָל קאַווע און באַמיט זיך אָנצורירן זיין האַנט בלומרשט אומגערן...

דאָ ערשט — ווען איז דאָס געווען — הערשל איז אַרויסגעפאַנגען פון הויף צו דער גאַס צו, האָט לאה געזען דורכן פענסטער: הערשל איז געגאַנגען, איז אים די קאַזשינסקע נאָכגעלאָפן. זי האָט גערופן, ער זאָל זיך אָפּשטעלן, איז זי צוגעלאָפן און מיט אַ פאַמיליערקייט גענומען מיט איר האַנט אים אָפּמאַכן דעם אַרבל פון שטויב. הערשל, וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג מער שטאָלץ, איז געשטאַנען געדולדיק און זיך געלאָזט פון דער פאַרשלומפּערטער באַבע אָפּמאַכן דעם אַרבל. לאַנג האָט זי אָפּגעמאַכט, אַזש פון קיך־פענסטער האָט די סטאַשע אַ רוף געטון:

— מאַמע, גענוג! ער איז שוין ריין.

„יאָ, טראַכט לאה — איך בין שטאַרק, שטאַרקער ווי אַ מאַמע זעלבער. איך זע אַלץ, הער אַלץ און שאַ שטיל... פון וואַנעט, אַ שטייגער, האָב איך דאָס געקראָגן אַזאַ כוח? אַז איך וואָלט פריער געהאַט דעם כוח וואָלט איך דאָך אַ וועלט אויסגעפאָרן און מיינע קינדער וואָלטן אפשר נישט געווען קיין קאַליקעס.

נאָר אָט דאָ, אַ טראַכט טשעדריק פון די קינדער, ווערן איר די אויגן פול — גיט זי מיט כוח אַ פאַרטרייב די אַלע טראַכטונגען. עס געלונגט איר. זי נעמט צוריק אָן די רויקע ווירדיקע מינע פון אַן אָנגעזעענער רויקער באַלעבאָסטע, טוט אומעטום אַ קוק, רעדט אומעטום אַ וואָרט, און אַז עמעץ זאָל זי איצט אָנקוקן, קאָן ער מיינען:

—„אַזאַ ווירדיקע רואיקע ווירטין".

און טאָמער איז דאָס אַלץ ווייניק — האָט זיך פאַרלאָפן, אַז הערשל זאָל עפּעס האָבן ערגעץ אין הויז, צי אין הויף פאַרטשעפּעט שרה דער פישעריקעס טאָכטער. די פּול־לייביקע רויטבאַקיקע מויד — בינע פראַדל הייסט זי — איז, שמועסט מען גאָר נישט קיין צנועה און פון אַזעלכע זאַכן מאַט זי נישט קיין ווען. דאָ איז אָבער יאָ עפּעס געוואָרן — צי די מוטער האָט

עס געזען, צי עמעץ אנדערש און דאס אפגעזאגט דער מוטער — גענוג: שרה די פישערקע האט אויפגעשפילט הערשלען. הערשל ווידער איז שוין נישט געוווינט מען זאל אים אויפשפילן, און נאך אין גאס פאר אלע. ער האט איר אונטערגעשיקט דעם זשאנדאר שטרייכער — זי האנדלט צו מיט מעל — ס'קאן אויך מעגלעך זיין, אז נישט הערשל האט אים געשיקט, נאר דער זשאנדאר איז אליין געקומען. ער טרעפט אומעטום און שטענדיק אין דער ריכטיקער מינוט... נאכן זשאנדארס דא זיין, האט שרה די פישערקע ערשט אויפסניי א שפיל אויף געגעבן הערשלען. און אזוי האט זי נישט אויפגעהערט כסדר א פאר טאג אים נאכצולויפן אין גאס און אויסצושרייען אויף א קול אלע זיינע חטאים — אמתע, און נאך מער אויסגעטראכטע. זי האט געפילדערט, אז הערשל האט צו טון פון — דער שיינער שענקערקע, דער יינגער אלמנה קריגער, ביז — דער סטאשע, און אפילו... מיט מירען...

לאהן האט דערפון שוין געטון אזא פאק, אז זי האט זיך קראנק געלייגט אויף עטלעכע טעג אין בעט. הערשל איז דערמאלט געווארן אויף א פאר טאג אביסל אנדערש. נאר דער פישעריקע האט ער אויך נישט פארשוויגן. ער האט אויף איר אנגעגעבן אין געריכט און ארויסבאקומען אן עקסמיסיע — זי ארויסצוווארפן פון דער דירה. שרה האט געמאכט אן אפעלאציע. הערשל אבער איז זיכער, אז איצט וועט ער אויך געווינען. שרה שווייגט דערווייל אויך נישט. טיר ביי טיר לעבן זיי ווי אין קריגס־צושטאנד, און ביידע, אזוי הערשל ווי די פישערקע — שארפן זיך די ציין. —

דאס דרייצנטע קאפיטל

— הערשל, כ'האב דיך געטראפן מיט דער סטאשע, איא, הערשל?

לאה האט דאס געהערט ביי זיך אין שטוב. זי האט זיך באהאלטן הינטער דער גארדין און ארויסגעקוקט אין דער גאס. זי האט געזען: די מאנסליים, מיט וועלכע הערשל שטייט און שמועסט, רוקן זיך פון אים אפ, צערוקן זיך אין אלע זייטן. הערשל, א צעטומלטער אביסל פון דעם „ברוך הבא", האט זיך גערוקט הינטערווייליגעם — אנטרונען צו ווערן אין דערנעבנדיקן אפענעם געוועלב, ביי לייב העכט. ער האט דאס אבער געמאכט גענוג לאנגזאם — נישט ווי ער וואלט אנטלויפן — און די פישערקע שרה האט זיך פיס־טריט גערוקט נאך אים, צוזאמען מיט אים און — גערעדט צו דער גאס, צו אלע הייזער און פענסטער, מיט איר געלאסן להכעיס־קול:

— דריי ווייבער האט ער דאך... די אויסגעחלבטע שענקערקע, די קריגערין איז אים דאך אויך א ווייב.

ווען שרה האט דאס דערזאגט, איז שוין הערשל געווען אריין דארט אין אפענעם געוועלב. שרה האט דאס אבער פארט נאך געזאגט, און דערביי האט זי א קוק געגעבן צו לאהס פענסטער, ווי זי וואלט געזאגט: „נא, הער און וויים"...

הערשל — צייטנווייז דאכט זיך לאהן, אז הערשל איז אייגנטלעך גאר נישט קיין שלעכטער. ער איז יונג, לייכטזיניק און דער עיקר — ער האט א שוואכן כאראקטער.

דעמאלט, מיט עטלעכע חדשים צוריק, ווען זי, לאה, איז קראנק געווען, איז הערשל געזעסן ביי איר בעט, ווי א פארשולדיקטער; נעכט נישט געשלאפן, געזעסן און אפגעווארט איר אראפצוגעבן צו [illegible]ר מינוט דעם רעצעפט; צוגעזאגט, אז ער וועט שוין אנדערש ווערן. זי האט אים געגלייבט, און פונדעסטוועגן האט ער לאנג נישט אויסגעהאלטן און באלד ווייטער זיך גענומען חברן מיט שטרייכערן און שיכורן.

ער האט איר די ערשטע טעג נישט געקאנט קוקן אין די אויגן; ס'טרעפט: ער זיצט, זיצט, נאר פלוצלונג גיט עס אים א ריס פון ארט און ער גיט זיך א כאפ און לויפט... זי פילט, אז

און אים קעמפן צוויי הערשלס, איינער וויל זיין אזוי ווי ער דארף צו זיין, און דער צווייטער — שלעפט אים, רייסט אים, אבער גובר איז צומיינסטן דער צווייטער, און הערשל איז ווייטער ווי פריער.

ס'איז א בושה אויסצוזאגן. נאר א סך מאל איז לאהן אויף אים א רחמנות. זי האט אים — טראכט זי — נישט קיין טובה געטון מיטן פארבינדן זיך מיט אים. אפשר האט זי נאך דער־פון מער גענאסן, ווי ער. זי, ביי איר גאנץ ליידן — פילט זי נאך היינט א ווארעמקייט צו אים...

יא, זי האט אויף אים טיילמאל רחמנות. ס'איז אבער אויף איר אויך א רחמנות: איר פנים און אירע גרוי־ווערנדע האר דער־ציילן אויך עפעס, נאר צומיינסטן א רחמנות איז אויף אירע קינ־דער, אויף די לעבעדיקע פארווארלאזטע יתומים. „קינדער מיי־נע" — שעפטשען אירע ליפן, און דאס פנים ווערט אש־גרוי פון באנומענקייט, און די אויגן רויט.

...שרה דער פישערקע האט גאר נישט געהאלפן איר ארומ־מחלוקהנען און נאכשרייען הערשלען. זי האט סוף־כל־סוף געמוזט ארויס פון דער דירה, געוואלגערט זיך א פאר טאג אויף דער גאס, ביז זי האט ערגעץ געקראגן א דירה. נישט לאנג הערנאך האט מען אויך געטוישט אין שטעטל די ארטס־וואך און די קאָ־מענדאנטור. פרישע דייטש" זענען אהערגעקומען. אבער לאהן איז קנאפ וואס דערפון ארויסגעקומען. הערשל איז שוין גוט־ברודער אויך מיט די נייע. דער זיצטיקער זשאנדאר און דער פעלדפעבל האט אויך נישט פיינט דאס וואס די פריערדיקע האבן ליב גע־האט, און — ס'איז ווידער דאס אייגענע וואס פריער.

דער נייער זשאנדאר הייסט העלפריך. ער איז א בלאנדער און אביסל מאגערער פון דעם פריערדיקן. דערפאר איז ער הע־כער, טראגטברילן, און פון הינטער די בריל־גלעזלעך קוקן אפער א פאר שארפע גרויע אייז־קאלטע אומהיימלעכע אויגן.

— דו האסט אן אלטן ווייב — זאגט ער צו הערשלען ביים

מײנקען — איך האָב אָבער געהערט, אַז דײַן װײַב פאַרמאָגט אַ ײנג אַפּעט טײַך טעכטערל. נו, באַקומט עס דיר גוט?

די פול־לײַביקע שענקערקע די קרײַגערן מיט אירע הערלעך טונקעלע האָר און לעבעדיק גלאַנציקע אױגן, גיט דערבײַ אַ שמײכל, און מיט איר נאַקעטער האַנט טוט זי לאַנגזאַם אַ גלעט הערשלען איבערן פּנים מיט אירע אַנישער צאַרטקײט. זי קוקט אים אין בלאַסן פּנים מיט די בלאָע ראַנדן אונטער די אױגן, און רופט זיך אָן:

— זי מוזן געדענקען הערר העלפריך, אַז ער האָט נאָך נישט קײן צװאַנציק יאָר...

דער זשאַנדאַר במחיעט זיך פּלוצלונג אָן.

— נו, יאָ, דאָ דרײען זיך אַרום אַזױ פיל צװאַנציק יעריקע, און די שוצנגרובנס װאָלטן זײ מער צוגעז געקומען...

הערשלען אָבער װערט מיטאַמאָל זײער אומעטיק אױפן געמיט. אַלײן נישט צו װיסן פאַר װאָס, װערט אים פּלוצלונג אַ רחמנות אױף זײַן װײַב אין דער הײם, אױף זײַן שטוב. אױף אַ רגע קומט אים פאַר דאָס זיצן דאָ אין שענק געמײן און ס׳ציט אים אַהײם אין דער רויקער אָרנטלעכער שטוב, אָבער נאָר אױף אַ רגע. אַביסל דערנאָך — אַ פּאָר פרישע כוסות פון דעם בעסטן, װאָס די קרײַגערן פאַרמאָגט, פאַרטומלען אין אים דאָס געפיל צו דער הײם, ער העלפט שױן מיט זינגען דעם דײַטש און דער קרײַגערן:

— דױטשלאַנד, דױטשלאַנד, איבער אַללעס, איבער אַללעס אין דער װעלט".

...צו לאַהן קומט אַרײַן ריװע, זעצט זיך אַנידער, שפּאַרט אונטער די גאָמבע מיט דער האַנט און טוט איר צו װיסן:

— די קינדער — דײַן מלך און מײַן קײלע זענען לעצטנס גאָר גאָענט געװאָרן, שטימען זיך אָפּ טרעפּונגען, שפּאַצירן צוזאַמען. איך מײַן מויד האָב שױן גוט אױסגעזידלט דערפאַר און אַפילו פּעטש געגעבן, ס׳העלפט אָבער גאָרנישט. „מיר — טוט זי מיר אַ זאָג — ליבן זיך און מ׳עט חתונה האָבן". נו, פרעג איך,

דיך, לאה קרוין, קאָן איך דאָס דערלויבן? מילא, חתונה איז עפּעס אַנדערש, אָבער גלאַט אַזוי אַרומשלעפּן זיך, אַ יינג מיט אַ מייד, היינטיקע צייטן...

ריווע מאַכט ערשט הכנות אויף אַ לאַנגען און ברייטן שמועס. לאה אָבער רופט זיך אָן:

— אַז זיי וועלן וועלן חתונה האָבן — איך וועל זיי נישט זיין דאַקעגן.

ריווע קוקט אַ ווײַלע אָן לאהן פֿאַרבליפֿט, מיט אַן אָפֿן מויל, און ווי אין פֿאַרלעגנהייט. זי, ריווע, האָט זיך געריכט דאָ צו האָבן אַ „שווער לייענען". זי איז אַהערגעקומען אָנגעגורט מיט גבורה און מיט אַ פּאַק רייד אין קאָפּ, און דאָ נאָדיר — זי באַשטייט שוין, און ריוועס אָנגעגרייטע גיין מאָס רייד קאָנען נישט קיין תיקון האָבן דאָ. — מילא — גייט ריווע באַלד איבער אין אַן אַנדערן טאָן, און די אויגן ווערן איר ווייכער, און דאָס גאַנצע מאָגערע פּנים ווערט איר ווי באַגאָסן מיט אַ נחת־שטראַל — אַז דו, מיין טייערע שוועגערין, באַשטייסט — באַשטיי איך אויך, אַז גאָט וועט באַשערן, ס'וועט קומען די מזלדיקע שעה, אויסשטייער וועל איך מיין קינד חלילה נישט זשאַלעווען. פֿאַרשטייט זיך — אַמאָל פֿאַר דער וויסטער מלחמה, איז געווען אַנדערש... אָבער, חלילה, איך זאָג מיך נישט אָפּ. ווידער — גדן, ווייסטו דאָך...

— און הערשל — קערעוועט ריווע נאָך אַ ווייל אויס צו אַן אַנדערן שמועס. ס'דאַרף הייסן: דאָס פֿריערדיקע איז שוין כתוב וחתום. איצט קאָן איך מיר פֿאַרגינען אַ ווייניקער וויכטיקן שמועס — כ'מיין, דו האָסט דיך נישט צו באַקלאָגן.

און אַז לאה ענטפֿערט נישט באַלד, חזרט ריווע איבער:

— ער איז גוט צו דיר. ער שטערט דיר גאָרנישט.

— ער שטערט מיר גאָרנישט — ענטפֿערט לאה מיט יענערס זעלבע ווערטער. און זיך גיט זי באַטריבט אַ שמייכל: „ער שטערט מיר גאָרנישט — דערטראַכט זי — איך זאָל אַרויסגיין און זיך אַראָפּוואַרפֿן פֿון דאַך, וועט ער מיר אויך נישט

שטערן". — אָבער איר פּנים פאַרראַט זי נישט. איר פּנים איז גלייכגילטיק, און זי זאָגט מיט אַ קאָפּ פאַראיבל:

— וואָס זאָל ער מיר דען שטערן.

— און וואָס שייך צו זיין חשק אַ הוליע צו טון — רעדט ריווע ווייטער און ווישט זיך אָפּ די ליפּן מיט די פינגער, פאַר־דאַלטנדיק זיי לענגער ביי די פייכטע מויל־ווינקלען — איז עס לייכטזיניקייט. איך געדענק מיין פּנחס אולעשולעס, באַלד נאָך דער חתונה...

דאָ גייט אַ מעשה, ווי לייכטזיניק איר מאַן איז געווען באַלד נאָך דער חתונה, האָט ליב געהאַט אַ קערטל און אַ טרונק, אָבער דערנאָך, אַז עס זענען געקומען קינדער אויף דער וועלט, איז ער געוואָרן גאָר אַנדערש, ווי מיט דער האַנט אַרומגעדרייט, אַ מאַן און אַ טאַטע...

לאה אָבער הערט פון דער מעשה איין וואָרט איבערן צענטן. ריווע באַמערקט עס. זי קוקט שאַרף און באַדויערנדיק אָן לאהן, דערהויבט זיך, זאָגט „אַ גוטן טאָג", און אַרויסקומענדיק אין גאַס, דערוועקט זיך אין איר אַ חשד אויף לאהס הסכמה — זיי זאָלן זיך משדך זיין — זי איז עפּעס צו גיך באַשטאַנען.

...ריווע האָט גוט באַמערקט, אַז לאה איז עפּעס צעטראָגן. לאה איז טאַקע געווען צעטראָגן און זי האָט געהאַט סיבות צו זיין צעשטרייט: מיט אַ דריי־פיר וואָכן צוריק האָט די סטאַשע פּלוצלונג פאַרלאָרן די שטעל. זי האָט געזאָגט, אַז זי איז קראַנק און פאָרט אין דער קרייז־שטאָט אין שפּיטאָל. לאה האָט פאַר־שטאַנען, וואָס פאַר אַ קרענק דאָס איז. זי האָט שוין פון אַ צייט באַמערקט, אַז די סטאַשע ווערט „פולער", דיקער. דאָס פּנים באַקומט פלעקן. אפילו אַ קינד וואָלט זיך אָנגעשטויסן, אויף וואָס זי ליידט. לאה האָט זי, אָן צו מטבן אַ געפרעגעכץ, אָפּגעלאָזט.

נו, יאָ, דאָס איז עס, וואָס מאַכט לאהן טרויעריק און פאַר־צאָגט, אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. ניין, דערפון נאָר וואָלט זיך נאָך לאה נישט געמאַכט אַזוי פיל (כאָטש אויך דאָס איז

פאר איר א קלאפ). ס׳איז דא נאך עפעס אנדערש, און אט דאס צווייטע איז אזוי שרעקלעך, אז נישט פארן מויל צו ברענגען, אז פון בלויז טראכטן דערפון נעמט איר שווינדלען פאר די אויגן און א שווייס באשלאגט זי... יא, אויב דאס זאל זיך ארויסווייזן ריכטיק, בלייבט לאהן נישט מער איבער, ווי זיך א מעשה אנצוטון ווי זיך דאס לעבן צו נעמען.

נאר אפשר איז עס פארט נישט אמת. אפשר דאכט זיך איר נאר אויס. און טראכטנדיק, אז דאס קאן זיין נישט אמת אויך, פילט זי אזא דערלייכטערונג, ווי א לינד מילד ווינטל וואלט זי דורכגעווייעט.

דאס איז אט וואס: פון א קורצער צייט צוריק דאכט זיך לאהן — און אלץ שטארקער — אז הערשל האט „עסקים" מיט איר בילד שיינער, אבער גייסטיק שוואך אנטוויקלטער און האלב שטומער טאכטער — מיט דער זעכצן־יעריקער מירע.

אזוי דאכט זיך לאהן.

וואס אמת — קיין ממשותדיקעס האט זי צווישן זיי נישט געזען, אבער דאס נישט וויסן אויף קלאר מאכט זי אויס מענטש, מאכט זי ערגער ווי משוגע.

„און אפשר איז דאס ליגנט? — לאה האט אייגנטלעך מער נישט באמערקט, ווי אז זי, דאס מיידל, קוקט אויף הערשלען עפעס מיט אזעלכע אנדערשדיקע אויגן, שמייכלדיקע, און רויט צעפלאמטע באקן. אפטמאל, אז מ׳עסט ביים טיש עפעס א גוטן מאכל, גיט מירע אין מיטן נעסטן עסן א ליידיק אויס איר טעלער אין הערשלס אריין, פלאפלענדיק צו אים מיט פייכטע ליפן און ליכטיקע אויגן:

— עס הערשע׳ סאי׳ גיט, יא... גיט...

הערשל פראטעסטירט נישט. ער עסט עס טאקע נישט, אבער בייזערן בייזערט ער זיך אויך נישט.

איינמאל, ווען לאה האט זיך גענומען זיי שטארק נאכצושפירן, האט זי אנגעטראפן, ווי הערשל האט געעפנט די טיר

אַרויסצוגיין, איז הינטער דער געעפנטער טיר געשטאַנען מירע, ווי אַפּוואַרטנדיק אים, אַ רויטע, אַ צעפּלאָנטערטע און הויך אָטע־מענדיקע.

אָט דאָס איז לאָהס נייער שמערץ און דער דאָזיקער שמערץ פאַרשטעלט מיט זיך פאַר איר אַלע אַנדערע. זי וואָלט שוין דאָס ערגסטע פאַר ליב גענומען, נאָר דאָס זאָל נישט זיין.

און דערפאַר וואָס זי איז קעגן אָט דער צרה אינגאַנצן אומ־מעכטיק, ווערט זי דערשלאָגן, שוואַך, און שמועסט זיך אויס מיט גאָט מיט אַ צעבראָכן האַרץ:

— ס'קאָן זיין, רבונו של עולם — פּרעפּלען אירע ליפּן — אַז איך האָב געזינדיקט קעגן דיר, אַז איך האָב אַ סך זיך פאַר־שולדיקט — טאָ שטראָף מיך גאָט מיט אַלע שטראָפן, שלאָג מיך מיט אַלע ריטער, נאָר מיינע קינדער, טאַטע אין הימל, מיינע קינדער מיש נישט אריין, פאַרשוין זיי...

...די בלינדע קאַזשינסקע גייט אריין אין שפּייכלער צו הערש־לען. זיי ווערטלען זיך דאָרט איבער, שרייען הויך, אַזש אין שטוב הערט מען זייערע קולות. זי סטראַשעט עפּעס הערשלען. נאָר דער־נאָך ווערן זיי מיטאַמאָל שטיל. די קאַזשינסקע גייט צוריק דורכן הויף אַ באַרויקטע, און האַלטנדיק די האַנט אין דער קעשענע פון קלייד, אַרבעט זי מיט איר, ווי זי וואָלט דאָרט געהאַט געלט. —

די קריגערן קומט אַמאָל אריין, פרעגט זיך אויף הערשלען. זי נעמט הויך עפּעס טענהן מיט אים, אַפּנים עפּעס וועגן געלט. זי רופט אַן דעם נייעם זשאַנדאַרם נאָמען... הערשל גייט באַלד מיט איר אַרויס, און ער קומט צוריק ערשט אין עטלעכע שעה אַרום, שפּעט ביינאַכט.

דאָס און נאָך — אַלץ מאַכט שוין נישט אויף לאָהן קיין שום רושם. אירע אויגן און אויערן זענען אָפן נאָר צו איר טאָכטער: צי ער האָט נישט קיין עסקים מיט איר קינד? איר נאָז איז שטענ־דיק שאַרף און ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייט, ווי זי וואָלט די לופט געשמעקט, ווי זי וואָלט געשפּירט, וואָס אַרום איר אין דער באַ־

העלמעניש קומט פאר. אקוראט ווי א הונט שפירט אוים א געפערלעך ארט און דערשמעקט עס מיט דער נאז.

זי זעט, אז מיט איר טאכטער קומט עפעס פאר; די אויגן אירע קוקן פארנעפלט און ליכטיק צוזאמען. אפילו דער גאנג אירער איז אנדערש געווארן. אויך הערשל איז לעצטנס אנדערש געווארן. ער זעט שלעכט אוים, עסט ווייניק... זי דערקענט אין אים ענלעכם צו דעמאלט, ווען ער איז געווען אין איר פארליבט... זאל דאס זיין איצט אין איר טאכטער? איר מאן מיט איר טאכטער, מיט איר בלוט און פלייש? לאה קאן נישט איינרוען. זי עסט נישט, זי שלאפט נישט. זי האט מורא, ווי זאל נישט משוגע ווערן...

„גאט, דו האסט מיך געפונען" — פרעפלען אירע ליפן. אבער דאס הארץ וויל אלץ נאך נישט גלויבן, זוכט אליין אוים, מיט וואס זיך צו פארוויגן. פונקט ווי דער שיכור זוכט זיך צו פארטומלען אין בראנפן.

„די שרעק האט גרויסע אויגן" — זאגט זי טיילמאל צו זיך און פרווט זיך אליין איינצורויקן.

ס'גייען וואכן, ס'לויפן טעג. ס'איז שוין סוף ווינטער. מיט צוויי יאר צוריק, האט זי היינט געהאט טרעפונגען מיט הערשלען. און איצט, וואס איז איצט? — זי פארגעסט מיט אמאל, ווער און ווו זי איז. זי דערשרעקט זיך, און זי ווענדט זיך ווידער, ווי אין דער לעצטער צייט, צו גאט:

— נאר נישט משוגעת, בעסער טויט, ליקערשט גיב מיר דעם טויט.

„דעם טויט"? און די קינדער, די קליינע קינדער די קאליקעס, וואס וועלן טון אן מאמע, ווי וועלן זיי זיך אליין אן עצה געבן?

דער קאפ זינקט איר אראפ און זי בלייבט זיצן, ווי פארדרימלט.

* * *

איינמאל נאכמיטאג איז הערשל פלוצלונג געקומען פון גאס,

געזעסן אביסל אין שטוב, געדרייט זיך אהין, געדרייט זיך אהער, און אומבאמערקט זיך ארויסגעשליכט.

נאך הערשלס פארשווינדן איז לאהן עפעס איינגעפאלן. זי איז אריינגעגאנגען אין קיך, זיך ארומגעקוקט, און געפרעגט די דינסט:

— וווּ איז מירע?

— כ'ווייס נישט וווּ — האט די דינסט א ברום געטון.

לאהן האט זיך געדאכט, אז יענע האט פארביסן א שמייכל.

— איך פרעג, וווּ מירע איז? — האט זי שוין הויך און שטרענג געפרעגט.

— איך קאן דען וויסן וווּ — האט די דינסט פאראיבלדיק צוריקגערעדט — א שומר בין איך, צו וואס?

לאה איז אריין אין שטוב, הענט און פיס האבן איר געטרייסלט. זי האט א כאפ געטון עפעס אויף זיך, און איבערלאזנדיק אין שטוב דעם יינגסטן, דעם קאליקע עדליה, איז זי ארויסגעלאפן פון שטוב.

זי איז געלאפן, און אליין נישט געוווּסט וווּ. די ערד האט געברענט אונטער אירע פיס. אלץ אין איר האט געפיבערט. זי איז געלאפן ווי מציל צו זיין עמעצן פון א לעבנס־געפאר, וואס יעדע רגע קאן ווערן צו שפעט. זי איז געווען ביי דער קריגערן הינטער דער טיר. דארט האט געשפילט מוזיק, און א סך שיכורע קולות האבן ארויסגעשאלט. זי איז געווען אין דער ארטס־וואך, אריינגעקוקט דורכן פענסטער און אונטערגעהארכט. דארט האט זי געהערט א הונט בילן און ווייטער גארנישט. זי איז אויך געווען ביים זשאנדאר הינטערן פענסטער. דערנאך האט זי גענומען בהלה־דיק לויפן הינטער דער שטאט. געגאנגען אויף די זעלבע וועגן, אויף וועלכע זי מיט הערשלען האבן געשפאצירט מיט צוויי יאר צוריק.

זי איז אויסגעזוכט אויף אלע ערטער, אויף פעלדער, לאנקעס און ביים וואלד... פארביגייער האבן זיך פון איר אפגערוקט און

איר נאָסגעקוקט, ווי א משוגענער. זי האָט נישט געשפּירט די הענט און פיס. א ווילדער אימפּעט האָט זי געיאָגט, געטריבן אַלץ ווייטער, ווייטער, ווייטער...

אויף איין פעלד־וועג האָט זיך איר געדאכט, אז דאָרט פון ווייטן גייען צוויי מענטשן. זי האָט נישט קיין רגע געטראַכט און זיך אהין געלאָזט. זי האָט קיין וועג נישט אויסגעזוכט, געגאַנגען גלייך איבער פעלדער און גריבער, איז אריין אין א זומפּ אויף א טאָרף־לאַנקע, ביז איבער די קניען איז זי געווען אין זומפּ, קוים זיך ארויסגעקראָגן, אליין נישט געוווסט ווי אזוי. זי איז ווייטער געלאָפן, געהאט שוין ווייט הינטער זיך די שטאָט. אין קאָפּ האָט זיך איר געבאָמבלט איין איינציקער געדאנק: „ראַטע־ווען מיין טאָכטער און ראַטעווען_אים"... — ווי א גליענדיס שטיינדל האָט אין איר קאָפּ אָט דער געדאנק זיך געפלאָנטערט און געבריט, און זי געטריבן ווייטער, ווייטער.

פון מידקייט איז זי אומגעפאלן, געבליבן ליגן. נישט קיין כוח געהאַט זיך צו דערהויבן. זי איז געווען נאַס פון שוויים און די פיס האָבן איר געציטערט. זי האָט זיך קוים דערהויבן, נאָר דערפילנדיק זיך שטיין אויף די פיס, גענומען ווייטער לויפן, זוכן...

אז זי איז אהיימגעקומען, איז שוין געווען שטארק פינסטער.

— וווּ ביסטו געווען? — האָט זי געפרעגט מירען שוין פרייענדיק קוים.

— ניין געווען, ווי געווען... — און זי האָט זי אָנגעקוקט מיט די שיינע, נאָר נארישע אויגן.

— וווּ ביסטו געווען, דו? — האָט די מוטער א געשריי געגעבן מיט די לעצטע כוחות און זי האָט געשפּירט, ווי ווערעמ־לעך וואָלטן מיט די פיסלעך געקראַצט איר גאַנצן קערפּער, פון קאָפּ ביז די פיס.

— זשע, ניי, שראַא, ניין שרא! — האָט מירע צוריקגע־ענטפערט מיט העזה און אויך מיט א געשריי

לאה איז אריינגעגאנגען וואקלדיק און אין אנגעטיעכץ געפאלן אויפן בעט און באלד פארזונקען געווארן, ווי אין א תהום.

צומארגנס האט זי נישט געקאנט מער אויפשטיין. דעם דריטן טאג האט מען גערופן דעם דאקטאר.

— אייגנטלעך, איז די קרענק נישט קיין געפערלעכע — האט דער דאקטאר געזאגט אין עטלעכע טעג ארום — נאר זי מוז האבן עפעס אויפן געוויסן, גייסטיקעליידן מאטערן זי, און דערפון ווערט דאס הארץ אפגעשוואכט. אפשר ווייסט איר וואס?

— איך ווייס נישט — האט הערשל נאיוו געענטפערט.

אזוי זענען אדורך עטלעכע טעג. אפילו די נאנטע שכנים האבן נישט געוווסט פון לאהס קרענק.

הערשל האט זיך אויך נישט שטארק געמאכט דערפון: זי איז שוין עטלעכע מאל קראנק געווען און ס'איז איבערגעגאנגען.

איינמאל, אנהייב צווייטע וואך, איז גדליה מיט זיין וואקלדיקן גאנג — אנהאלטנדיק זיך ביי די ווענט — געקומען מיט א געוויין צו דער קריגערן, זוכן הערשלען. אז הערשל איז אהיימגעקומען און אריינגעגאנגען אין דער שלאף־שטוב, איז לאה ווי געזעסן אין בעט, מיטן קאפ האלב אויפן קישן, די צווייי הענט לויז צעלאזט, מיט די ליפן האט זי עפעס באוועגט, נאר קיין קול האבן זיי נישט ארויסגעגעבן — באוועגט זיך, ווי ביי א פיש פארן אפשטיין; די אויגן אירע, מאט און ווי צעקנייטשט, האבן זיך געעפנט און צוגעמאכט, ווידער געעפנט און ענדלעך געבליבן שטיין אפן, שטאר...

די יאמערן ארום האבן זיך געטראגן. ביים בעט זענען שוין געשטאנען יידן מיט אנגעצונדענע ליכט אין די הענט און געזאגט וואס מ'זאגט ביי יציאת נשמה. אין בעט איז שוין געלעגן אן אומבאוועגלעכער גוף, ווי א געשאכטענע גאנז, טויט.

לאה איז געשטארבן.

* * *

נאך לאהס טויט האט זיך הערשל נישט געהאט וווּ אהינצו־

טין. ער איז געבליבן דאָ און געהאָלפֿן מלכן אין פֿוטער־אייער־מסחר. הערשל איז נאָך לאַהס טויט געוואָרן אַן אַנדערער, נאָך מער ווי אַמאָל.

ער איז געוואָרן שווייגנדיק און אונטערטעניק, יערן דעם וועג אָפּגעטרעטן. פֿון לאַהן קיינמאָל מיט קיינעם נישט גערעדט. ער האָט זיך באמיט, מ׳זאָל אים אין שטוב וואָס ווייניקער אָנזען, און האָט אַלע אַרבעטן געטון.

עטלעכע חדשים שפּעטער איז מלך אַמאָל פֿאַרנאַכט־צייט ווען עפּעס אַרייַנגעקומען אין דינר מיטלשטוב. האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין ווינקל זיצט עמעץ. ער האָט אַרויפֿגעדרייט די עלעקטרי, ליכטיק געמאַכט. אויף אַ שטול איז עפּעס געלעגן און עמיץ איז דערנעבן געזעסן. ער איז נענטער צוגעגאַנגען. ס׳איז געווען דער פֿאַרשטאָרבענער מוטערס אַ קלייד. דאָס קלייד, וואָס זי פֿלעגט טראָגן אַלע טאָג. און דערנעבן איז געזעסן הערשל.

מלך האָט הערשלען אַ קוק געטון אין פּנים. הערשלס אויגן זענען געווען רויט און פֿול מיט טרערן.

דאָס האָט מלכן פֿאַרחידושט, אָבער הערשלס טרויער האָט אויך אים אַביסל אַרייַנגעטראָפֿן. ער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און גיך אַרויסגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק הערשלען ווייטער טרויערן איבער דעם אָנדענק פֿון פֿאַרשטאָרבענעם ווייב.

נישט לאַנג דערנאָך זענען די דייטשן אַרויס פֿון לאַנד. ס׳איז געוואָרן אויס מלחמה, און ס׳איז גלייך צוריק אויסגעבראָכן אַ מלחמה — ווידער אַ בלוטיקע מלחמה. הערשל איז צוגענומען גע־וואָרן פֿאַר אַ זעלנער, אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפֿן פֿראָנט און מער שוין נישט צוריקגעקומען.

דאָרט וווּ די זשיראַנד
פֿאַלט אַריין אין ים

דערציילונג

י בריוול צום אייגנטלעכן העלד פון דער דאָ באַשריבענער פּאַסירונג

ליבער אומבאַקאַנטער!

איר האָט מיר אייער שווערן סוד פאַרטרויט גלויבנדיק, אַז ער וועט אין מיר באַגראָבן ווערן, אָבער — איך האָב אייך מיין באַשעפטיקונג נישט דער־ציילט. דאָס איז מיין פאַרברעך. איך בעט דערויף מחילה, וואָרום — פאַרפאַלן — אַ שרייבער קאָן נישט אַרומגיין מיט אַזאַ סוד אין זיך. ער מוז אים אויסדער־ציילן.

נאָך אַמאָל — זייט מיר מוחל.

איך בין געפאָרן אין אַ ווייטן וויסטן דערפל אום אָנצוקוקן, ווי די זשיראַנד פאַלט מיט גערויש אין אָפענעם ים אריין. שפריצט מיט שוים און ווארפט זיך מיט נאָכאַנאַנדיקן גרימצאָרן צו צעברעכן די רויע ווילדע פעלזן, צעשלאָגנדיק זיך דערביי איר אייגענעם קאָפּ, אום גלייך דערויף, מיט טאָפּלטן ווּט, צוריק אָנצוהייבן איר אַטאַקע... — בין געגאַנגען דאָ, געגאַנגען דאָרט און, איידער וואָס־ווען, איז דער טאָג אַוועק און איך האָב פאַרשפּעטיקט דאָס באַן־צוגל, וואָס גייט זומער־צייט ספּעציעל פאַר טוריסטן.

דער צוג איז געווען אַוועק. דאָס הילצערן געבויטע וואָקזאַלעכל, ווי אַ ביידל אין אַ סאָד, איז שוין געווען פאַרמאַכט אויף ביז אין דער פרי. אַרום איז נישטאָ קיין הויז וווּ אַריינצוגיין. דאָס רעסטאָראַנדל, וואָס ווערט יעדן טאָג אינדערפרי פריש געעפנט און געפינט זיך קעגנאיבער דעם וואָקזאַלעכל אין פונקט אַזאַ ביידל, איז שוין אויך געווען פאַרמאַכט. איך בין, דאַכט זיך, געווען איינער אַליין אין דער גאַנצער געגנט... די זון איז געזונקען טיף דאָרט אין ים. אַ וואָלקן און דער אָנענדלעכער ים זענען געשטאַנען גרייט מיט אָפענע מיילער זי צו פאַרשלינגען. איך האָב מיך אַרומגעקוקט: פון איין זייט דער אָפענער, רוישיקער ים מיט אַ ווילדן פעלזן־ברעג; פון דער צווייטער — אַן אַלטער טונקעלער וואַלד, און אין מיטן — די רויטע זון, וואָס פאַרבט בלוטיק אַ שטיק ים — אַן אומהיימלעכקייט האָט מיך אַרומגענומען... אַ מינוט בין איך געשטאַנען אַ פאַרלוירענער. אַזוי אָבער ווי איך בין שוין נישט קיין יינגל, נאָר אַ מענטש וואָס האָט אין זיין

ביסל לעבן שוין פארשידנס דורכגעמאכט — האָב איך מיך גיך געפּאסט: „מילא, וועל איך איין נאַכט איבערנעכטיקן אין וואַלד"— אזוי האָב איך צו מיר געזאָגט און אום נישט צוצולאָזן, אז צו אָט דעם באַשלוס מיינעם, זאָל זיך צוטשעפּען די אומהיימלעכקייט וואָס אין מיר, האָב איך גלייך גענומען גיין אהין, ווו איך האָב באַשטימט.

צום וואַלד האָב איך נאָך געהאַט אַביסל צוצוגיין. איך בין אַראָפּגעגאַנגען די עטלעכע שטיגן אויסגעהאַקטע אין פעלז. דאָרט, אויף איינעם פון די שטיגלעך, וואָס זענען תמיד נאַס פון די צוריקשלאָגנדיקע כוואַליעס — איז אויסגעקריצט עטלעכע יאָר צאָלן, וואָס דעמאָלט האָט דאָס וואַסער דערגרייכט ביז דאָ ארויף. אָט די דאָזיקע ציפער אויסגעקריצט פון אַ מענטשנס האַנט, האָבן מיך איצט שיער דערפרייט: „הייסט עס, אז ס'איז נאָך דאָ דאָ אַ סימן פון אַ מענטש"... ס'איז אפשר שווער צו גלויבן, אָבער אין מיין דעמאָלט פּלוצלונגדיקער איינזאַמקייט, אַרומגערינגלט מיטן ווייטן און ברייטן אומענדלעכן ים און אַלטן, זייער אַלטן, וואַלד, וואָס דער צוגאַנג צו אים איז געווען דורך אַ טיפן, הויכן זאַמד־באַרג — און וואָס די פּאָדערשטע שיכטן ביימער זיינע, זענען געווען אַרומגעפליקט און אויסגעבויגן, ווי מענטשן קריפּלס, פון די בייזע ים־ווינטן און שטורעמס — זענען אָט די ציפער אויף די פעלזן־שטיגן געווען פאַר מיר דער טרייסטנדער סימן, אז אויך דאָ גרייכט נאָך אַ מענטשנס אויג און האַנט. —

דערפרייט, זייער דערפרייט און שוין גאָר מיט אַ גרינגער געמיט, האָב איך דורכגעשפּרייזט דעם פעלזן־וועג, געוואָרן אַביסל אָפּגעשפּריצט פון די בושעווענדיקע כוואַליעס. איך בין געגאַנגען פאַרזיכטיק, פאָרזיכטיק, אַ מינדסטער פעלער־טריט, האָט געקאָנט האָבן פאַר מיר פאַטאַלע פאָלגן... צווישן די פעלזן איז געלעגן אַ טויטע ווילדע קאַטשקע. אַ קויל פון אַ יעגער האָט זי געטראָפן. ער האָט זי מסתמא געזוכט און נישט געקאָנט געפינען, איז זי זיך איצט דאָ רואיק געלעגן. די צוויי שוואַרצע פיסלעך צעשפּרייט

אַרויף, דאָס לענגלעכע קעפּל פון גרין גאָלדיקע פעדערן מיטן שווארצלעכן שנאָבל האַלב אָפן, די אויגן נישט אינגאַנצן פאַרמאַכט, האָבן מיט וויימוטיקן פאַריבל געקוקט אַרויף אין דער לופט, ווי מיט אַ שטילן פאָרוואורף... איך בין זיכער, אַז ערגעץ צווישן מענטשן וואָלט דער אָנבליק פון דער טויטער ווילדער קאַטשקע אויף מיר אַזוי נישט געווירקט, דאָ אָבער, אין אָט דער צייט און אָרט — האָט מיך פאַרקוועטשט ביים האַרץ... און איך וואָלט נאָך אַזוי געשטאַנען און געקוקט אויף דעם אומשולדיקן דערשאָסענעם פויגל, אָבער דער ים־גערויש אַביסל נידעריקער פון מיר, האָט מיך דערמאָנט אין דער סכנה וווּ איך שטיי. איך האָב גענומען ווייטער לאַנגזאַם גיין טריט ביי טריט. אָט בין איך די פעלזן שוין איבערגעקומען. איך האָב מיר אויסגעטון די שיך, געקראָכן אין זאַמד ביז די קני. ס'האָט געדויערט, היפּשלעך געדויערט, ביז איך געווען אַנהייב וואַלד. כ'האָב זיך אַנידערגעזעצט, דעם אָטעם אָפּכאַפּן.

טיף אין וואַלד איז שוין געווען פינסטער, אַ שרעקעדיקע פרעמדקייט האָט פון דאָרט געקוקט. אָפּגעבראָכענע צווייגן און אומגעפאַלענע שטאַמען, האָבן זיך געוואַלגערט. קיין פויגל האָט זיך נישט געהערט און קיין ווינטל האָט דאָרט נישט גערוישט. די ביימער זענען געשטאַנען שטיל און טויט; אפילו קיין קשאַקעט איז נאָענט נישט געווען צו זען. נאָר שטאַמען און שטאַמען שווערע, גראָבע, קרומע, אויסגעבויגענע... ס'איז שווער געווען צו גלויבן, אַז אָט דאָס אָרט געפינט זיך אין ציוויליזירטן פראַנקרייך, אַ שפּרונג פון דער שפּאַנישער גרענעץ. גיכער האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז איך געפין מיך ערגעץ אין טיף רוסלאַנד אין אַן אור־אַלטן וואַלד אויף אַ ים ברעג.

איך בין געזעסן אויף אַן אומגעפאַלענעם בוים־שטאַם ביים ראַנד וואַלד. דאָ איז נאָך געווען גענוג ליכטיק. די זון האָט זיך שוין נישט געזען, אָבער דאָרט, ווו זי איז פאַרגאַנגען, איז געווען אַ פאַרבן־שפּיל. אַ שלל קאָלירן, האָבן דאָרט געשפּילט, זיך געביטן

ווײַט מיט לילע, פורפור מיט צארט רויז, גרין מיט זעלטן בלוי, געל מיט אראנזש... די פארבן האבן פארכישופט, געצויגן דאס אויג צוזאמען מיטן הארץ, אזש א ווייטיק האט מיך גענומען נאגן און שוין לאנג פארגעסענע בילדער פון דער קינדהייט זענען אין מיר אויפגעשווומען...

אין א מינוט האב איך באמערקט, אז ווייטלעך אונטן, האט זיך אפגעשטעלט אן אויטא. עס זענען ארויסגעגאנגען צוויי מענער און איין פרוי אנגעטון אין ווייסן, מיט גרויסע שפאקטיוון, ווי שייטן פון מגילות, האבן זיי געקוקט אין ים, אהין ווו די קאלירן זענען אלץ בלאסער געווארן. א רגע בין איך גרייט געווען צו גיין בעטן, זיי זאלן מיך מיטנעמען. אפשר פארן זיי אין מיין ריכטונג, אבער איידער נאך איך האב געפרווט אהין גיין זענען זיי צוריק אריין אין אויטא. ס'האט זיך קוים געהערט א ברום און דער אויטא איז אוועקגעפארן.

די נאכט איז נאך גישט געווען אינגאנצן צוגעפאלן, איבערן ים איז נאך געווען גענוג העל, נאר פון וואלד האט זיך געשפארט א פינסטערניש, אן אומהיימלעכע פינסטערניש. איך, אום פון עפעס אנדערש צו טראכטן, געדענק איך, האב געטראכט, אז דורך אט דעם וואלד, מוז אוודאי האבן געבלאנדזשעט א טייל פון די „גולי ספרד" — פון שפאניען פארטריבענע יידן. א גרויסער טייל פון זיי — זיכער'... איך האב מיך אינסטינקטיוו אומגעקוקט, ווי, אן מיין וויסן, וואלט איך געוואלט זוכן א שפור. אפשר האבן די דעמאלט דא דורכוואנדערנדע איבערגעלאזט עפעס א שפור. — דאס דאזיקע זוכן איצט איז זיכער געווען נאריש, אבער מיין געדאנק, דער אבי'ל צעשראקענער, האט געזוכט מיט אלע כוחות מיט זיין זעלבסטדערהאלטונגס־אינסטינקט מיט עפעס זיך צו פארנעמען — אבער באנעגנדיק זיך פנים־אל־פנים מיט דער שווארצער פארסודעטקייט פון וואלד, האט גיך מיין בליק זיך א כאפ צוריק געטון, זיך א צי־געטון אהין צום ים, ווו ס'איז נאך אלץ געווען א שפראץ טאג.

האַרט בײַם ים, האָט מײַן אױג דערבליקט גײן אַ מענטשן. אין דער דעמערונג־שײַן, איז ער געװען קלײן און נישט דײַטלעך. מײַנע אױגן האָבן זיך אַ שטרענג־אָן געגעבן, גענישטערט דעם טונקעלן חלל... יאָ, דאָס דאָרט איז אַ מענטש, זיכער אַ מענטש! הײסט עס אַ מענטש איז דאָ ערגעץ נאָענט! דאָס האָט מיך אַ ביסל בארויקט. רופן אים אָדער צוגײן אַהין, האָט מיך נישט געגלוסט, װײַל ערשטנס איז ער געװען נאָך צו װײַט. איבעריקנס — אַז גאָר אַ מענטש, איך װעל מיך סײ װי מיט אים נישט קאָנען צוזאַמענרעדן אױף זײַן לשון. באַלד האָב איך געזען אַ פונק אױפלײַכטן. דער מענטש אונטן מוז האָבן פאַררױכערט. דאָס האָט מיך נאָך מער בארױקט; אַ װײַט פלעמל בײַנאַכט װירקט גוט אױפן אײנזאַמען געמיט פון אַ מענטש — איך װײס נישט פאַר װאָס: איך האָב אַ טאַפּ־געטון אין מײַן קעשענע. כאָטש איך רײכער נישט טראָג איך שטענדיק בײַ זיך שװעבעלעך... איך האָב אַרױסגענומען, אָנגעריבן אַ שװעבעלע, געהאַלטן עס אין האַנט ביז עס האָט אױסגעברענט, האָב איך נאָך אײנס אָנגעצונדן און װידער אײנס. אַזױ האָב איך עטלעכע שװעבעלעך אָנגעצונדן. דערנאָך האָב איך באַנומען, אַז דאָס אױסברענען די שװעבעלעך, איז צװעקלאָז — בײַנאַכט קאָן איך זײ דאַרפן, האָב איך צוריק באַהאַלטן די שװעבעלעך אין טאַש. אַזױ װי איך בין געװען אָנ־געטון בלױז אין העמד און לײַװנטענע הױזן, װי מ׳גײט דאָ זומער, האָב איך מיך אַנידערגעלײגט אױף דער ערד, אונטערגעלײגט אַ פױסט אונטערן קאָפּ און זיך באַמיט אײַנצושלאָפן.

אָבער אײַנצושלאָפן איז מיר נישט לײַכט אָנגעקומען. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, האָב איך געהאַט אַזאַ מין נאַכטלעגער אײנער אַלײן אין אָוראַלטן װאַלד בײַם ברעג פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. דער ים האָט איצט גערױשט אַ ביסל שװאַכער, אַפּנים געװען די צײַט פון אָפּפלוס, אָבער קאַלטלעך איז געװאָרן. איך בין געװען אָנגעטון, װי אין מיטן הײסן זומער אין דרום פראַנק־רײַך בײַם ברעג ים אױף אַ שפּאַציר־נסיעה אױף אַ פּאָר שעה.

דעם אמת געזאָגט, האָט דער שוואַרצער פאַרשוויגענער טויט שטילער וואַלד, אויך נישט פאַרווינגט מיך צום איינשלאָפן. אומהיימלעכע גערויש האָבן, ווי ווערעמלעך זיך געראַיעט אין מיין קאָפּ... אָבער איינשלאָפן האָב איך געמוזט; איך האָב געמוזט אָפּשלאָפן אַ פּאָר שעה, אויפכאַפּן זיך פאַרטאָג און מיטן ערשטן באַן־צוגל, וואָס וועט פאַרטאָג אָנקומען מיט טוריסטן — צוריק אַהיימפאָרן מיטן רעטור־בילעט, וואָס איך האָב ליגן אין מיין מייסטערל.

איך האָב אַ מיטל צו קאָנען איינשלאָפן. פאַראַן אין מיין מוח אין רעזערוו אַזעלכע געדאַנקלעך, וואָס איך טרייב אויף אַ ווייל אַלע אַנדערע אַרויס פון מיין זכרון און לאָז זיי איבערשפּאַצירן זיך אין קאָפּ; די דאָזיקע געדאַנקלעך אַליין זענען אַזעלכע נישט שאַרפע מיט אָפּגעטעמפּטע קאַנטן, און זיי קריכן אַרום אין קאָפּ, ווי הינער אין אַ ״אַרפישן הויף, קלייבנדיק קערנדלעך; זיי בויגן־איין די קעפּלעך, — אַ פּיק — דזשיב־דזשיב, אַ דערהייב אַ פּיסל צום ביינערנעם שנאָבל, אַ וויש דאָס שנעבעלע אָן דער ערד און ווידער אַ פּיק... אָט אַזעלכע געדאַנקלעך פאַרמאָגט יעדער מענטש אין זיך אין רעזערוו. דאָס איז פון יענע געדאַנקלעך, וואָס שפּרייטן זיך אין קאָפּ אין אַ פרייען זומער־טאָג נאָך מיטאָג, ווען דו זיצט אין אַ ווייכן שטול און צווישן די זיך קוים באַוועגנדיקע פענסטער־גאַרדינען גרייכט צו דיר צוזאַמען מיטן דינעם דורכגעזיפּטן זון־שטראַל — אַ לינד־קיל ווינטל — פאַלט דיר דערמאַלט די ציַיטונג אָדער בוך פון דער האַנט און די אויגן נעמען זיך קלעפּן, — אָט די מין געדאַנקלעך, האָב איך מיט כוח אין זיך אַרויסגערופן, אַפּרוימענדיק פריער דעם קאָפּ פון אַלע אַנדערע; דער ריח פון סאָסנע־וואַלד און דער איינטעניקער ים־גערויש, האָבן אויך צוגעהאָלפן. און נאָך עטלעכע מאָל איבערלייגן זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער בין איך איינגעשלאָפן.

* * *

איך ווייס נישט צי איך בין לאַנג געשלאָפן, נאָר פעסט, מוז

זיין, בין איך נישט געשלאָפן. און אפשר בין איך יאָ פּעסט געשלאָפן. וואָרום קיין שום טריט האָב איך נישט געהערט, נאָר ערשט ווען דער רויטער אָפּשיין פון אַ רויכעדיקער ליולקע) האָט מיר אַ שלאָג־געטון אין די אויגן צוזאַמען מיטן טאַבאַק־ריח — אין גאָז, האָב איך זיך אַ כאַפּ־געגעבן און בין שוין געשטאַנען אויף די פיס.

הם! — האָב איך אַ געשריי געטון און אָן מיין וויסן, פון געוווינהייט, געפרעגט אויף יידיש:

— ווער איז דאָס?

פאַר מיר אין דער טונקל איז געשטאַנען אַ הויכער, דאַרער מענטש מיט אַ ליולקע אין מויל. איך האָב געהערט אַ שטילן אָפּגעהאַקטן לאַך און אַן אומבאַקאַנט קול, האָט מיך געפרעגט אויך אויף יידיש:

— אַ, איר זענט עס? פאַרוואָס זענט איר נישט אַהיימגעפאָרן?

דעם אמת געזאָגט, דאָס הערן יידיש רעדן, האָט מיך אויף אַזוי פיל, באַרויקט, אַז איך האָב שוין האַלב אַ באַרויקטער געענטפערט:

— איך האָב פאַרשפּעטיקט דעם צוג.

— אַזוי — האָב איך ווייטער געהערט דאָס אומבאַקאַנטע האַרטלעכע לשון, ווי מיט אַ בייזער צופרידנקייט — און איך האָב אייך היינט דאָ אַ לאַנגע צייט נאָכגעשפּירט.

— מיר נאָכגעשפּירט?

— יאָ, אייך.

ווידער האָט עפּעס אַן אומהיימלעכקייט אַ גראַבל־געטון אין מיר, נאָר נאָך איידער איך האָב געענטפערט, האָט דאָס קול איבערגעחזרט:

— יאָ, כ'האָב אייך נאָכגעשפּירט, דווקא אייך פון אַלע טוריסטן... איר שרעקט זיך?

— שרעקן — האָב איך אין דער פינסטער אַ שמייכל גע־

טון און געפילט, אז איך בין שוין אינגאנצן ניכטער, ארויס פון שלאף — וואס האב איך זיך צו שרעקן, א גזלן האט ביי מיר גארנישט צוצונעמען, ווידער גלאט א מערדער פון פארגעניגן וועגן...

— מיינט איר, אז אזעלכע געפינען זיך שוין גארנישט דא אין די וועלדער — האט ער מיך איבערגעשלאגן.

איך האב געשוויגן. אז ער איז נישט א גלאט מערדער פון פארגעניגן וועגן, ווי ער וויל מיר איינרעדן, האב איך פארשטאנען. נאר טיף אין מיר, האב איך געפילט, פלאטערט א נייגעריקייט: ווער איז דער וואס רעדט צו מיר? וואס סארא פנים האט ער? ווי זעט ער אויס?... איך האב מיר א רייב־געטון די אויגן, צי דאס חלומט זיך מיר נישט. איך האב די ערשטע וויל טאקע געגלויבט, אז דאס איז א חלום — עפעס פלוצלונג דא, אין פינסטערן וואלד ביים ברעג ים, רעדט עמעץ צו מיר יידיש. איך האב היינט בייטאג אין טומל ארום דעם רעסטאראנדל געהערט דא רעדן פראנצויזיש, ענגליש, האלענדיש און נאך פארשידענע לשונות, נאר יידיש — קיין אייןווארט נישט. און דא, איצט, רעדט עמעץ צו מיר פראסט, ריין מאמע לשון; עמעץ, וועמעס פנים איך זע נישט און ווייס נישט פון וואנעט ער האט זיך גענומען.

— איך האב אייך נאכגעשפירט, נישט חלילה אום אייך שלעכטס צו טון. פשוט: איך זע דא אזוי זעלטן א ייד.

אזוי? איז דאך גאר אנדערע דיבורים. איך האב מיך דערפילט גאר היימיש און א פויעג־געטון:

— פון וואנען האט איר געוווסט, אז איך בין א ייד?

— פון אייער קעשענע האבן ארויסגעקוקט יידישע אותיות

— פון מיין קעשענע? — וואנדער איך מיך.

— נו, א צייטונג, א יידישע צייטונג האט איר געהאט אין טאש.

— א, יא, דאס איז ריכטיק — און איך האב אנגעטאפט

די צייטונג, וואָס איז געלעגן צוזאַמענגעלייגט אין מיין הינטער־שטער קעשענע.

א ווייל האָבן מיר ביידע געשוויגן, געשטאַנען איינער קעגן צווייטן און געשוויגן. איך האָב געשפּירט הינטער מיין רוקן דעם שטאַם פון אַ בוים. אַפּנים אַליין נישט וויסנדיק געשטאַנען אָנ־געשפּאַרט אָן אַ בוים. לעבן מיר אַ פּאָר טריט, האָב איך געזען דעם סילועט פון אַ הויכן, מאָגערן מאַנסביל אין אַ ברייטן בערעט אויפן קאָפּ, ברייט און גרויס, ווי דער ראַנד פון אַ שיסל. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז דער בערעט מוז אוודאי זיין אריינ־געקנייטשט אין די קאַנטן, פּונקט ווי אין די רונדיקע ברויטן, וואָס ווערן געמאַכט אין אונזערע מקומות אויף דעם קריסטלעכן פּסח. אַזעלכע בערעטן טראָגן די אַלטע פּויערים און פישערס אין דרום־פראַנקרייך. מיין גאַסט האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע צו דער ליולקע. אין ליכט־פלאַם, האָב איך געזען, אַז ער טראָגט נישט קיין רעקל. נאָר אַ גראָבע טונקעלע בלוזע אריינגעלאָזט אין די הויזן. די הויזן זענען פון רויטן געוואַנט און שמאָל; אויף די פיס האָב איך נאָך דערכאַפּט, טראָגט ער הילצערנע טרעפּעס, געמאַכט אינגאַנצן פון האָלץ אָן שום לעדער; אויסגעשניטן די פאָרעם פון אַ פוס אין אַ צוגעשניצט שטיק האָלץ, ווי אַ הייל אין אַ פעלז. די דאָזיקע מין טרעפּעס זע איך אין מיין דערפל אין די געוועלבער, צו מייסטן קויפן דאָס פישערס. אויך די שמאָלע רויטע הויזן און דער ברייטער בערעט אויפן קאָפּ טראָגן פון אַלטע צייטן די דרום פראַנצויזישע פישערס. איך בין זיכער געווען, אַז פאַר מיר שטייט אַ פישער. דאָס איינע וואָס האָט אים אין מיינע אויגן נישט ענלעך געמאַכט צו אַ פישער, איז — דאָס ליולקעלע. איך האָב נאָך ביז דעמאָלט נישט געהאַט געזען, אַז אַ פראַנצויזישער פי־שער זאָל רויכערן אַ ליולקע. אָבער אַ חוץ דעם, איז ער דער אמתער טיפּ פון אַ פראַנצויזישן פישער. מיין נייגעריקייט איז געוואַקסן.

— פונדעסטוועגן האָט איר ריזיקירט לייגנדיק זיך שלאָפן אין

אן אלטן פינסטערן וואלד — רומט ער זיך אן נאכדעם ווי ער האט אוועקגעווארפן דאס אויסגעברענטע שוועבעלע און פארצויגן דאס ליולקעלע — אין אזא וואלד צו שלאפן איז געפערלעך.

— ס'איז דאך נישט אין אפריקע — האב איך גלאט געזאגט.

— זאגט דאס נישט. דא זענען פאראן שלאנגען און אמאל קאן אהער פארבלאנדזשען א בער, א וואלף. — און אינגאנצן א פערציק מינוט גאנג פון דאנען איז א דארף...

— פון וואנען זענט איר? — האט ער פלוצלונג צו מיר א בויג געטון דעם קאפ מיט דער האנט ביים קעפל פון דער ליולקע.

מיין גאסט איז שוין געזעסן אויף אן עק פון בוים-שטאם. נישט טראכטנדיק האב איך מיך אויך צוגעזעצט און אים געענטפערט אויף זיין פראגע:

— פון פוילן בין איך.

— נו יא, דאס דערקענט מען פון אייער אויסשפראך. פון וועלכער שטאט?

נישט צו קלערן, האט זיך מיר ארויסגעכאפט פון מויל

— פון ווארשע.

— פון ווארשע זענט איר נישט — האט ער אפגעווענדעט — אין ווארשע רעדט מען אנדערש, אביסל מער ענלעך צו ליטוויש. אייער אויסשפראך איז פון גרוים-פוילן

— איך בין נישט געבוירן אין ווארשע — האב איך פארבעסערט.

איצט אז מיין בעל־דבר האט מיר שוין אזוי פיל פראגן געשטעלט, האב איך אים געפרעגט:

— איר זעט אויס אינגאנצן ווי א פראנצויזשער פישער. נאר דאס ליולקעלע; איך האב נאך נישט געזען קיין פישער רויכערן א ליולקע.

— האט איר נאך וויניק געזען. א פישער בין איך טאקע און פישערס רויכערן דווקא ליולקעס; אפשר נישט אין זייער דערפל, אבער זיי רויכערן. נאר איך האב מיך צוגעוווינט רוי־

בערן א ליולקע אין אמעריקע און אפגעוויינען זיך פון רויכערן קאן איך נישט, כאטש איך האב שוין א סך מאל געוואלט.

— מילא, מילא — האב איך א מורמל געטון, ווי צו פאר־זיכערן אים, אז ס'איז נישט אזא גרויס אומגליק צו רויכערן און פארענדיקט מיט א פראגע:

— איר וווינט דא אין דער סביבה?

— אין וועלכער סביבה? — הער איך ווי א שמייכל און אפשר דאכט זיך מיר נאר אוים.

— כ'מיין, דא נישט ווייט?

— ווו — דא נישט ווייט — איך וווין נעבן ברעג.

איך האב דעם קאפ אויסגעדרייט לויטן ווייז פון זיין האנט. ער האט א לאך געטון:

— זוכט נישט אומזיסט, מיין הויז וועט איר נישט זען.

?

— איר האט אפשר געזען די היילן אין די פעלזן נעבן ברעג. אין אזא הייל וווין איך.

איצט ערשט האב איך מיך דערמאנט, אז ווען איך בין ארויסגעקומען, האב איך געזען, ווי א רויכל גיין פון דער ערד ביים ברעג.

איך האב אים דאס געזאג

— ניין, דאס איז נישט געווען פון מיין שטוב. איך נוץ נישט קיין סיך, קאך אויף האלץ־קוילן און וווין אין דער ערד הארט נעבן וואסער.

מעגלעך, אז ווייל ער האט אין מיין שווייגן דערפילט, אז איך חידוש מיך; האט ער עס מיר גענומען מסביר זיין.

— וואס מיינט איר איז דען, ס'איז א שטיל ארט. אין מעשע, א צוויי סטאציעס פון דאנען, איז אין אזא הייל פאראן אפילו א רעסטאראן און טוריסטן שטראמען אהין פון אלע זייטן, צו עסן אין אונטערערדישן רעסטאראן ביים ברעג ים.

ווידער האבן מיר ביידע געשוויגן. אז מיין גאסט איז א

זיך, איז שוין ביי מיר קיין שום ספק נישט געווען, אָבער ווער קאָן ער זיין? זיין שטיל איינגעהאַלטן רעדן; זיין אויסטערלאַכן, האַלב געלאַכט האַלב געוויינט, האָט מיר אים אַרומגעהילט אין אַ סוד. איך בין שוין אייגנטלעך געווען רויק, מער נישט אַ שאַר־פע נייגיריקייט האָט אין מיר געווייעט. איך האָב געשוויגן — מיין פאַנטאַזיע האָט געוואַכט, געשפונען אין מיר פאַנטאַסטישע מעשיות איינע פאַנטאַסטישער פון דער צווייטער. און איך בין מיך מודה, דאָס אָרט איז געווען צוגעפּאַסט פאַר פאַנטאַסטישע אוסטראַכטונגען: צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן אין אַ וואַלד ביי־נאַכט; צוויי מענטשן פון איין שטאַם און אפשר נאָך גאָר פון איין שטאָט; דערנעבן — דער רוישיקער ים, יעדער קלאַפּ פון זיינע כוואַליעס, אָנשלאָגנדיק זיך אָן די פעלזן, איז געווען ווי אַ דונער־קלאַפּ; אויפן הימל האָבן געפינקלט שטערן, ערגעץ אין צפון־מערב, האָט זיך אַ לבנה געהויבן איבערן וואַסער; אַ לייכט־טורם האָט געוואָרפן ליכט־פלאַמען אין ווייטן ים אַריין פאַר בלאָנדזשענדיקע שיפן; געוואָרפן ליכט־שיין אַמאָל אויף דער זייט אַמאָל אויף דער צווייטער. אַ צווייטער לייכט־טורם האָט געקוקט אין ווייטן אָפּענעם ים אַריין מיט אַ רויט אויג. דער ים האָט זיך אונטער דעם קאַרגן ליכט באַוועגט און געבראָכן ווי גלאָז. צייטנווייז ווי רויט גלאָז און צייטנווייז ווי העל פאַרנעפּלט גלאָז— און דאָ, ביים ראַנד פון פינסטערן וואַלד זיצן צוויי מענטשן, צוויי ווילד פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך קיינמאָל אין די אויגן נישט געזען; אפילו איצט ווייסט איינער נישט ווי דער צווייטער זעט אויס — און רעדן יידיש, אַ לשון וואָס אָט דער וואַלד און ברעג ים האָבן נאָך אוודאי קיינמאָל נישט געהערט; אַ לשון וואָס איך גיי אַרום און בענק עס פון עמיצן דאָ צו הערן, אָבער — אומזיסט! אַלע זיבעציק לשונות הער איך, נאָר נישט מיין מאַמע־לשון. און פּלוצלונג — ביי אַזאַ צופאַל — אין מיטן נאַכט, אין וואַלד וועקט מיך אויף אַ מענטש און רעדט צו מיר מיין שפּראַך און — אַנשטאָט איך זאָל מיך מיט אים דערפרייען,

ווי מיט א פריינט — זיצט ער פאַר מיר שטיל און פרעמד און איך ווייס נישט ווער ער איז, ער איז פאַר מיר אין א סוד פאַרהילט.

די לבנה א געל־בלאַסע און רונדיקע איז געהאַנגען צווישן וואַלד און ים־ברעג, /אונטער איר מאַטן שיין, האָט זיך דער שטענדיק ברויזנדיקער ים איינגערויקט, געוואָרן שטילער, ווי פאַרדרימלט, קליינע וועלעכלעך, ווי אַן אומצייליקע סטאַדע שעפּסלעך זענען אומדערמידלעך געלאָפן צום ברעג, נאָר נאָכנישט אָנקומענדיק צו אים, איז זיי פונקט אזא צווייטע „סטאַדע" אונטערגעקומען און אַלע צוזאַמען, קוים באַרירנדיק דעם זאַמד, האָבן זיך א צעשפּרייט געטון און אומגעזוימט, מיט אַן אייליק געברום, אָנגעהויבן צוריק צו לויפן, ווי א מחנה ווייסע חברהניקעס, וואָס האָבן עמיצן אָפּגעטון א שפּיצל און ציען גאַנץ געשווינד אָפּ, ביז נאָר ווייטער אהין ביי דער פעלזן־וואַנט, ווו די זשיראַנד פאַלט אין אָפּענעם ים אריין — דאָרט האָט אַלץ נאָכאַנאַנד גערוישט און געזעצט, ווי א דונער־געקלאַפּ; נאָכאַנאַנד האָבן דאָרט די כוואַליעס זייער שוימיק ווייסע קעפּ אָן די פעלזן צעשלאָגן, געוואָיעט און געריסן זיך, ווי א מחנה משוגענע וועלף, געבוירן ווערנדיק אַלץ אויף ס'ניי פון זייער אָנמעכטיקייט קעגן פעלז, מיט נאָך גרעסערן גרימצאָרן, שפּריצנדיק מיט שוים ביז [illegible] שטאַרק הויך און צעקרישלענדיק לאַנגזאַם ברעקלעכווייז דעם גרויען פעלז מיט זייער דינערדיקער צונג

מיין אומגעריכטער גאַסט איז געזעסן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן ביידע הענט, די עלנבויגנס אויף די קניען, אז ער האָט אביסל צוריק געווויגט דעם קאָפּ, האָב איך אין לבנה־שיין, אים גענוי אָנגעקוקט: א טונקל, שוין לאַנג נישט געראַזירט פּנים; א פּנים דורכגעאַקערט אין קנייטשן, האָט דאָך נישט אויסגעזען אַלט, איך וואָלט אים געגעבן א יאָר פיר־פינף-אונדרייסיק, אָבער איך ווייס נישט פאַרוואָס — עפּעס האָט דאָס פּנים געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון ליידן, פון פאַרשטאַרטער פּיין; די שפּיציקע

נאָמבע, די שאַרפע נאָז, די בולטע און פאַרט צעגאָסענע שטריכן פון ביידע זייטן נאָז צום מויל אראָפ, נאָר דער עיקר — די אויגן: שמאָלע טרויעריקע און דאָך לעבעדיקע אויגן, עפּעס אַן אומהיימ־ לעך פייער האָט זיך אין זיי געטוקט. איך האָב אַ טראַכט געטון: „אַ מענטש מין אַ פלאָגעדיק געוויסן. אַ מערדער און נאָך אפשר אַ פאָטער־מערדער". אָבער ניין, — איך האָב נאָך קיין פאָטער־ מערדער ניט געזען. פונדעסטוועגן שטעל איך מיר פאָר, אַז אַ פאָטער־מערדער, אויב דאָס געוויסן איז ביי אים אזא, וואָס לאָזט אים ווייטער לעבן און געניסן פון לעבן, — האָט ער נישט אזא פאַרגליווערטן צער אין יעדן אָטעם־צוג. דער דאָזיקער צער, איז געווען אפשר נאָך פיינלעכער, אָבער גאָר גאָר פון אַן אַנדער מין.

צי ער האָט באַמערקט, אַז איך עס ממש זיין פנים פון ניי־ געריקייט—ער האט אביסל דערהויבן דאָס פנים און אַ זאָג געטון:

— איך בין אויך אַ געבוירענער פון פוילן.

— כ'וויים — האָט זיך מיר אומגערן אַרויס געטון.

- פון וואַנעט ווייסט איר? — האָבן זיינע אויגן אַ פלאַם אויף געגעבן — איר קענט מיך? איר ווייסט, ווער איך בין?

„אַ מערדער" — האָט מיר אַ קלאַפ געטון אין קאָפ, אָנ־ קוקנדיק זיינע אויגן, וואָס האָבן געפלאַקערט, ווי די אויגן פון אַ הונט אין דער פינסטער. און זעענדיק, ווי זיין גוף וואַרפט זיך שיער פון אומגעדולד, האָב איך געאיילט צו ענטפערן:

— איך ווייס אין אמתן גאָרנישט, נאָר אזוי ווי איר דער־ קענט אין מיין אויסשפּראַך, דערקען איך אין אייערער...

— אהא — האָט ער זיך באַרויקט, אַראָפּגעלאָזט צוריק דעם קאָפּ און גענומען רעדן פון גאָר עפּעס אַנדערש. אַ לבנה־נאַכט היינט, ס'וועט זיין אַ גוטער פאַנג.

— איר וועט דען היינט נאָך כאַפּן פיש?

— די נעצן זענען אָנגעשמועלט נאָך פון פאַרנאַכט.

— ווו, דאָ, אין אָפענעם ים?

— ניין, ארויף צו, וווּ די זשוראַנד פאַלט אין ים אַריין, דאָרט טאַקע ווו מיין ווינונג געפינט זיך — און ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ביים אָפּענעם ים וואָלט אוממעגלעך געווען צו וווינען אין אַ הייל פון אַ פעלזן־שפּאַלט, ווייל דער ים וואָלט די הייל צו דער באַשטימטער צייט, ביים צופלוס, פאַר־גאָסן, און אויך דאָס כאַפּן פיש גייט דאָרט אַנדערש צו...

ווידער אַ לאַנגע פּויזע.

איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז דער דאָזיקער מענטש טראָגט אַ שווערן סוד אין זיך, ער וויל אים אַראָפּרעדן, נאָר עס קומט אים שווער אָן אָנצוהייבן צו רעדן. ס'רוב איז ער געזעסן ווי אין קראַמפּן, ווײַלנווייז אונטערגעקרעכצט, דערדריקנדיק דעם קרעכץ, נאָך איידער ער איז אַרויסגעקומען, אַרויסלאָזנדיק בלויז אַ הויכן, שווערן אָטעם. געווען רגעס, וואָס איך האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג אים צו העלפן אַראָפּ־רעדן ווי מען נעמט אָן אַ קינד ביי דער האַנט און מען לערנט עס גיין. אָבער איך ווייס נישט פאַרוואָס, עפּעס האָט מיך צוריקגעהאַלטן דאָס צו טון. צו טיף, האָב איך געזען, ליידט דער מענטש און בלויז נאָר דער יראת־הכבוד צו אַ מענטשנס צער איז אויך שוין גענוג געווען, איך זאָל זיצן שווייגן און וואַרטן.

— אייך איז מסתמא קאַלט? פרעגט ער פלוצלונג.

— ניין — שאָקל איך מיטן קאָפּ.

— איר גייט דאָך אַזוי לייכט אָנגעטון.

— דאָס איז אמת. פריער איז מיר טאַקע קאַלט געווען. איצט — נישט.

— יאָ, דאָ איז אַזוי. די פאַרנאַכטן זענען דאָס רוב קאַלט, די אוונטן אָבער — וואַרעם. ווידער די קעלט, וואָס בלאָזט פון ים, לאָזט אַהער נישט צו דער וואַלד און דער באַרג.

און גלייך דערויף, ווי פאַרגנבנדיק זיך פון אונטער עמיצנס רשות האָט ער אויליס אַ זאָג געטון, ווי אויף אָנצוהויבן אַ שמועס:

— הייסט עס, זענט איר נישט קיין געבוירענער אין וואר־שע. נאר פון וואנעט, אויב מ׳קאן וויסן?

איך האב אים געזאגט.

— ניין, נאך נישט געהערט פון אזא שטאט. איז דאס ווייט פון... — ער האט אנגערופן א שטעטל אין לובלינער געגנט.

— יא ווייט, זייער ווייט. א צוועלף שעה מיט דער באן.

— אין אמעריקע הייסט דאס נישט ווייט — האט ער פאר־טראכטמערהייט גערעדט מער צו זיך, ווי צו מיר. אפגערוט א ווײַלע, האט ער ווייטער אנגעהויבן:

— איר ווייסט אזוי גענוי, ווי ווייט — וואס, איר זענט שוין אמאל דארט געווען?

איך האב אים דערציילט, אז צופעליק בין איך מיט עטלעכע יאר צוריק זומער־צייט דארט געווען.

— וואס איר זאגט! — האט ער זיך א טרייסל געטון און אויף א רגע מיין האנט אנגעכאפט — איר זענט טאקע דארט געווען? נו, עס זעט נאך אויס ווי... — אבער גלייך איז ער דערצו קאלט געווארן. און אז איך האב אים דערציילט, אז מלחמה־צייט, ביים אפטרעטן, האבן די רוסן דאס שטעטל אינגאנצן פאר־ברענט, האט ער דאס גאנץ רויק אויפגענומען.

— בלויז איין גאס, זאגט איר, איז געבליבן און אויך נישט די גאנצע?

„הייסט עס — טראכט איך מיר — דיך אינטערעסירט פארט".

ער אבער פרעגט מיך שוין ווייטער.

— איר קאנט מיר נישט אפמשלען, וועלכע גאס?

איך האב אים אפגעמשלט.

— אזוי, טאקע די גאס — איז ער אויפגעלעבט געווארן — און דאס ערשטע הויז פון מארק_לינקס; אזא לאנג נידעריק הויז, מיט א גארטן אויפן הויף — שטייט נאך?

איך האב אים דערציילט, אז דאס הויז, באבט זיך מיר,

שטייט, נאָר נידעריק איז עס נישט. פאַרקערט — כמעט ס'העכ־סטע הויז, מיט באַלקאָנען..

— אוודאי שפּעטער אַרויפגעמויערט געוואָרן — זאָגט ער זיין השערה, אַ געוועלב אין דאָג איז נאָך דאָרט?

ישט ווייט פון דעם הויז האָט געוווינט מיין פריינט. איך בין דאָרט טעגלעך עטלעכע מאָל פאַרביינעגאַנגען. דעריבער האָב איך דאָס אַזוי געוווּסט

— יאָ, דאָס הויז — האָט ער אָנגעהויבן, ווי מיט אַ שטילן יאָמער־טאָן, נאָר אַפּוואַרטנדיק אַ ־רגע, איבערגעגאַנגען אין אַ געוויינלעכן טאָן — דאָס הויז איז געווען אונזערס און דאָס געוועלב איז טאַקע אויך געווען אונזער געוועלב... — און איצט האָט גענומען פליסן פון זיין מויל שנירלעך זכרונות, זכרונות, וואָס פאַר מיר האָבן זיי גאָר נישט געזאָגט, געווען, סתם ווערטער, נאָר פאַר דעם דערציילער, האָב איך געזען, ווי ער טובלט זיך אין זיי, טובלט זיך, ווי אין אַ דערפרישנדיקן און אין דער זעלבער צייט צער־פולן טייך. ער האָט שוין נישט גערעדט, נאָר געשעפּ־טשעט. איך האָב אים געלאָזט אַזוי רעדן, נישט איבערהאַקנדיק אים און נישט שטערנדיק... אַזוי איינציקווייז האָט ער גענומען רעדן פון זיך, פון זיין אייגן לעבן. —

— אַך! — האָט ער מיט אַמאָל שמערצלעך אויסגעשריגן — איר הערט זיך דאָך גאָר נישט צו, וואָס איך רעד. איך רעד, און איר קוקט גאָר דאָרטן אַהין... וואָס זעט איר דען דאָרט סאַראַ וווּנ־דער? אַ שיף איז עס, אַ שיף מיט באַלויכטענע פענסטערלעך און אויבערדעק — איז דאָס טאַקע אַזוי אינטערעסאַנט פאַר אייך?

איך האָב מיך אייגנטלעך געדאַרפט צו באַליידיקן: וואָס האָט דער מענטש צו מיר, וואָס באַפעלט ער מיר, ווו איך זאָל קוקן. אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער מענטש איז שוין באַלד ביי זיין ציל, איז שוין גענוי מיט זיך פאַרטיק צו רעדן. האָבן איך אים פאַרזיכערט, אַז איך הער אים, ער קאָן

גאַנץ רויק ווייטער דערציילן — „איך הער און וועל אויך ווייטער הערן".

אפֿנים אָבער, אַז דער „ווייטער הערן" איז געווען איבעריק געזאָגט. ער האָט פֿאַרדעכטיק מיך אָנגעקוקט, און ערשט נאָך אַ לאַנגער ווייל גענומען ווייטער רעדן, אין אָנהייב ווי אַן חשש און ערשט מיטן רעדן ווייטער צוריק אַריין אין דעם לײדנשאַפֿט־לעך ווײ־פֿולן שעפּטש:

...אַז אַ טאַטע שטאַרבט און לאָזט איבער אַ ווייב מיט דריי קינדער, אַ ווייב וואָס ווייס נישט פֿון אַהין ביז אַהער, אַפֿילו נישט אין דער באַלעבאַטישקייט, איז נישט געוווּנט צו גיין קויפֿן אויפֿן מאַרק, נאָר מ'זאָל איר ברענגען אין שטוב; ווייבער מיט קאָשי־קעס, אויפֿקויפֿערקעס זאָלן איר פֿון אַלצדינג ברענגען אין שטוב אַריין — איז דאָך נישט קיין חידוש, אַז ביזקל צוויי יאָר נאָכן טאַטעס טויט איז געוואָרן אַ תּל פֿונם געוועלב, דאָס הויז האָבן נאָך פֿריער געוואָלט בעלי־חובֿות צונעמען, האָט דעם טאַטנס שוואָגער זיך מרחם געווען, דאָס הויז זאָל נישט פֿאַרפֿרעמדט ווערן. איז אָבער זיין דערבאַרמדיקייט געווען פֿון יענעם מין רחמנות: די בעלי־חובֿות זענען טאַקע באַפֿרידיקט געוואָרן, נאָר דאָס הויז איז געבליבן ביי אים, דעם רחמנות־האָבער אַליין — „אין דער משפּחה".

איך בין געווען דער עלטסטער זון. ביים טאַטנס לעבן האָב איך געלערנט אין חדר, נאָכן טאַטנס טויט — אין בית־מדרש. ביז איך בין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, איז שוין געווען אַ תּל פֿון אַלעם. דאָס געוועלב איז שוין אויך נישט געווען. דאָרט האָט איצט דער „גוטער" פֿעטער געהאַט אַ געוועלב. פּונקט אַזעלכעס, ווי אונזערס איז געווען. מיר האָבן געלעבט פֿון אַלטע חובֿות, וואָס מענטשן האָבן אָפּגעגעבן פֿון רחמנות דער יונגער אַלמנה מיט די קינדער, און — איך זאָל אַזוי וויסן פֿון בייז!...

ס'איז געווען אַ צרהדיק לעבן.

— מאמע — זאג איך — וואס וועט דער סוף זיין. איך וויל אנהייבן צו פארדינען.

וויינט די מאמע, וויינט און העשעט:

— אין אונזער משפחה איז נישטא קיין בעל־מלאכה...

זי שאקלט אויף מיר מיטן קאפ, אז כ'וויל איר דאס פנים פארשווארצן. וויינט איין טאג, וויינט נאך א טאג און נאכן גאנצן וויינען נעמט זי און פירט מיך אהין צו יאנטשע זייגערמאכער, ער זאל מיך אויסלערנען די מלאכה.

יאנטשע איז א ייד מיט א ברייטער באָרד און מיט א בייכל, האלט זיך פאר אן אנגעזועענעם בעלעבאס אין שטאט און פאר־מאגט זיין אייגנס: א גרויסע דירה, ווי א שאפע, א קראנק איינ־געדארט ווייב און שוואכע קינדער... האט אים גאט צוגעשיקט א בחינמדיקן משרת, וואס זאל באדינען זיין קראנק ווייב און פיאסטעווען די קינדער.

— „יינגעלע, טו נאר א פלי אין מארק"...

— „נא, גיב נאר א פארשפיל ס'קינד"...

גייט אדורך א חודש און נאך א חודש. ס'איז שוין ברוך השם א האלב יאר און נאך לענגער. איך קאן שוין שייערן א פאד־לאגע און ארויסגיסן דאס פאמעשאף; אונטערוואשן און איינ־שלעפערן א קינד קאן איך שוין אויך. כדי עס זאל הייסן, אז איך לערן די מלאכה, לאזט מיך דער מייסטער טיילמאל צו אויס־שמירן א זייגער מיט נאפט. איך קאן שוין באלד אויספוצן אויך. איך דערשמעק, אז יאנטשע קען אליין אויך נישט צו פיל, א גרויסן זייגער מאכט ער נאך ווי עס איז, איבער א קליין טאשן־זייגערל מוטשעט ער זיך אליין אויך נעבעך געגוג און נישט שטענדיק טויג עס. צומייסטן ברענגט מען עס אים צומארגנס צוריק...

— מאמע — זאג איך איינמאל — איך וויל ווערן א בעל־מלאכה, א פארדינער, ארויסצוהעלפן דער שטוב פון דער נויט.

— אַ בעל־מלאָכה — יאָמערט די מאַמע — אפשר אַ שמיד, אָדער אַ שניידער אין שתּם-הויז...

אַ נייע סדרה וויינען הויבט זיך אָן. אַז איך חזר דאָס איבער נאָך אַ מאָל וויינט די מאַמע ווייטער. זי וויל גאָר נישט הערן, וואָס איך וויל איר געבן צו פאַרשטיין, נאָר וויינט.

איינמאָל ברענגט זי אַריין דעם פעטער הענעך, וואָס האָט אונזער הויז און געוועלב, און זיין ווייב איז דעם פאַרשטאָרבע-נעם טאַטנס שוועסטער...

מיין דערציילער טוט ביי זו אַ סאָפּע:

— אַ פעטער איז דאָס — אָפּמשלען איך דאָס מענטשל? ניין, ס'איז נישט כדאי! איך וועל אייך נאָר זאָגן, אַז אָט דאָס הויכע שטייפע מענטשל מיט קליינעם שנעבעלע, געהערט צו יענעם סאָרט „בן־אָדמס", וואָס, אַז מ'וועט זיי געדיכט זייען — זאָלן זיי שיטער אויפגיין. דאָס איז געווען אַ מענטש וואָס האָט ווייניק גערעדט, געציילטע ווערטער, נאָר... אָבער — גיט זיך מיין אָקעגנאיבערזיצער אַ שאָקל אָפּ, ווי פון אַ מיאוסקייט און אַ מאַך פון זיך מיט דער האַנט, ווי אַז מ'טרייבט אָפּ אַ פליג.

— וואָס ווילסטו ווערן? — פרעגט מיך דער פעטער.

— אַ קאַמאַשנשטעפּער וויל איך ווערן — ענטפער איך.

— מילא! — טוט דער פעטער אַ פאַרגלאָץ די כּשרע אויגן — מילא, אַבי נאָר נישט קיין שניידער אָדער שוסטער. יחזקל אין קבֿר זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען.

בין איך געוואָרן אַ קאַמאַשנשטעפּער. ביים קאַמאַשנשטעפּער בין איך ווידער דורכגעגאַנגען אַ לער־צייט מיט פּאַמוניצעס גיסן און מיט אַלעם, וואָס מ'דאַרף טון אין אַ קליינשטעטלדיקער באַ-לעבאַטישקייט, אָבער די מלאָכה האָב איך מיך פאַרט אויסגע-לערנט.

ער האָט געהייסן יידל, יידל בלאַנק. ער איז געווען אַ גע-שטופּלט מענטשל מיט אַ ווייס פּאַפּירן קראַגנדל אויפן האַלז... ביים ווייב איז ער געלעגן ניין איילן טיף אונטערן פּאַנטאָפל, נע-

שמעקט אַרום איר, ווי אַ הונט אַרום אַ „סוסע", ווען ער דאַרף זיך פאָרן. איבער די גזילן אָבער איז ער געווען אַ „רוכב בערבות" אַ גאַנצער המן:

— שובראַוועס, דאַרמאָיעדניקעס... — האָט ער זיך כסדר געוואָרפן, אָנגעשטעלט אויף זיי דאָס שפּיציקע געשטופּלטע פּנים און געשטאָכן מיט די ווייסע, ווי ביי אַ נעגער, אויגן.

איך האָב ביי אים, אַלס לערניינגל, זיבן מאָל אין טאָג גע־האַט ס'הייסע און קאַלטע גיהנום, אָבער — איך האָב מיר גע־נומען אין קאָפּ אַריין אויסצולערנען דאָס פאַך — איך האָב עס אויסגעלערנט און אָנגעהויבן צו קריגן עפּעס באַצאָלט.

אין דער היים איז דערווייל די נויט געוואַקסן. משהלע, דאָס יינגסטע קינד איז שוין געגאַנגען אויף די פיסלעך און פון חייהלען האָט שוין די מאַמע געהאַט אַ האַנטלאַנג אין שטוב, אָבער מיט חיונה איז נישט גוט געווען. דעם ערשטן רובל פאַרדינסט, וואָס איך האָב אַהיימגעברענגט, געדענקט איך, האָט די מאַמע דעם רובל אָנגעהויבט מיטן מויל און געוויינט...

— נעבעך, חזקלס יתום... אַ דערלעבניש פאַר מיר...

איך בין מיט אַמאָל געוואָרן די וויכטיקסטע פּערזאָן אין שטוב, שיער נישט ווי דער טאַטע אַמאָל; בין געזעסן אויבן אָן, געקריגן דאָס אָנגעזעענסטע חלק ביים עסן, מיין ברודערל און שוועסטער זענען פאַר מיר געשטאַנען מיט דרך־ארץ, ווי פאַר אַ טאַטן, מיין מינדסטער ווונטש איז אויף דער רגע אויסגעפירט געוואָרן. אין אָנהויב איז עס מיר געווען אומבאַקוועם, אָבער איך האָב זיך צעוויינט און ס'איז רעכט געווען.

מיין פאַרדינסט ביים קאַמאַשנשטעפּער איז אָבער געווען גאַנץ קליין. איך האָב פאַרדינט, ווי מען זאָגט, „וואַסער אויף קאַ־שע". אין דער היים האָט מען זיך פּשוט גערעכנט מיטן שטיקל ברויט און דעריבער, אַזוי ווי איך האָב נאָר דערפילט, אַז איך קען די מלאכה — פּאַרטיק מאַכן אַליין אַ קאַלעווסע, האָב איך איינגעצאָלט עפּעס געלט אויף אַ מאַשין, געלאָזט זי אַהיימשטעלן,

די איבעריקע מכשירים האָב איך מיר אויך צונויפגעשאַפט. איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער היים פאַר זיך אַליין, צו זיין מיין אייגענער באַלעבאָס און — דאָס ערשטע מאָל זייט דעם טאַטנס טויט, האָבן מיר אָנגעהויבן צועסן ברויט צו דע־זעט און מאַכן אַ מלבוש פון אייגענער פּראַצע...

ער איז שטיל געוואָרן אויף אַ רגע און אַ זיפץ געטון.

— עך! ווי איך האָב מיך געפרייט און ווי שטאָלץ איך בין געווען, זעענדיק, ווי אין שטוב איז ווידער דאָ ברויט; ווי מיין שוועסטערל און ברודערל האָבן מער נישט קיין בלאַסע פאַרהונגערטע פּנימלעך; ווי די מאַמע ציטערט מער נישט איבערן ביסן ברויט, לייגט זיך מער נישט שלאָפן הונגעריק. איך אַליין האָב זיך אויך אַביסל אויסגעקליידט אויף יום־טוב. און שטעטל האָט מען זיך געשושקעט הינטער מיין רוקן: — „אַ יונג, אַ פאַרדינער, גאָלדענע הענט און פון אַ שיינער משפּחה, זאָל ער נאָר אַריבער־קומען דאָס „שטיין צום מיליטער"...

— ווייי, ווייי! דאָס שטיין צום מיליטער — דער פּריזיוו — דאָס האָט ווידעראַמאָל אַלץ צעבראָכן, אַלץ, וואָס איך האָב מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויט.

ס'האָט אָנגערוקט די צייט פון פּריזיוו. די מאַמע האָט געוויינט און געהאַפּט: — „גאָט וועט העלפן, דער טאַטע אויף יענער וועלט וועט עס אויסבעטן ביים כסא הכבוד"... איך האָב געהאַט שאַנסן באַפרייט צו ווערן: בין געווען דער עלטסטער זון און טאַטע — דער איינציקער פאַרדינער... שאַנסן האָב איך געהאַט, נאָר... קיין געלט צו געבן, האָב איך נישט געהאַט און — אָהין, אַהער, ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס לויפן צו אָנגעזעענע לייט. די נעם־קאָמיסיע האָט מיך אָנערקענט אַלס גוט, מ'האָט מיך צוגענומען צום מיליטער

טייכן טרערן האָט די מאַמע פאַרגאָסן, געהאַלטן אין איין גיין אויפן קבר־אבות, קברים רייסן, אָבער פאַרפאַלן: גאָט האָט נישט געוואָלט העלפן, דער טאַטע אין קבר האָט זיך נישט געגנג־עמיט. איך בין געווען צוגענומען — אַ זעלנער.

די צייט פון אָפּגעבן די שבועה ביז צום אָוועקשיקן, האָב איך, ווי דער מנהג איז דעמאָלט געווען, געדאַרפט זיצן אין אַרעסט, אָבער, אין דער היים איז געווען אַרבעט פאַרטיק צו מאַכן, קיין באַריכטיקונג איז נישט געווען; די עולה וואָלט שוין געווען צו גרויס — דער פעטער האָט פאַר מיר גוט געזאָגט מיט זיין הויז. איך האָב אים פריער געמוזט געבן די האַנט, אַז כ׳וועל נישט אַנטלויפן און — מ׳האָט מיך אָפּגעלאָזט אויף די צען־צוועלף טעג אַהיים.

— נאָר געדענק דעם תקיעת כף — האָט ער מיך בסדר דערמאָנט, דער פעטער.

ס׳האָט מיך געקאָסט אַ סך מי צו איבערצייגן די מאַמע, אַז איידער צו גיין דינען דעם קייזער, אָפּזיצן פיר יאָר ערגעץ אין טיף רוסלאַנד אין אַ קאַזאַרמע, איז גלייכער צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע. די מאַמע האָט תחילת נישט געוואָלט הערן דערפון. געוויינט און געשאָלטן, געשאָלטן זיך, וואָס זי האָט אַזאַ זון דערצויגן און מיך. וואָס איך פאַרקירץ איר די יאָרן:

— גוואַלט געוואַלט!... — האָט זי געשריגן, אַז איך האָב נאָר ס׳מויל געעפנט צו רעדן דערפון.

אָבער, ווי ביי אַלעם, האָט זי זיך איינציקווייז אויך דאָ גע־לאָזט איבעררעדן, אַזוי, אַז צום סוף, האָט זי נאָך גאָר געהאָלפן מיר דערטראַכטן דעם פּלאַן ווי אַזוי צו אַנטלויפן.

פון איצט אַנטלויפן איז נישט געווען צו רעדן. דער פעטער האָט פאַר מיר גוט געזאָגט מיט אַ הויז. דערצו האָט זיין ייִנגל אַהרעלע מיך נישט פון אויג אַראָפּגעלאָזט. פּשוט: נאָכגעקראָכן מיר ווי אַ שאָטן. אַ חוץ דעם, וואָלט איך אַליין אויך דאָס נישט געטון און אַריינגעזאָגט דעם פעטער אין שאָדן. ס׳איז געבליבן, אַז אַזוי ווי אין דער גובערניע שטאָט, וווּ מען שיקט איבער די רעקרוטן, האָט די מאַמע אַ קרוב, וועט מען מיט דער הילף פון קרוב דאָרט דאָס איינאָרדנען.

אַזוי האָבן מיר צווישן זיך אָפּגעשמועסט.

דעם לעצטן אָוונט פאַר מיין אוועקפאָרן פון דער היים, גע־
דענקט זיך מיר באַזונדער. אויפן טיש האָט געברענט דאָס גרעסע־
רע לעמפּל; אין דרויסן איז געווען אַ בייז ייִעמער־דיקע נאָך־סוכות־
נאַכט מיט אַ שטאַרקן קאַלטן ווינט און מיט רעגן טראָפּנס, וואָס
האָבן געשמיסן אין פּנים, ווי בייטשן... איך בין געזעסן אויף מיין
שטענדיקן אָרט ביים טיש. אַרום — די מאַמע, משהלע, חיהלע.
ס'איז געווען אַ טרויעריק שווייגעניש, ווי ביי אַן אָבל. יעדער האָט
געקוקט פאַר זיך, אום נישט אַ בליק צו טון אויפן צווייטנס פּנים,
זיך נישט צו צעוויינען; געגעסן דאָס שטיקל ברויט און צוגע־
טרונקען קאַווע. איך האָב געוווסט, אַז דאָס איז מיין לעצטע
מאָלצייט מיט די מיינינקע און טרערן האָבן מיך געוואָרגן אין
האַלז

פּלוצלונג אין מיטן שווייגעניש, האָט חיהלע אַרויסגעפּלאַצט
מיט אַ געוויין. איך האָב זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט. דאָס צעניאַ־
ריקע מיידל מיטן העלן צעפּל, איז פּשוט געוואָרן ווי משוגע: —
„מאַמע, מאַמע! — האָט זי געיאָמערט רייסנדיק זיך די האָר
פון קאָפּ און אָנווייזנדיק מיט דער טרייסלענדיקער האַנט אויף
מיר און קייכנדיק:

— מאַמע, מאַמע... אוי, מאַמע!...

ער, דער דערציילער, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ ווייל
געשוויגן. איך האָב אויך געשוויגן קוקנדיק צום ים. שטערן־שאָסן
לענגערע און קירצערע זענען געפלויגן אַהין און צוריק דאָ און
דאָרט פון אויסגעשטערנטן הימל איבער אַלע זייטן פון אומענד־
לעכן ים און אַ שטיל ברומען, ווי דאָס כראָפּען פון אַ שלאָפנדיקן
ריז, האָט זיך געהערט פון פעלזן־ברעג. און — ווי ער וואָלט עס
צו זיך אַליין געזאָגט, האָב איך געהערט אַרויסהויכן פון זיין מויל:

— די אָרימע, נעבעך, זי מוז האָבן דערפילט, וואָס צווישן
אונז וועט פאַרקומען ביים ווידערזען זיך, אין יאָרן אַרום

אָפּגעברומט דאָס, האָט ער אַ לענגערע ווייל געשוויגן, ציענ־
דיק הויך און שווער דעם אָטעם. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער

וויינט. אָבער איצט פאַרשטיי איך, אַז געוויינט האָט ער נישט, וויינענדיקס נישט מיט די אויגן. דאָס האָט דאָס געמיט זיינס געוויינט, די נשמה האָט געיאָמערט אין אים. און דאָס איז אַ גאָר זעלטן און מוראדיק געוויין. מיין בליק, כדי אים נישט אָנ־צוקוקן אין זיין טיפן און געהיימען צער, האָט אַלץ נאָך געבלאָנ־דזשעט איבערן ים. — פונקט אין דער מיט ים, ווו פריער איז געשטאַנען די לבנה, האָט איצט געפינקלט אַ שטערן, אַ גרויסער, העלער און גרינגלעכער שטערן און אַ פּאַס ים אונטער אים, איז אויך געווען גרין, גלאָזיק־גרין און שטיל איז געווען, אַזוי שטיל!... אַ חוץ דאָס איינטעניקע שטילע דונערן פון די ים־כוואַליעס, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין פעלז, האָט מען גאָר נישט מער געהערט, גאָר נישט. און דער וואַלד הינטער אונז האָט אויך געשוויגן. מיין דערציילער, האָט געהאַלטן אין מויל דאָס קאַלטע אויסגעלאָשענע פּיפּקעלע. אין בלאַסן אָוונט־שיין האָבן זיינע שמאָ־לע רויטע הויזן אויסגעזען, ווי גרינלעך, דער גרויסער בערעט האָט זיך אים פאַררוקט אַוועק אַביסל אין אַ זייט. איך האָב דעם אָטעם איינגעהאַלטן, אום נישט צו שטערן אים אין זיין שווייגן. אָבער דווקא די דאָזיקע פאַרשוויגענע שטילקייט, מוז אים האָבן צוריק אויפגעוועקט און ער האָט שוין ווידער גערעדט, נישט ווי צו מיר, נאָר צו זיך אַליין, ווי איינער וואָס האָט לאַנג געשוויגן און איצט רעדט ער:

— „צומאָרגנס אין אָוונט האָב איך מיך שוין געפונען מיט נאָך אַ סך רעקרוטן, יידן און גוים, אין דער גובערניע־שטאָט, ביים וואָיסקאָווע נאַטשאַלניק. דאָרט האָט מען אונז אָפּגעלאָזט אויף אַ פּאָר שעה אין שטאָט, צו מאַכן איינקויפונגען, פאַרשטייט זיך, אונטער דער שמירה פון אַ זעלנער. — מיין קרוב האָט מען שוין געהאַט פריער מודיע געווען אין וואָס דאָ גייט און וואָס ער האָט דערביי צו טון... דאָס עלטערע יידל נעבעך, האָט געפּלאָ־טערט ווי אַ בלאַט: — „רבונו של עולם! איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען פאַרמישט אין אַ זאַך פון מלכות"... — האָט ער

געשטאמלט מיט ציטערדיקע ליפן און בלאס פנים —

אָבער אָפּגעזאָגט זיך פון טון האָט ער נישט. איך האָב מיך אָוועקגעגנבעט פון דער פּאַרטיע (ס'איז איבעריקנס נישט אַזוי שווער געווען) בין געגאַנגען אויף אַן אָפּגעשטימט אָרט אין אַ שטוב, איבערגעטון זיך אין היימישע באַלעבאַטישע מלבושים, געלאָזט אָפּשערן די האָר און דאָס שפּראָצעדיקע בערדל. איך האָב געקריגן אַ פּאַס אין טאַש אַריין און, צוזאַמען מיט איינעם אַ „מאַכער", אַוועקגעפאָרן אין אַ גרענעץ־שטעטל. דאָרט האָט דער „מאַכער" פאַר גוט געלט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגענומען פאַר מיר אַ „קאַרט", כלומרשט, אַלס היימישער און איך בין כשר און פריי אַריבערגעגאַנגען די גרענעץ.

אין נאָענטסטן שטעטל פון יענער זייט גרענעץ, האָב איך צוגעוואַרט אַ פּאָר טאָג. די מאַמע האָט אין דער היים דערווייל פאַרקויפט מיין מאַשין מיט דינר ווערקשטעל און דאָס ביסל אויס־געאַרבעטע לעדער און מיר צוגעשיקט ס'ביסל געלט. דאָס איז גענוג געווען אויף אַ שיפס־קאַרט. בין איך אַריינגעפאָרן קיין ברעמען, זיך אויפגעזעצט אויף אַ שיף און צו די אַכט טאָג, וואָס איך האָב מיך אין דער היים געזעגנט מיט די מייניקע, האָב איך מיך שוין געפונען אין מיטן ים אויפן וועג קיין אַמעריקע.

— איין גאָט ווייסט — האָט מיין דערציילער אַ זיפץ געטון, אַ שטייגער ווי דאָס אַלץ וואָלט ערשט נעכטן געווען — ווי אַזוי די אָרימע האָבן אין דער היים געהאַט אויף אויסקומעניש נאָך דעם, ווי זיי האָבן מיר געשיקט דאָס גאַנצע געלט. איך האָב נישט געוואָלט און נישט געטאָרט דערפון טראַכטן. וואָרום זיך אַריינלאָזן אין דעם דאָזיקן טראַכטן פון דער היים — איז נאָר פון שיף אין וואַסער אַריין און אַ סוף!... איך האָב טאַקע נישט געטראַכט פון דעם, פאַריאָגט די מחשבות פון מיין קאָפּ, אָבער אינעווייניק אין מיר איז דאָס יאָ געלעגן און געבריט מיך, אַקוראַט ווי איך וואָלט אין מיר געהאַט אַ גליענדיק שטיינדל. און אַט דאָס וויסן אין וואָס פאַרא לאַגע מיינע אינדערהיים געפינען זיך־

האָט מיר געגעבן כּוח און שטאַרקייט דערנאָך אין אַמעריקע, אַלץ אין דער זייט צו ליגן, פון אַלעם אָוועקצוקוקן; אַלע שאַרפע שטיינער און שטעכעדיקע טשוועקעס אויף מיין וועג נישט זען, זיך צו שטופּן און צו גיין און צו גיין און נאָר זען פאַר זיך דעם איינציקן ציל: אַרבעטן און אַרבעטן, אַלץ איינס ביי וואָס פאַרע אַרבעט און ווי, אַבי נאָר צו פאַרדינען אום צו קאָנען אַהיימשיקן געלט פאַר די הונגעריקע מיילער.

ווי ס'האָט אויסגעזען מיין אַרבעטן און ביי וואָס כ'האָב אַלץ געאַרבעט? — אַז איך וועל דערציילן, אַז כ'האָב געאַרבעט אַכצן שעה אין מעת-לעת אין אַ שאַפּ ביי הויזן, צי ביי מענטל, אָדער ביי די היטלעך, וואָס זענען דעמאָלט געווען שטאַרק אין דער מאָדע — וועט דען עמעץ פאַרשטיין מיין פּיין און ליידן, ווען איך האָב אַמאָל נישט געקאָנט אַהיימשיקן די פּאָר טאָלער אַ חודש?

און אַז איך וועל דערציילן, אַז אַ צייט האָב איך ביינאַכט געהימן אַ רייע געוועלבער ערגעץ אין אַ ניו-יאָרקער שטאָט-טייל... איך האָב קיין געוואָרפן פון איין מלאכה צו דער אַנדערער; אין אַמעריקע קאָן מען דאָס — איך בין געוואָרן אַ פּעדלער און באַלד צוריק געגאַנגען אין שאַפּ, ווידער פּעדלער און ווידער אין שאַפּ... ביז איך בין צולעצט געבליבן ביים פּעדלען, זיך אַרויפגעאַרבעט — איבערגענומען פון איינעם אַ געוועלב פון פּרוכטן און ס'האָט מיר געגומען גיין נישקשה.

— איך בין דאָך די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע — האָט ער כמעט אויסגעשריגן און זיך אַרומגעקוקט — צומאָל אין קיין טעאַטער נישט געגאַנגען, אום נישט אויסצוגעבן איבעריק געלט! איך האָב דאָך צומאָל קיין חברים מיר נישט געזוכט, ווייל חברים ברענגען אַמאָל אויסצוגעבן געלט.

— ווי אַ הונט בין איך די פריִע צייט אין דער היים געלעגן און געלייענט די צייטונג, וואָס מיין וווינונג-באַלעבאָס, אַן אַמאָליִער שכן פון מיין שטעטל, האָט געקויפט.

צי איך האב פארדינט? — פרעגט שוין בעסער נישט ווי אזוי מיין ארבעטס־טאג האט אויסגעזען, ווי שווער און ביטער איך האב געהארעוועט, זייענדיק דער באלעבאס איבער זיך אליין און נישט אין שאפ, נאר אין א געוועלב — אין מיין אייגן געוועלב.

מ'זאגט, מענטשן זענען געוווינט צו זאגן, אז אמעריקע איז א גאלדענע מדינה — איז מיין דערציילער פלוצלינג אראפ פון זיין וועג און גענומען רעדן קלאר און זאכלעך, ווי איין געשעפטסמאן צום צווייטן — איך ווייס נישט, ווי היינט איז אמעריקע. איך רעד וועגן אמעריקע פון פאר דער וועלט־מלחמה און באלד נאך דער מלחמה — אוודאי איז אמעריקע אין א געוויסן זין א גאלדן־לאנד, אבער נאר אין זין פון פרייער קאנקורענץ און ברייטע מעגלעכקייטן, וואס דאס גיט יעדן טיכטיקן, פעיקן מענטשן די מעגלעכקייט זיך ארויפצוארבעטן. אבער כדי ארויפצוארבעטן זיך מוז מען אין אמעריקע אויסנוצן די גאנצע הונדערט פראצענט אנשטרענגונג און נאך מיט אן עודף, גארנישט אין פארגלייך מיט דער אלטער היים. אמעריקע — דאס געשעפטלעכע אמעריקע, מיין איך, איז ווי א גוט געשטעלטער זייגער, וווּ יעדעס רעדל האט זיך זיין פונקציע און טאר נישט אפשטיין פון צווייטן... העכער גיין — יא, אבער, חלילה! — נישט אפשטיין. אז דו צעגערסט דיין גאנג נאר אויף א מינוטעלע, פארדרייט זיך גאלד אלץ ארום דיר, דו ווערסט ארויפגעשמיסן, אויף דיין ארט זדרייט זיך שוין א צווייט רעדל און פאר דיר איז שוין מער קיין ארט נישטא, סיידן אנצוהויבן אלץ אינגאנצן פון אנהויב.

איך וויל נישט זאגן, אז איך בין געוועזן אזוי גוואלטיק פעיק, אבער קיין שלימזל בין איך אויך נישט געוועזן. ניין! אויף קיין פאל נישט! קוקט נישט וואס איך זיץ איצט דא מיט אייך, אנגעטון ווי א פישער און איך בין טאקע א פישער, האב אפילו נישט קיין אייגן שיפל און וווין אין א הייל — דאס האב איך זיך אליין פארשאפט, דאס איז מיין רפואה, מיין דערלייזונג; דער גערויש פון ים איז מיין מוזיק. דער ים לאזט קיין מאל נישט זיין צו פיל

מיט די אייגענע נישט ליבטע גערלאנקען, ווייל ס'איז שטענדיק דא צו קעמפן קעגן געפאַרן. איבעריקנס, איך האָב שוין קיין באַטריבטע געדאַנקען אויך נישט. איך זיץ דאָ, ווייל דאָ געפעלט מיר — האָט ער ווי טראַציק אויסגעשריגן, מיך אָנגעקוקט מיט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, צעבלישטשעטע אויגן, אָפּגערוקט זיך, אָפּגעצויגן עט־לעכע מאָל הויך דעם אָטעם און געוויינלעך צוגעגעבן:

— איך בין געווען ווי מ'זאָגט אין אמעריקע „אָלרייט" און האָב געמאַכט א לעבן.

פון דער הייב האָט מען מיר צוגעשיקט א פאָטאָגראַפיע. די מאַמע אָנגעטון אין אן אָרנטלעך קלייד, א גוט שייטל און אוירענג־לעך אין די אויערן. לעבן דער מאַמען משהלע — שוין א יינגל פון א יאָר צען און חיהלע (דאָ האָט ער זיך אביסל פאַרהאַקט) א מיידל פון א יאָר פופצן־זעכצן, שיין פאַרגלעט די האָר מיט א צאָפּ אריבערגעוואָרפן אויף פאָרנט; משהלע פון איין זייט, מאַמע און חייהלע פון דער צווייטער... די גאַנצע אַלטע, ווארעמע היים האָט ארויסגעשמעקט פון דער פאָטאָגראַפיע. א יום־טוב איז ביי מיר געווען דער טאָג. איך האָב געשפּירט, אז כ'לעב נישט בלויז פאַר זיך, אז א גאַנץ הויז, א גאַנצע ווארעמע נעסט האַלט איך אויס און דאָס האָט פאַרטאָפּלט מיין ענערגיע צו ארבעטן און אהיימשיקן געלט.

איך בין געווען שוין לאַנג אויסגעגרינט, האָב געהאַט א סך באַקאַנטע, האָב באַזוכט טעאַטער, האָב אויסגעגעבן אויף זיך, נישט צופיל אויסגעגעבן, אָבער אויך נישט געלומפּט זיך. איך האָב שוין געהאַט איבערגעוואָרפן א סך מסחרים און בין געשטאַנען אויף די פיס; כ'בין געווען דאָס, וואָס מ'רופט אין אמעריקע א ביזנעסמאַן.

פון דער היים די בריוו זענען געווען גוטע: „משהלע — האָט די מאַמע געשריבן — האָט א גוט קעפּל, גייט אין אן אָרנטלעך חדר, נאָך מיטאָג לערנט ער זיך שרייבן ביים גרעסטן לערער אין שטעטל; חייהלע, איז שוין קיין עין־הרע א פּאַננע, איז שוין ווי

זיבן וונעז, לערנט זיך אויך נאָך אביסל ביים לערער. דאָס געלט, וואָס דו, מיין ליבער זון, שיקסט פאַר אירעטוועגן, לייג איך אוועק יעדעס מאָל, אַזוי ווי דו פאַרלאַנגסט — נישט ביים שטאָט־נגיד, נאָר אין דער באַנק. כ'פאָר אריבער יעדעס מאָל אין דער פּאָוויאַטאָווער שטאָט און לייג עס אין דער גאָסודאַרסטווענע באַנק, און אַז ס'וועט זיך אָנזאַמלען טויזנט רובל אָן עין־הרע, וועל איך אם־ירצה־השם, טוען מיט איר א שידוך".

הייסט עס, ס'איז געווען גאָר נישקשה. די מאַמע וואָלט מיט איר א שידוך געטון, נאָך דער חתונה וואָלט איך זיי געברענגט צו זיך קיין ניו־יאָרק, משהלע מיט דער מאַמען וואָלטן אויך געקומען און מיר וואָלטן ווידער געווען צוזאַמען, שוין נישט אין רוסיש־פּוילן, נאָר אין אַמעריקע —

אַזוי וואָלט געדאַרפט זיין און ס'וואָלט געווען און איך וואָלט מן הסתם איצט נישט געזעסן דאָ, וואָלט נישט געווען קיין פּישער אויף דער זשיראַנד ביים אַטלאַנטיק —

איז דאָך אָבער די וועלט משוגע געוואָרן, האָט אין מיטן בעסטן זומער 1914 אויסגעבראָכן די מלחמה און די וועלט איז אין איין מינוט אומגעדרייט געוואָרן מיט די פיס אַרויף און מיטן קאָפּ און לייב און לעבן אַראָפּ.

איך בין באַלד אָפּגעריסן געוואָרן פון מיין אַלטער היים פון מיין משפחה, פאַרלוירן זיי, ווי מען פאַרלירט עמעצן אין א פינסטערן וואַלד אין א שטורעם־נאַכט. איך האָב געפּרוווט אַהין איבערשיקן געלט דורך א באַנק, איז נאָך א פּאָר חדשים דאָס געלט צוריקגעקומען מיט א באַמערקונג, אַז יענץ שטעטל איז עוואַקואירט געוואָרן, ווייל ס'איז געווען באַדראָט פון שונא און ווו דער אַדרעסאַט געפינט זיך איצט, איז אומבאַקאַנט

איך בין שיער משוגע געוואָרן פון זאָרג און נאַכקלערן. אָבער — געשעפטן און איבערהויפּט די געשעפטן אין אַמעריקע, האַלטן דעם מענטש, ווי מיט צוואַנגען. זיי פאַרלאַנגען דעם גאַנצן

מענטש, ווי ציען אים אין זיך אריין, ווי אין א זומפ און לאזן קיין ארט נישט איבער פאר עפעס אנדערש.

אין געשעפטן האב איך דעמאלט געמאכט גאר נישט קיין שלעכטע און אפילו בעסערע ווי ביז אהער... די מלחמה האט זיך פארצויגן, די צייטונגען האבן געברענגט גיעסן פון די פוילישע שטעט׳עך, אז דאס בלוט איז פארקילט געווארן אין די אדערן, אבער עס איז דאך געווען מער־ווייניקער אן אלגעמיין אומגליק און — אזוי ווי אלע אנדערע, וואס האבן געהאט קרובים אין מלחמה־געביט, האב איך אויך איבערגעהאלטן, פארשטופנדיק עס טיף אין הארץ מיט דער טרייסט, אז אייביק וועט דאך נישט זיין מלחמה און גאט וועט מסתמא העלפן און מיר וועלן זיך נאך זען אין פריידן.

אין דריטן מלחמה־יאר איז אמעריקע אריינגעטרעטן אין קריג. איך בין אריינגעצויגן געווארן אין מיליטער, האב איך מיין גאנץ פארמעגן געמאכט צו געלט, עס אריינגעטראגן אין א באנק און מיט דער אמעריקאנער ארמיי — אוועקגעשיקט געווארן קיין פראנקרייך קעמפן.

קנאפע אנדערטהאלבן יאר בין איך געווען אין פעלד, בין דורך דער צייט פארוואונדעט געווארן, בין לאנג געלעגן אין שפיטאל, דערנאך געווען אין א קוראָרט. אז איך בין צוריק געווארן געזונט און קאמפס־פעיק, האט זיך דערווייל די מלחמה געענדיקט. דער שטאלצער דייטש איז געווען געבראכן. מ׳האט אים דיקטירט באדינגונגען און געשלאסן וואפנשטילשטאנד.

נאכן אונטערשרייבן דעם שלום איז די אמעריקאנער ארמיי צוריקגעצויגן געווארן אהיים. איך בין ווידער געווארן א פרייער מענטש, געזונט, א בחור פון קוים איבער דרייסיק יאר און — נאך רייכער ווי פריער. מיין געלט אין באנק איז דערווייל אויך היפשלעך צוגעוואקסן.

זאב איך מיך ווידער אריינגעלאזט אין געשעפטן, אבער מיין נשמה איז ווייטער נישט רויק געווען וועגן דער היים. איך

האָב אַהין געשריבן בריוו, אָבער קיין שום תשובה נישט דער־האַלטן. האָב איך געשיקט אַ רעקאָמענדירטן בריוו, איז ער צוריק־געקומען מיט אַ צושריפט, אַז דער אַדרעסאַט געפינט זיך נישט דאָרט.

איך בין שוין געווען זיכער, אַז מיין גאַנצע משפחה לעבט נישט מער. האָט מיר אַ פריינט אַן עצה געגעבן, צו זוכן מיינע קרובים דורך אַ צייטונג, האָב איך אַזוי געטון און אייגמאָל, עט־לעכע חדשים שפעטער, ווען איך האָב גראָד גאָר נישט געטראַכט דערפון, באַקום איך אַ בריוו פון פוילן פון דער שטאָט וואַרשע. איך האָב תחילת געמיינט, אַז ס'איז נישט צו מיר, אַ טעות עפּעס, אָבער אין בריוו האָט מען מיר צוזויסנגעטון, אַז מיין מאַמע און ברודער לעבן נישט מער: מיין ברודער איז געהרגעט געוואָרן, בעת די רוסן האָבן אַרויסגעטריבן די יידן פון שטעטל; ווידער די מאַ־מע איז געשטאָרבן מיט צוויי יאָר צוריק אין וואַרשע פון אָפּ־געשוואַכטקייט... די בריוו־שרייבערין איז מיין שוועסטער היהלע, זי געפינט זיך אין וואַרשע און זי גריסט מיך.

דער בריוו, די האַנט־שריפט, איז נישט געווען קיין קינדע־רישע, נערוועזע קרימלעכע אותיות פון אַ פרויען־האַנט. איך בין נישט קיין גראַפאָלאָג, קיין ספּעציעלער מבין אויף האַנט־שריפטן בין איך נישט, אָבער אָט דער בריוו, מיט זיין קילקייט, מיט די שטייפע אותיות, שטייפע און פאַרט געבראָכענע, האָט מיר אַזוי פיל דערציילט שטומערהייט, אַז איך האָב עטלעכע נעכט נישט געקאָנט שלאָפן.

יאָ, די אותיות האָב איך שטודירט ערשט שפּעטער. די ערשטע פאָר טעג בין איך גלאַט צעבראָכן געווען פון די טרויעריקע נייעס.

איך האָב באַלד אָנגעהויבן מיט מיין שוועסטער אַ בריוו־וועקסל, געבעטן זי, מיר צו שיקן איר פאָטאָגראַפיע. אָבער קיין פאָטאָגראַפיע האָט זי מיר נישט געשיקט. אויף מיינע בריוו האָט זי זעלטן און שווער געענטפערט; וועגן איר לעבן, אַז מלחמה־

צייט האָט זי זייער שטאַרק געליטן; אַ סך מענטשן זענען געשטאָרבן פון הונגער. זי אָבער, כאָטש אויך איצט מאַטערט זי זיך נאָר, דאָך פילט זי זיך געזונט און אַרבעט.

וואָס זי אַרבעט, האָט זי מיר נישט געשריבן.

— פאַרשטייט זיך! — האָט מיין דערציילער אויסגעשריגן און זיך אַזש פאַרגאַנגען אין אַ קוויטש, ווי אַ פרוי, ווען זי קריגט כפּאַזמעס — ליידן מענטשלעכן שכל, האָב איך געדאַרפט איר שיקן געלט, זי זאָל אָדער אַהערקומען, אַז נישט — אין דער היים זיך איינאָרדנען איר לעבן. וואָרום, טאַקע אַזוי! — די טויטע וועל איך שוין צוריק לעבעדיק נישט מאַכן. ווידער די, וואָס לעבט — נאַ דיר געלט און לעב ווי דו פאַרשטייסט.

האָט אָבער, אין אַ בייזער מינוט מיך אַ פּאַק געטון אַ פּלאַן: „ווייסטו גאָר וואָס, לייבל (אַזוי האָט מען מיך אַלס קינד אין דער היים גערופן) — וואָס וועסטו דאָ זיצן און אויסקוקן די קאַרגע בריוו. נעם אַביסל געלט אין טאַש און פאָר דיך איבער קיין יוראָפּ...

און — געזאָגט, און געטון. איך בין דאָך עפּעס שוין אַן אַמעריקאַנער נישט פון היינט. האָב איך אָפּגעשטעלט די געשעפטן אויף אַ צייט. געמאַכט זיך אַ פּעקל. ס'הייסט — נישט קיין פּעקל, נאָר גוטע אַמעריקאַנער וואַליזעס. געקויפט אין אַ קאָנטאָר אַ שיפס־קאַרט און — מ'פאָרט! —

— מיינט איר דאָך אפשר — האָט ער דערהויבן זיין קול, כמעט ווי מיט כעס — אַז איך בין געזעסן אויף דער שיף און געוויינט, אָדער ווייניקסטנס טרויעריק געווען? — האָט איר, איר הערט, אַ גרויסן טעות! — האָט ער ווייטער געשריגן, אַ שטייגער, ווי איך וואָלט מיך מודה געווען, אַז כ'האָב אַזוי געטראַכט — די שיף איז געווען פול מיט געזונטע, יונגע מענטשן, וואָס זענען געפאָרן אָנקוקן דעם ערשט־פאַרלאָזטן מלחמה־פּלאַץ אין אייראָפּע און איך אַליין — אַ געזונט־געוואַרענער, פאַרמעגלעכער אַמעריקאַנער, אַ בחור פון איין און דרייסיק יאָר, ווידער, וואָס מיינע

עלטערן זענען געשטאָרבן? א מענטש פון דרייסיק יאָר און נאָך אַן אמעריקאַנער, וועט זיך נישט זעצן וויינען נאָך א געשטאָרבע־נער מאַמע און ברודער. אין דער מלחמה האָב איך א סך טויטן און אומגליקן געזען... די ערשטע פּאָר טעג נאָכן דערהאַלטן דעם בריוו פון דער היים בין איך טאַקע געווען צעררודערט, אָבער אייג־ציקווייז, האָט עס אין מיר א היפּש ביסל אויסגעוועפּט. און נישט היינט און נישט נעכטן זענען זיי דאָך געשטאָרבן, נאָר שוין א פּאָר יאָר און קיין מאַמע־קינד בין איך דאָך שוין אויך נישט. די מלחמה — ווער עס מאַכט זי מיט, דאַרפט איר פאַרשטיין, ווערט דאָרט פון א סך קינדערישע זאַכן לויז... און אַט אזוי, אין דער דאָזיקער געוויינלעכער שטימונג, בין איך אָנגעקומען קיין פּוילן, אריינגעקומען קיין ווארשע קעגן פאַרנאַכט־צייט אָנהויב ווינטער 1919 און פאַרפאָרן, מעשה אַמעריקאַנער, אין א האָטעל.

— צי מיין שוועסטער האָט געוווסט אז איך קום? — ניין! זי האָט נישט געוווסט. איך וויים אליין נישט פאַרוואָס איך האָב איר דערפון נישט געשריבן. אפשר פאַר אירע קורצע און קילע בריוו צו מיר. נאָר מעגלעך, אז מעשה אַמעריקאַנער „באַי", האָב איך איר געוואָלט מאַכן א סוירפּריז און זי איבערראַשן פּלוצלונג — איך געדענק נישט גענוי, צי צוליב דעם ערשטן אָדער דעם צווייטן.

ווארשע, איך מיין די ווארשעווער באַפעלקערונג, האָט דאָ־מאָלט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי א מענטש, וואָס האָט ערשט איבערגעהאַלטן א זייער שווערע קראַנקהייט און ער פילט זיך נאָך נישט אינגאַנצן געזונט. ער שלעפּט זיך נאָך קוים אויף די פיס... די נאָך־אַלץ צעשראָקענע און פאַרמאַטערטע פּנימער, איבערהויפּט פון יידן, האָט מיך די ערשטע מינוט איבערראַשט און דערדריקט, נאָר — א מינוט שפּעטער — נאָך מיט מער שטאָלץ איבערצייגט אין מיין אַמעריקאַנער זעלבסטווירדע; אין דעם פּאַס, וואָס איך האָב ליגן אין מיין קעשענע און אין טשעק־ביכל... אפשר געדענקט איר נאָך, וואָס עס האָט דאַמאָלט געהייסן זיין אַן אַמעריקאַנער אין

פוילן? — אַלע טירן זענען פאַר מיר אָפן געווען; אַלע רוקנס האָבן זיך פאַר מיר געבויגן; אַלע פנימער האָבן צו מיר זיס געשמייכלט און אַלע פיס זענען גרייט געווען אויף מיין ערשטן ווונק צו לויפן ביז עק וועלט.

אין האָטעל האָט מען מיך אויפגענומען, נו, איך וועל נישט איבערטרייבן — ווי דעם אַמעריקאַנישן — נישט פּרעזידענט, איז — פינאַנץ־מיניסטער. מיינע גרויסע אַמעריקאַנער ברילן האָבן שוין אַלץ גערעדט פאַר מיר. איך האָב גאָרנישט גערעדט. מ'האָט אַלץ געטון פאַר מיר און גערעדט.

עס וועט אייך מן הסתם נישט וווּנדערן, אַז איך וועל אייך דערציילן, אַז פאַר מיין לייגן זיך שלאָפן, ווען דער שווייצער איז מיט אַ אונטערטעניקער דינסט־גרייטקייט אַריינגעקומען מיך פרעגן, צי איך ווינטש מיר נישט עפּעס און מיר אָנגעוויזן, ווי אַזוי און ווו אָנצוקלינגען ביינאַכט אין פאַל, איך וועל עפּעס דאַרפן — האָט ער אין איינוועגס מיר עפּעס איינגעשושקעט לעבן אויער און געשמייכלט דערביי אַזוי, אַז דאָס האָט געדאַרפט מיך איבערצייגן, וועגן די גן־עדן־תענוגים, וואָס ער קאָן מיר צושטעלן אויף היינט ביינאַכט. און פּונקט אַזוי וועט אייך מן הסתם נישט ווונדערן, אַז איך — דער געוועזענער זעלנער אין דער מלחמה, וואָס איז איצט אַ געזונטער מאַנסביל און מיט אַ ביסל געלט און אָן שרעק פאַר דער צוקונפט; געקומען צופאָרן — נישט אין מיין שטעטל און נישט צו זען זיך מיט טאַטע־מאַמע, נאָר אין אַ פרעמד לאַנד, אין אַ ווילד־פרעמדער שטאָט געקומען זען זיך מיט אַ קאַלטלעבער שוועסטער, וועלכע ווינט מן הסתם ערגעץ איינגעדונגען, — אַז איך האָב אַ נאַכט פאַרן זען זיך מיט מיין שוועסטער... אַז איך האָב גענעדיק אַ שמייכל געטון, וואָס דער שמייכל האָט באַדייט: „אָבער זאָלסט מיר ברענגען, פאַרשטייסטו דאָך שוין, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רייכן, גליקלעכן אַמעריקאַנער".

און דער שווייצער האָט געברענגט.

צום ערשט איז אויף די שפּיץ פינגער אַריינגעקומען ער, דער

שוויצער, מיר צוגעשושקעט, אז די „פריילין" איז נאָך אין באָד־צימער. איך דאַרף גאָר נישט קיין מורא צו האָבן, זי איז נישט קיין פּראָסטיטוטקע און ערשט נאָך די אַלע פאַרזיכערונגען, האָט ער מיר כלאַחר־יד צוגעשושקעט, אַז ער האָט געזען איר ביכל, זי איז ערשט הײַנט געווען ביים פּאָליציי־דאָקטאָר אויף אַן „אונטערזוכונג".

צי די פרוי איז מיר געפעלן? יאָ! געפעלן, זייער שטאַרק געפעלן; יאָ, זי איז מיר געפעלן! — האָט ער איבערגעחזרט און לאַנגזאַם ווייטער גערעדט — אַ טונקל פּנים מיט בלאָע אויגן מיט לאַנגע ברעמען, אונטער וועלכע עס איז געלעגן אַ שאָטן; צאַרטקייט, צניעות און צוזאָגנדיקער גן־עדן.

— אָבער הערט, ווי געניי איך געדענק אַלץ! — האָט ער אויסגעשריגן און אומהיימלעך זיך צעלאַכט, ווי אַ משוגענער. דאָס איז געווען אַ געלעכטער, ווי אײַזער, וואָס פּאַרעט זיך מיט אַ נאָדל אין אַ שמערצלעכער וווּנד. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון פון אָרט, אַ זעץ געטון זיך מיט דער האַנט אין דער קני, אַ ווייל געשוויגן און ווייטער אָנגעהויבן מיט אַ געשעפּטלעך — וואָלט איך געזאָגט — זאַכלעכן טאָן, מיר דאַכט זיך, אַז נאָך זאַכלעכער, ווי ביז אַהער:

— יאָ, די פרוי איז מיר געפעלן. איך האָב זי גענומען אויף אַ שעה און געהאַלטן זי אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב געפּרוּווט צו איר רעדן ייִדיש, האָט זי מיר נישט געענטפערט, איז זי, הייסט עס, אַ קריסטין — האָב איך מיר געטראַכט מיט צופרידנקייט און ווי עס איז גערעדט מיט איר פּויליש...

יאָ, אמת, איך קאָן שוין נישט קיין פּויליש — האָט ער געפּלאָפּלט מיט שטייגנדיקער אויפרעגונג — אָבער אַ פּאָר ווערטער געדענק איך נאָך פונדעסטוועגן. אַ חוץ דעם, צי דאַרף מען רעדן? כי־כי כככב!... — האָט ער זיך פּלוצלונג ספּאַזמאַטיש צעלאַכט.

ער איז שטיל געוואָרן. איך האָב דערקענט אין זיינע תנועות, מיט וואָס פאַר אַ אומטענטשלעכער קראַמפּ ער באַרויקט זיך, און

טאַטע באַלד, האָט ער צוריק אָנגעהויבן צו רעדן רויק, נאָר דאָס קול האָט אים אַ ביסל געציטערט.

— זי איז בײַ מיר געבליבן די גאַנצע נאַכט. אין דער פֿרי האָב איך איר אַ חוץ דעם אָפּגערעדטן פֿאַרדינסט, באַזונדער באַלוינט פֿאַר איר פֿלײַסיקייט.

נאָך איר אַוועקגיין בין איך אײַנגעשלאָפֿן און אָפּגעשלאָפֿן ביז אַרום מיטאָג, האָב געפֿרישטיקט אין בעט, גענומען אַ באָד, זיך אָנגעטון און פֿאַר מײַן פֿאַרלאָזן דעם האָטעל האָב איך מיט מײַנע פֿאַר ווערטער פֿויליש געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם שווייצער, ער זאָל מיר אויף הײַנט בײַנאַכט ווידער באַשטעלן די זעלבע פֿרוי.

דער שווייצער האָט מיט אַ טיפֿן נייג און אונטערטעניקן שמייכל מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מײַן פֿאַרלאַנג דערפֿילן.

— איר פֿאַרשטייט, צי ניין?

ערשט נאָכמיטאָג בין איך צוגעגאַנגען צו אַ טאַקסי. ס'האָט נאָך געדויערט ביז איך האָב אויסגעפֿונען אין מײַן בריוו־טאַש דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט מײַן שוועסטערס אַדרעס. כ'האָב דאָס געוויזן דעם שאָפֿער. ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. איך בין אַרײַן אין אויטאָ און מיר האָבן זיך געטראָגן איבער די וואַרשעווער גאַסן צו מײַן שוועסטערס וווינונג, איך וועל קומען צו איר אומגעריכט.

איך בין אײַנגעטלעך געווען די גאַנצע צײַט פֿון פֿאָרן רויק, זייער רויק. אויב מיך האָט עפּעס באַאומרויקט, איז געווען דאָס, אַז זי איז אַוודאי איצט ערגעץ בײַ דער אַרבעט און איך וועל זי נישט טרעפֿן אין דער היים.

מײַן אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שטילער נישט גאָר זייער גאַס פֿאַר אַ געוויינלעך הויז. אין טויער איז מיר אַקעגנגעקומען דער סטרוזש — עפּעס אַ צרהדיק פֿויערל. מײַן שאָפֿער האָט עפּעס צו אים גערעדט, ווײַזנדיק אים מײַן פּאַפּירל מיט דער אַדרעס פֿון מײַן שוועסטערס וווינונג. דער סטרוזש, האָב איך באַמערקט, האָט מיך אָנגעקוקט און עפּעס געשמייכלט הינטער די גראָע, פּייכטע וואָנסעס. מיך האָט זײַן שמייכלען געוווּנדערט. פֿון

וואַנעט ווייסט ער — האָב איך געטראַכט — ווער איך בין? — און אפשר — האָב איך געטראַכט ווייסט זי שוין עפּעס? אפשר האָט אַ באַקאַנטער צו איר געשריבן, איר צו וויסן געטון פון מיין קומען... דאָס איז אָבער אוממעגלעך, איך האָב קיינעם נישט דערציילט פון מיין געפּלאַנטער נסיעה.

מיר זענען געגאַנגען אויף די שטיגן פון עפּעס א הויז אין א הויף. איך געדענק, א גרוי טונקל הויז מיט א מיסט־קאַסטן פאר דער טיר. דער סטרוזש פריער, איך — הינטער אים, געגאַנגען טרעפּ איין, טרעפּ אויס, פאַרביי אָפּגע־יסענע נישט ריינע טירן, נישט אויסגעקערטע קאָרידאָרן. אז מיר זענען געקומען שוין צום גאָר העכסטען שטאָק, האָב איך מיר עפּעס איבערגעלייגט. איך האָב אויף דער גיך אויפגעשריבן א פּאָר יידישע ווערטער אויף א שטיקל פּאַפּיר, דערמיט אריינגעשיקט דעם פויער, איך בין געבליבן וואַרטן הינטער דער טיר און...

מיין דערציילער האָט זיך האַסטיק א דריי אויס געטון, א קוק געטון, ווי מיט שרעק אויפן הימל, אויפן גרין־בלישטשענדיקן שטערן און באַלד — הינטער זיך און שטיל שעפּטשענדיק מיט א שמערצלעכער גרימאַסע אויפן פּנים, געזייט דורך די ציין:

— איר פאַרשטייט ,איך ווייס נישט, צי איך בין לאַנג צי קורץ געשטאַנען. א ביסל מוז עס פונדעסטוועגן האָבן געדויערט. די טיר האָט זיך געעפנט, יאָ, געעפנט און פאר מיינע אויגן, איז אין א ברייט, צעלאָזט, לופטיק קלייד געשטאַנען... ווייסט איר ווער... — האָט ער מיך מיט כוח אָנגעכאַפּט ביים אָרעם און זיך הייזעריק צעלאַכט מיט א משוגע־געלעכטער — איז געשטאַנען — די, וואָס האָט נעכטן ביינאַכט מיט מיר פאַרבּרענגט און וואָס איך האָב זי שוין געהאַט ווידער באַשטעלט אויף דער היינטיקער נאַכט.

יאָ, מיר זענען געשטאַנען און זיך אָנגעקוקט, ווי צוויי שטומע און פאַרשטאַרטע. סאַרא פּנים איך האָב געהאַט ווייס איך נישט. זי איז געשטאַנען מיט אן אָפן מויל און ארויסגעזעצטע אויגן, אויפן

פנים איז איר געלעגן — די מאמע, די פארשטארבענע מאמע האט זיך אינגאנצן אויף איר פנים אפגעשפיגלט... א האנט אירע, געדענק איך ווי פון א נעפל, איז געבליבן אויסגעצויגן אין דער לופט, ווי זיך אן עפעס אנצוכאפן און די צווייטע פארבויגן אין עלנבויגן ביים פנים, ווי זיך פון עפעס צו באשיצן. אט אזוי זענען מיר, דער ברודער און די שוועסטער, געשטאנען איינער קעגן אנדערן און צוויי שען אונז ווי אין א רעם, — די געעפנטע טיר. צי דאס האט געדויערט א רגע, צי א שעה א גאנצע, נאר מיט אמאל, האט זיך, אן צו הער, [illegible] ווי א געשפענסט אין, א קאשמאר־דיקן חלום — הינטער מיר געהויבן אויף די שטיגן דער שווייצאר פון מיין האטעל; מסתמא מיט מיין באשטעלונג... ניין! דאס איז נישט געווען קיין געשפענסט און נישט קיין איינבילדונג. ער איז מיר פארבייגעגאנגען נישט דערקענענדיק מיך. איך האב דייטלעך געזען דאס גאלד בענדל אויף זיין היטל און אויפן קראגן; ער איז פארבייגעגאנגען פארביי מיר און מיך א טשעפ געטון מיט זיין ארעם, ווייל איך בין אים געשטאנען אין וועג, דאמאלט מוז „זי" אים האבן דערזען און — דערקענט... די פארשטארטע האט א רעווע געטון — דאס האב איך דערנאך ערשט זיך דערמאנט, היינט, ערשט, אט, איצט, הער איך אין די אויערן דאס משונהדיקע רעווען, וואס איך ווייס גארנישט פון וואנעט עס נעמט זיך ביי א מענטש און נאך דערצו ביי א פרוי. דאמאלט האב איך נאר געזען מיט מיינע, אויסגעשטעלטע, אויפגעריסענע אויגן — די אומבאוועגלעכע פיגור אין בעט; קלייד האט זיך א צעצאפל געטון; אן אויפגעריסן אפן פענסטער, עפעס א באוועגונג דארט, דער מיטן גאלדן בענדל איז האסטיק צוגעלאפן, כדי נישט צו דערלאזן, איין וואנסע זיינע א שווארצע, האט זיך אהין א צי געטון, און באלד האט ער זיך א צי צוריק געטון מיט צוויי צעגומענע אפענע הענט, מוז זיין פון א קלאפ, וואס ער האט באקומען פון איר און דורכן אויפגעריסענעם פענסטער, האט עפעס א מיגניע געטון — אראפ....

וואס מיט מיר איז געווען ווייס איך נישט. איך געדענק נאר,

אַז ביים האַרץ איז מיר עפּעס אַזוי הויל געוואָרן און שוואַרצע רעדער האָבן מיר אָנגעהויבן צו גיין פאַר די אויגן.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אין שפּיטאָל. איך בין נישט געווען שטאַרק פאַרוואונדעט; ביים אַראָפּפאַלן פון די שטיגן האָב איך מיר אַ ביסל צעקלאַפּט דעם קאָפּ און רוקן. אין שפּיטאָל בין איך געלעגן היפּשלעך לאַנג, ווייל אַ חוץ דאָס צעקלאַפּן, האָב איך אָנגעהויבן צו קריגן רעגלמעסיק נערוון־אַטאַקעס און מ'האָט מיך געהיטן.

די פאַרשאָלטענע צייטונגען האָבן דערווייל צעפּויקט דאָס געשעעניש, אָנדערצייילנדיק פאַרשידענע רכילותן, אונטערטראַגנדיק מענטשנס אומגליק פאַר זייערע גראַשנדיקע לעזערס. פון אַמעריקאַנער קאָנסול איז מען געקומען מיך באַזוכן און אויסגעפרעגט, צי די מאַכט דאָ, האָט מיך נישט מיט עפּעס באַוועלחט.... צו מיינע נערוון אַטאַקעס איז דאָס אַלץ געווען ווי בוימל אויפן פייער. און מיין ליגן אין שפּיטאָל האָט זיך פאַרצויגן.

ווען מיר איז שוין בעסער געוואָרן בין איך געוואָר געוואָרן, אַז „זי" איז נישט טויט, נאָר שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן, ווייל אַראָפּפאַלנדיק, איז זי נישט געפאַלן גלייך אויף דער ערד אַראָפּ, נאָר אויף אַ באַלקאָן און פון באַלקאָן ערשט אויף דער ערד.

אַז איך בין אַרויס פון שפּיטאָל האָב איך מער נישט געקאָנט פאַרבלייבן אין דער דאָזיקער שטאָט. צוריקפאָרנדיק, האָב איך דער פילט, אַז איך קאָן איצט נישט אַזוי קומען שוין אַמעריקע און זיך צוריקנעמען צו מיינע געשעפטן און נאָר, כדי איך זאָל נישט איינגאַנצן משוגע ווערן, האָב איך מיר אויסגעזוכט אַ שטיל ווינקל, ווייט פון דער רוישיקער וועלט און פון נייגעריקע מענטשנס אויגן. אַזוי ווי איך בין אין אַן אָרט נישט ווייט פון דאַנען געווען אויף קוראַציע מלחמה־צייט, נאָכן אַרויסקומען פון שפּיטאָל, בין איך דאָ אַהערגעקומען. די ערשטע צייט האָב איך מיך דאָ אַרומגעדרייט מיט צעמישטע געדאַנקען. ביז איינמאָל האָב איך פון מיר אַראָפּגעוואָרפן אַלץ, וואָס קאָן מיך נאָר דערמאָנען פון דער רוישיקער וועלט. אַלץ פון מיר אויסגעטון און עס אַריינגעוואָרפן אין ים, זיך אָנגעטון ווי

די פֿויערים דאָ, זיך באַזעצט אין אַ הײַל און געוואָרן אַ פֿישער.

ער איז שטיל געוואָרן, מיר האָבן זיך לאַנג אָנגעקוקט. איך האָב עפּעס אַ בּאַרכל געטון מיטן האַלז. ער האָט, מסתּמא, געמיינט, אַז איך וויל עפּעס זאָגן און ווײַטער אָנגעהויבן צו רעדן:

— גיין, דאָס פֿײַניקט מיך שוין נישט. ס'איז שוין עלף יאָר אַוועק. די צײַט פֿאַרווישט אַלץ. אַ חוץ דעם איז מײַן קוק אויף דעם ראָמאַנטיקן געשעעניש אויך שוין אַן אַנדערער. דער ים און די שטילקייט האָבן מיך אויסגעלערנט, אַז ס'איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין זאַך, וואָס זאָל זײַן שרעקלעך. אַפֿילו דאָס שרעקלעכסטע איז נאָר שרעקלעך, ווײַל מענטשן רעדן דיר אַזוי אײַן. איך וואָלט שוין אײַנגטלעך געקאָנט צוריקפֿאָרן, אָבער מיר געפֿעלט דאָ. נישטאָ דאָ דער טומל און די לאַנגווײַליקייט, וואָס אין שטאָט. איך דאַרף נישט, נישט די ליבע און נישט דעם האַס. מיר איז דאָ גוט, און מײַן געלט, וואָס כ'האָב געהאַט, האָב איך גאַנץ רויק איבערגעווייזן קיין וואַרשע פֿאַר מײַן שוועסטער, אויפֿן פֿאַל, אויב זי לעבט, איך דאַרף עס נישט.

ער האָט נאָך עפּעס גערעדט דער מענטש, מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין זײַן איצטיקן קוק אויף וועלט און לעבן. איך בין אָבער שוין אַזוי פֿאַרטאָטערט געווען, אַז איך בין קעגן מײַן ווילן אײַנגעשלאָפֿן.

אַז איך בין אויפֿגעכאַפּט, איז שוין לאַנג צוריק טאָג געווען. די זון האָט געשײַנט, דער וואַלד האָט געשוויגן, דער ים האָט געררויישט. איך האָב מיך אומגעקוקט און גענומען גיין צו דער באַן. לעבן מײַן אומגעלייגטן בוים־שטאַם האָב איך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד אַ פֿיפֿעסלע. איך האָב דערקענט, אַז דאָס האָט דער אומבאַקאַנטער בײַנאַכט געררייכערט. איך האָב דאָס פֿיפֿעסלע געלייגט אין קעשענע. אַזוי ווי איך האָב נאָך געהאַט אַ ביסל צו וואַרטן אויפֿן צוג, בין איך געגאַנגען אויפֿזוכן דעם מענטש און אים אָפּגעבן, וואָס ער האָט פֿאַרלוירן. איך בין אַראָפּגעגאַנגען אין די הײַלן, געזוכט אים בײַ די פֿישערס און האָב אים נישט געזען און קיינער האָט מיר נישט געוווּסט פֿון אים צו זאָגן.

איך האָב דאָס לולקעלע מיטגענומען מיט זיך, טאָמער וועל איך אים אַמאָל טרעפן. איך בין נאָכדעם, ווידעראַמאָל דאָרט געווען אין דערפל, געזוכט אים א פּאָר שעה און נישט געפונען. א באַקאַנטער מיינער. האָט דוקא געוואָלט האָבן, אז די גאַנצע מעשה האָט מיך געחלומט. ווען איך האָב געגעכטיקט אין וואלד, האָב איך געהאָט אזא קאָשמאַר, ווייל איך האָב זיך געשראָקן. איך וואָלט שוין באלד אויך אזוי געמיינט. אָבער דאָס לולקעלע, וואָס איך קוק איצט דערויף, זאָגט עדות, אז דאָס איז נישט געווען קיין חלום און ווער עס וויל זיך איבערצייגן, בין איך גרייט אים עס צו ווייזן.

סאַן זשאָרזש דערידאָן 31.8 1930 י.